דערציילט. איינע, סאָניע לערנער, האָט געוווינט נישט ווייט פון שלאָס און געזען דורך אַ פענצטער פון איר שטוב ווי מען האָט די דערשאָסענע יידן באַגראָבן (סאָניע לערנער זאָל זיך איצט געפינען אין ישראל).

ווען עס איז פאָרגעקומען די דאָזיקע שחיטה בין איך געווען אין יידישן שפּיטאָל. פון אָנהויב בין איך דאָרט געלעגן ווי אַ קראַנקער און שפּעטער האָב איך געאַרבעט אין טעכנישן פּערסאָנאַל.

צומאָרגנס נאָך דער שחיטה זענען אין שטאָט געהאַנגען אַפישן, אין דייטש און אין אוקראַיניש, אַז דאָנערשטיק, (די דאַטע געדענק איך נישט גענוי) 1941, אַזייגער 6 פּאַרטאָגס, זאָלן אַלע יידן־מענער, פון 16 ביז 60 יאָר זיך צושטעלן מיט לאָפּעטעס און האַמערס און איין פּאָרל וועש אויפן זעלבן ליובאַרט־שלאָס אויף אַרבעט. פאַר נישט צושטעלן זיך דראָט טויט־שטראָף. די אַלע, וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט, האָבן געהאַט דעם זעלבן סוף, וואָס די פריערדיקע יידן. מען האָט געשמועסט, אַז עס האָבן זיך צוגעשטעלט 3,000 יידן.

✶

אַרום סוף יולי 1941 האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידן זאָלן שאַפן אַ „יודענראַט". די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן שוין דערמאָנטן אוקראַינישן דאָקטאָר בילאַבראַן. ער האָט זי איבערגעגעבן דעם יידישן דאָקטאָר קאַרטשעמני און אים גלייכצייטיק געזאָגט, אַז ער, קאַרטשעמני, זאָל ווערן דער עלטסטער פון „יודענראַט" און צונעמען צו זיך נאָך יידן. ד״ר קאַרטשעמני האָט אָנגענומען דעם אַמט און געשאַפן אַ „יודענראַט", צו וועלכן עס האָבן געהערט: ד״ר יצחק פּינוס (געפינט זיך איצט אין אַמעריקע), פרוי ד״ר ראָזענקראַנץ, פירערין פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע, פרוי האוסמאַן, דירעקטאָר פון דער יידישער באַנק, האָפמאַן, סאַשאַ פּינטשוק א. א.

דער „יודענראַט" האָט דורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע פון אַלע יידן, אַרויסגעגעבן ברויט־קאַרטלעך, צוגעשטעלט די געפאָדערטע צאָל יידן אויף אַרבעט פאַר די דייטשן א.ד.ג. ער האָט אויך געגומען ביי די יידן קאָנטריבוציע פאַר די דייטשן. דער „יודענראַט" האָט נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט דער היטלעריסטישער אַדמיניסטראַציע. זיי האָבן נישט געוואָלט קומען אין קיין שום באַרירונג מיט די יידן. דער פאַרמיטלער צווישן דעם „יודענראַט" און די דייטשן איז געווען דער שוין דערמאָנטער אוקראַינישער ד״ר בילאַבראַן (נאָך דער מלחמה איז ער געווען אין דייטשלאַנד, זיין טאָכטער האָט אין דער מלחמה־צייט חתונה געהאַט מיט אַ געסטאַפּאָווניק).

עס זענען כסדר פאָרגעקומען אָנפאַלן פון היטלעריסטישע אָפיצירן און געסטאַפּאָ־לייט אויף יידן. די ערשטע זענען געווען די פירער פון „יודענראַט", ווייל זיי האָבן געמוזט בלייבן אויפן אָרט און נישט געקאָנט אַנטלויפן ווי דאָס האָבן געטאָן פיל אַנדערע יידן. עס איז דאַן אויך געשאַפן געוואָרן אַ יידישע מיליץ. קיין געטאָ איז נאָך נישט אַליין געשאַפן געוואָרן. דאָס איז געשען צוליב די קאַראַימער, וואָס האָבן געוווינט אין דער געגנט, וואָס האָט געהייסן „די אַלטע שטאָט", ווו עס האָבן געוווינט די מערסטע טייל יידן. די דייטשן איז געווען באַקוועם צו מאַכן דאָס געטאָ נאָר אויף דעם אינדזל, אין די קאַראַימער האָבן נישט געוואָלט אַרויס פון דער געגנט, ווייל זיי האָבן דאָרט געהאַט זייער שיינע וווינונגען. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אין דעם היטלעריסטישן „געביטס־קאָמיסאַריאַט", ווייל פיל פון זייערע מענטשן האָבן דאָרט געאַרבעט אַלס איבערזעצער אָדער סעקרעטאַרן. זיי האָבן דעריבער כסדר אָפּגעשלעפּט מיטן איינאָרדענען דאָס געטאָ, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן אַרויס פון זייערע רייכע און גוט־איינגעאָרדנטע וווינונגען. זיי האָבן גערעכנט, אַז מען וועט סיי־ווי־סיי איינציקווייז אַרויספירן די יידן פון לויצק, וועלן זיי בלייבן אין זייערע איינגעפונדעוועטע הייזער. דאָס האָט זיך אַזוי געשלעפּט ביז ניי־יאָר 1941.

דאַן איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן מוזן אין משך פון 15 מינוט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען אין די פאַרשידענע ערטער און זיך אַריבערציען אין דער „אַלטער שטאָט". די יידן האָבן זיך אויף דער גיך אַריבערגעטראָגן אַהין, אויסער אויף דער קאַראַימסקאַ־אוליצאַ, ביים טייך, ווו עס האָבן געוווינט די קאַראַימער. ווידער די יידן, וואָס האָבן געוווינט אויף דער גאַס, האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און זיך איבערטראָגן אויף די יידישע גאַסן. אויך דער „יודענראַט" איז אַהין אַוועק, אין דער זעלבער יידישער געגנט. פיל אַלטע און קראַנקע יידן, וועלכע האָבן נישט באַוויזן אין משך פון די 15 מינוט אויסצופילן די פאַראָרדענונג, זענען דערשאָסן געוואָרן.

אין געטאָ איז גלייך געשאַפן געוואָרן אַ יידישע פּאָליציי. דער פירער איז געווען אַ פּליט פון לובלין, ליבער גאַל. די יידישע פּאָליציי האָט זיך נישט אויפגעפירט שלעכט לגבי די יידן אין געטאָ. אָבער דער פירער גופא, ליבער גאַל, האָט זיך אויפגעפירט שרעקלעך.

יעדעס מאָל ווען די געסטאַפּאָ־לייט פלעגן קומען אין געטאָ, האָט זיך ליבער גאַל געוואָלט פאַר זיי אויספּיינען און פלעגט פאַר זיי אין די אויגן שלאָגן יידן. איינמאָל איז צו אים צוגעגאַנגען דער שאָפער פון אויטאָ, וואָס האָט געבראַכט די געסטאַפּאָ־לייט און אים אַ זאָג געטאָן: „אַ קאָנצעסיע צו שלאָגן יידן האָבן מיר, און נישט דו, יודע!" און דערביי אים געשלאָגן.

דעם זעלבן אָוונט איז דער שאָפער געקומען אין געטאָ. ער האָט אַרויסגערופן ליבער גאַל און אים אַוועקגעפירט. גאַל איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. מען האָט אים מסתמא דערשאָסן. דער דאָזיקער שאָפער איז געווען אַ דייטש, ער פלעגט זייער אָפט קומען אין ביוראָ פון „יודענראַט" און איבערגעבן סודות.

נאָך דעם איז דער פירער פון דער יידישער פּאָליציי געווען אַ געוויסער וויעזשבאָווסקי, אויך אַ פּליט פון סאָסנאָוויעץ, וואָס האָט זיך גוט באַצויגן צו די יידן פון געטאָ.

יעדן טאָג האָבן די יידן געמוזט צושטעלן קאָנטריבוציע פאַר די דייטשן. מען האָט אויך כסדר גענומען יידן אויף פאַרשידענע אַרבעטן; מען פלעגט אויף די דאָזיקע אַרבעטן נעמען קינדער פון 5 יאָר אָן ביז 70, מענער און פרויען. מערסטנס האָבן די יידן געאַרבעט אויף דעם אַעראָדראָם.

די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע זענען געבראַכט געוואָרן אין דער לויצקער טורמע. די קראַנקע געפאַנגענע האָבן די דייטשן געבראַכט אין געטאָ אין יידישן שפּיטאָל, וואָס איז געווען אַ מין קאָנטריבוציע מצד די יידן; אין זעלבן שפּיטאָל האָב איך געאַרבעט. דער אָנפירער פון שפּיטאָל איז געווען ד״ר אַדאָם גאָלדשטיין, אַ פּליט פון וואַרשע, באַקאַנט אונטערן

נאָמען „זלאָטאַ ראַנטשקאַ". אויך ביי די סאָוויעטן איז ער געווען דאָקטאָר, און ער האָט באַקומען דעם טיטול פּאָלקאָווניק. ער איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל אויף אַ פלעק־טיפוס, דעם 14־טן יאַנואַר 1942. די דייטשן האָבן דערלויבט אַרויסצופירן זיין טויטן קערפּער פון געטאָ אויף דעם יידישן בית־עלמין.

די קראַנקע סאָוויעטישע געפאַנגענע פלעגט ברענגען פון טורמע אין שפּיטאָל אַריין אַ דייטשער אויבערלויטענאַנט, האַנס גרים פון קעלן. ער פלעגט טאָן גרויסע טובות די יידן, וואָס זענען באַשעפטיקט געווען אין שפּיטאָל. ער פלעגט איבערשיקן גאַנצע טראַנספּאָרטן עסנוואַרג פון דער טורמע אין שפּיטאָל אַריין, כלומרשט פאַר די קראַנקע געפאַנגענע, אָבער אין דער אמתן פאַר דעם יידישן פּערסאָנאַל און אויך פאַר די יידישע קראַנקע. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן „אויסווייזן" דעם גאַנצן יידישן פּערסאָנאַל אַז מען איז באַשעפטיקט אין דער דייטשער ווערמאַכט, וואָס האָט ביי פאַרשידענע פאַלן זייער פיל פאַרלייכטערט די שווערע לאַגע.

✶

דעם 20־טן אויגוסט 1942 האָט זיך אין לוצקער געטאָ אָנגעהויבן די גרויסע שחיטה. מען האָט צונויפגענומען אַלע יידן אויפן מיטן מאַרק, אויפגעלאָדנט זיי אויף אויטאָס, אַוועקגעפירט קיין גורקע־פּאָלאָנקע, צוויי קילאָמעטער פון שטאָט, און זיי אַלע דאָרט דערשאָסן. די דאָזיקע „אַקציע" האָט געדויערט 13 טעג. אין משך פון דער צייט זענען אומגעבראַכט געוואָרן ביי 22.000 יידן. די ברידער־קברים האָט פריער צוגעגרייט דער יידישער פּערסאָנאַל פון דעם שפּיטאָל אין געטאָ.

איידער די דאָזיקע „אַקציע" האָט זיך אָנגעהויבן האָבן די דייטשן געפאָדערט אַ קאָנטריבוציע פון: 10.000 רובל אין גאָלד, אַ האַלבן מיליאַרד דייטשע מאַרק, 500 קופּאָנען סחורה פאַר מענער און 500 פאַר פרויען — אויף אויפצונייען קליידער, אַנצוגן, פּאַלטנס א.ד.גל. 1.000 קילאָגראַם פּאָדעשוועלעדער; און צוליב חוזק האָט מען אויך געפאָדערט 50 קילאָגראַם ציבעלעס מיט קנאָבל, ווי אויך 50 לעבעדיקע יידישע קאָמוניסטן. אין „יודענראַט" האָבן זיך דאַן געשאַפן צוויי שיטות: איין גרופּע האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף צושטעלן די געפאָדערטע קאָנטריבוציע, אַ חוץ די 50 יידישע קאָמוניסטן, כדי צו ראַטעווען די יידן פון געטאָ; די אַנדערע גרופּע איז געווען דערפאַר, אַז מען זאָל גאָרנישט געבן, נאָר צוגרייטן אַ ווידערשטאַנד. צו דער צווייטער גרופּע האָבן געהערט: ד"ר קאַרטשעמני און סאַשאַ פּינטשוק.

איך האָב די אינפאָרמאַציעס באַקומען אין שפּיטאָל דורך מיין ברודער דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט זיי גענומען אין ביוראָ פון יודענראַט.

געזיגט האָט די ערשטע גרופּע, און מען האָט אָנגעהויבן זאַמלען די קאָנטריבוציע. די פאָרשטייער פון יודענראַט און די יידישע פּאָליציי האָבן צוגענומען אַלץ, ביז דעם לעצטן, אַפילו זאַכן, וואָס די דייטשן האָבן גאָרנישט געפאָדערט. מען האָט די זאַכן אַרויסגעפירט פון געטאָ, פאַרקויפט פאַר געלט און געקויפט גאָלד, לעדער א.ד.גל.

די דייטשן פון „געביטס־קאָמיסאַריאַט" האָבן נישט געוואָלט רעדן מיט די פירער פון יודענראַט, אַפילו ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער שוין־דערמאָנטער קאָנטריבוציע. די פאַרמיטלער זענען געווען צוויי קאַראַימער, שוואָגערס, שפּאַקאָווסקי און נאָוויצקי. אָפיציעל האָט דאַן דער יודענראַט נישט געוווסט וויפל די דייטשן פאָדערן. די צוויי קאַראַימער זענען געקומען און האָבן דאָס אויסגערעכנט די קאָנטריבוציע וואָס די יידן דאַרפן געבן. שפּעטער איז באַוווסט געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט פיל ווינציקער. שפּאַקאָווסקי און נאָוויצקי האָבן אָפּגעגעבן די דייטשן בלויז אַ טייל און דאָס איבעריקע צוגענומען פאַר זיך.

דעם 20־טן אויגוסט 1942, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אַקציע" אין געטאָ, איז אין יידישן שפּיטאָל געקומען סאַשאַ פּינטשוק פון יודענראַט און געזאָגט, אַז די דאָקטוירים מיט די קראַנקנשוועסטער זאָלן נעמען זייערע „אויסווייזן" און אַוועקגיין צום זאַמעק. זענען זיי אַהין אַוועק. מיין ברודער איז געווען אויסערן געטאָ, האָט געלעבט אויף קאַראַימישע פּאַפּירן. אויך איך האָב שוין דאַן געהאַט אַ דאָקומענט אַלס אַ קאַראַימער, אויפן נאָמען פון יאַן נאָוויצקי. איך בין נישט געגאַנגען מיט די דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער צום זאַמעק, ווייל איך האָב געאַרבעט אין טעכנישן פּערסאָנאַל. איך האָב שוין דאַן אויך געהאַט גענומען צו זיך אין שפּיטאָל אַריין מיינע עלטערן מיט מיין שוועסטער, ווייל — וואָס עס האָט צו פּאַסירן, זאָלן מיר כאָטש זיין צוזאַמען.

ווען די דאָקטוירים מיט די קראַנקנשוועסטער זענען געקומען צום זאַמעק, האָט מען זיי געהייסן אויסגראָבן אַ גרויסן גרוב, אין וועלכן מען האָט שפּעטער באַגראָבן די צעשאָסענע יידן פון געטאָ. די גרויס פון גרוב איז געווען 60 אויף 300 מעטער די לענג און ברייט, און דריי מעטער די טיף; עס איז אויך אויסגעגראָבן געוואָרן אַ צווייטער, באַזונדערער גרוב פאַר קינדער, וואָס איז געווען 20 אויף 50 מעטער די לענג און ברייט און דריי מעטער די טיף.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט, ווען איך האָב געזען, אַז מען פירט כסדר אַרויס די יידן פון געטאָ צום זאַמעק און עס איז שלעכט, האָב איך געגעבן 50 רובל אין גאָלד אַ דייטשן וועכטער און אים געבעטן, אַז ווען ער וועט זיך טוישן מיט דער וואַך, זאָל ער מיט זיך מיטנעמען אַ צעטל פון מיר צום דייטשן אויבערלויטענאַנט, האַנס גרים, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערציילט. ער האָט דאָס צעטל פון מיר מיטגענומען. אין צעטל האָב איך געשריבן כלומרשט ווי עס שרייבט מיין ברודער דער דאָקטאָר, וועמען ער, האַנס גרים, האָט געקענט. „היות, האָב איך געשריבן, ווי איך האָב פאַרשפּעטיקט צו גיין צום שלאָס מיט אַלע דאָקטוירים, זאָל ער מיך נעמען אַהין". איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די דאָקטוירים מיט די קראַנקנשוועסטער ווערן געראַטעוועט, מען פירט זיי אַרויס אין אַ זיכערן אָרט. איך האָב געוווסט, אַז ווען ער וועט מיך זען, וועט ער זיך גלייך איבערצייגן, אַז איך בין נישט מיין ברודער, ווייל ער האָט גוט געקענט אַלע דאָקטוירים פון שפּיטאָל. איך האָב אָבער געוואָלט זיך דערשלאָגן צו אים און מיט אים רעדן. איך האָב געטראַכט, אַז ווען איך וועל זיך באַגעגענען מיט אים, וועל איך אים פאָרשלאָגן אַ סך געלט, ער זאָל אונדז פאָרשטעלן פאַר דייטשע וועכטער און אַזוי אַרום אונדז העלפן זיך אַרויסצובאַקומען פון געטאָ. האַנס גרים האָט זיך אויף מיין צעטל אָפּגערופן, איז געקומען אין שפּיטאָל זיך זען מיט מיין ברודער. איך האָב אים גלייך געגעבן 50 פינפערלעך גאָלד־רובלס און געזאָגט, אַז ממילא וועלן מיר אַלע אומקומען,

ווייל איך נישט, אַז דאָס געלט זאָל אַריינפאַלן צו די נאַציס, זאָל ער דאָס בעסער האָבן, ווייל ער איז אַ יידן־פריינד. דערנאָך האָב איך אים געזאָגט מיין פּלאַן ווי אַזוי ער קאָן מיך און מיינע עלטערן ראַטעווען. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער וועט דעם פּלאַן באַטראַכטן. ער וויל דאָס נישט טאָן ביינאַכט, ווען מען היט פון אַלע זייטן, אפשר — בייטאָג.

5 פאַרטאָג, דעם 21־טן אויגוסט 1942, האָט מיר אַ געוויסער מאָטל זילבערשטיין (געפינט זיך היינט אין טשעכיע) געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז אין געטאָ אַריין גייט אַ קאָלאָנע מענטשן און זיי דערנענטערן זיך צו אונדזער שפּיטאָל. ווען איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז עס גייען דייטשן. בין איך אַרויס פון שפּיטאָל, אַריבערגעשפּרונגען די מויער פון געטאָ און צו צום וואַסער, וועלדניק אַהין אַריינשפּרינגען. די דייטשע וועכטער, וועלכע האָבן באַוואַכט דעם שפּיטאָל, האָבן גענומען שיסן נאָך מיר. אַ קויל האָט מיר געטראָפן אין רעכטן פוס, און איך בין געפאַלן אַ פאַרוואונדעטער. אין עטלעכע מינוט אַרום איז די קאָלאָנע מענטשן אַריינגעקומען אין געטאָ, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען גאָר די יידישע דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער, וואָס זענען געהאַט אַרויסגעפירט געוואָרן צום שלאָס. פאָרויס דער געפירטער גרופּע איז געגאַנגען דער אויבערלויטענאַנט האַנס גרים מיט נאָך דריי דייטשע וועכטער. דער אויבערלויטענאַנט האַנס גרים האָט געוואָלט ראַטעווען מיך מיט מיין פאַמיליע און נאָך יידן אין געטאָ. האָט ער דערפאַר צוריקגעבראַכט די דאָקטוירים מיט די קראַנקנשוועסטער, אַז דער שפּיטאָל פאַר קראַנקע זאָל ווייטער אויפגעהאַלטן ווערן, און עס זאָלן זיך דאָרט ממילא קענען אויסבאַהאַלטן אויך נישט־קראַנקע יידן. מיך האָט מען דאַן צוריק אַריינגענומען אין שפּיטאָל, אַרויסגענומען די קויל פון פוס, און איך בין שפּעטער צוריק געקומען צום געזונט.

אין משך פון די 13 טעג וואָס עס האָט געדויערט אין געטאָ די „אַקציע״, זענען אין שפּיטאָל געקומען געסטאַפּאָ־לייט און געוואָלט אַרויספירן פון דאָרט די קראַנקע, די דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער, און געוואָלט בכלל ליקווידירן דעם שפּיטאָל. וואָס שייך די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע וואָס זענען געלעגן אין שפּיטאָל, האָבן די געסטאַפּאָ־לייט דערקלערט, אַז זיי ווילן אויך זיי מיטנעמען מיט די יידן. אָבער דער אויבערלויטענאַנט האַנס גרים האָט נישט דערלאָזט צום ליקווידירן דעם שפּיטאָל. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו זיינע זעקס דייטשע וועכטער ביים שפּיטאָל זיי זאָלן נישט אַריינלאָזן די געסטאַפּאָ־לייט, און אויב זיי וועלן נישט אָפּטרעטן, זאָלן זיי שיסן אויף זיי. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן נישט געוואָלט דערפירן צו קיין שיסעריי און זענען אַוועק. וויפל מאָל די געסטאַפּאָ־לייט זענען נישט געקומען אין שפּיטאָל און האָבן פּרובירט אַרויסנעמען די יידן, האָבן די וועכטער אויסגעצויגן זייערע ביקסן און געוואָרנט.

✶

ווי איך האָב דאַן געהערט, האָט האַנס גרים איבערגעגעבן מיינע פופציק פינפערלעך גאָלד־רובל צו ד״ר ראָזענקראַנץ, וואָס האָט דאַן איבערגענומען די אָנפירערשאַפט פון שפּיטאָל. ביז צום אָנהויב פון דער „אַקציע״ איז די אָנפירערין פון שפּיטאָל געווען פרוי ד״ר סימע באַקשט.

ד״ר ראָזענקראַנץ האָט געהאַט אַ טאָכטער, אין וועלכער עס איז פאַראינטערעסירט געווען האַנס גרים. מען האָט געשמועסט, אַז ער ליבט זיך אין איר. האַנס גרים איז געשלאָפן אין יידישן שפּיטאָל די גאַנצע צייט פון דער גרויסער שחיטה. די פופציק גאָלדשטיקלעך האָט ער, לויט זיינע אייגענע רייד, אָפּגעגעבן צו ד״ר ראָזענקראַנץ, בכדי ער מיט זיין טאָכטער זאָלן אַרויס פון געטאָ און געפינען ערגעץ אַן אָרט ביי קריסטן זיך אויסצובאַהאַלטן. האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט אַן אוקראַינער, איז געקומען אין שפּיטאָל אַריין, האָט דערשאָסן ראָזענקראַנצן מיט זיין טאָכטער, אויפגעזוכט דאָס גאָלד און עס צוגענומען.

✶

ווען די דאָזיקע געשיכטע האָט פּאַסירט, בין איך שוין געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ „מאַלינע״, אין דאָרף ליפּיני, זיבן קילאָמעטער פון לוצק, ביי אַ פּויער אַ טשעך מיטן נאָמען קאָזאַק (געפינט זיך איצט אין טשעכיע), וועלכער פלעגט פאַר דער מלחמה האַנדלען מיט מיין פאָטער. אויסער מיך האָט דער זעלבער פּויער אויסבאַהאַלטן נאָך 33 לוצקער יידן, פון וועלכע עס לעבן היינט 29 אין פאַרשידענע לענדער.

אָט זענען עטלעכע פון זיי: חיים זוסמאַן, געפינט זיך איצט אין ישראל; פישל לייבאָוויטש מיט דער פרוי און דריי קינדער, געפינען זיך אין אַרגענטינע; שיע קלוגער, געפינט זיך אין ניו־יאָרק; בעני גערטל, געפינט זיך אין ניו־יאָרק. איינער, מאָטל זילבערשטיין, האָט זיך נאָך דער מלחמה געשמדט און איז צוזאַמען מיטן פּויער אַוועקגעפאָרן קיין טשעכיע און לעבט דאָרט אַלס טשעך.

דער פּויער האָט אונדז אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער אין דאָרף ליפּיני, ביי זיין משפחה און ביי גוטע באַקאַנטע. האָט אונדז געגעבן גוט צו עסן און אויך געזאָרגט, אַז אויך די יידן, אויסבאַהאַלטענע אין די אַנדערע ערטער, זאָלן האָבן גוט צו עסן. ער האָט ממש איינגעשטעלט זיין לעבן ביים ראַטעווען די יידן, געמוזט כסדר פירן אַ קאַמף מיט זיין שווער און שוויגער, וועלכע זענען גראָד געווען אַנטיסעמיטן; דער שווער און די שוויגער האָבן געהייסן פּראָקופּעק. אין דאָרף ליפּיני זענען מיר געווען אויסבאַהאַלטן ביז דעם 4־טן פעברואַר 1944.

מיין טאַטע־מאַמע און מיין שוועסטער זענען געבליבן אין לוצק. מען האָט זיי אַרויסגעפירט מיט אַנדערע יידן און דערשאָסן. מיין ברודער דער דאָקטאָר איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַ טשעכישן פּויער נעבן גורקע־פּאָלאַנקע. איינמאָל זענען אַהין געקומען „באַנדעראָווצעס״, האָבן גענומען מיין ברודער מיט זיך אין די וועלדער אַריין, ער זאָל זיין זייער דאָקטאָר. ווען די סאָוויעטן האָבן זיך דערנענטערט, און די „באַנדעראָווצעס״ האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די סאָוויעטן, האָבן זיי אים דערשאָסן.

דעם 4־טן פעברואַר 1944 זענען אין דער געגנט, וווּ מיר זענען געווען אויסבאַהאַלטן, אַריין די סאָוויעטן, געווען דריי טעג און אָפּגעטרעטן, און גלייך זענען צוריק אַריין די היטלעריסטן. זענען זיי אַרומגעגאַנגען זוכן אויסבאַהאַלטענע יידן. אַ סך פון די יידן וואָס זענען געווען מיט אונדז אויסבאַהאַלטן זענען נאָך פריער אַנטלאָפן קיין ראָוונע. מיך מיט

מיין פרוי און אַ שוועסטער האָט מען צוזאַמען מיט דער גאַנצער פויערישער באַפעלקערונג, טשעכן, עוואַקוירט אין דער ריכטונג פון בוג. כדי עס זאָל נישט אַנטדעקט ווערן, אַז מיר זענען יידן, האָט אַ קרוב פון דעם טשעך קאָזאַק, מיטן נאָמען רוס, מיר געגעבן זיין דאָקומענט, און מיין פרוי און שוועסטער — די דאָקומענטן פון זיין ווייב און אַ טאָכטער. מיר האָבן דאַן געלעבט מיט אַלע פויערים אַלס טשעכן, אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן. פאָרנדיק אין טראַנספּאָרט, האָבן אייניקע פויערים אויף אונדז אָנגעוויזן, ווי אויף פאַרדעכטיקטע. מען האָט אונדז דאַן אַרויסגענומען פון טראַנספּאָרט. מיך האָבן די דייטשן געשיקט קיין שטוטהאָף, און מיין פרוי מיט מיין שוועסטער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין לאַגער, לאַנגפורט, נעבן דאַנציק.

אין לאַגער שטוטהאָף בין איך געווען 10 טעג. מען פלעגט אַרויספירן די העפטלינגע אויף שיפלעך אין מיטן וואַסער, ווו מיר האָבן ביי די ברעגעס גערייניקט דאָס זאַמד, געלייגט שטיינער און געמאַכט פאַרפעסטיקונגען. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע, צו עסן האָט מען געגעבן ווייניק. אַ סך אסירים זענען ביי דער דאָזיקער אַרבעט געשטאָרבן. געווען פאַלן ווען מען האָט פשוט געגעסן געשטאָרבענע מענטשן.

דעם 1־טן מאַי 1945 בין איך באַפרייט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע העפטלינגע דורך די אַלאירטע אַרמייען. איך בין געפאָרן קיין לובלין, ווו איך האָב באַגעגנט מיין פרוי און די שוועסטער. קיין לוציק, אונדזער היים־שטאָט, האָבן מיר שוין נישט געוואָלט פאָרן. אין לובלין זענען מיר געווען ביי צוויי חדשים און אַוועקגעפאָרן קיין דאַנציק. פון דאָרט זענען מיר נאָך אַ צוויי חדשים אַוועקגעפאָרן קיין שטשעטשין. אין אָנהויב סעפטעמבער 1945 — קיין בערלין. פון בערלין האָט די „אונרא״ אונדז איבערגעשיקט קיין פראַנקפורט אין דעם לאַגער פון באַפרייטע יידן אין זאַלמהיים. איך האָב דאָרט געאַרבעט אין ביוראָ אַלס בוכהאַלטער. פון דאָרטן זענען מיר געפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

האַנקע גאָרענשטיין־פּיטערמאַן

ניין טעג אין בוידעם־שטיבל

דאָס געטאָ איז געווען אומרויִק. ס׳האָבן אַרומגעקרייזט פאַרשידענערליי קלאַנגען וועגן ביינאַכטיקע צעשיסונגען, איבערזידלונגען ווי אויך וועגן דער מעגלעכקייט פון אונדזער פולשטענדיקן אומקום. מיר האָבן נישט געוואָלט דערין גלייבן, האָבן אַוועקגעשטופּט פון זיך דעם געדאַנק פון אַ נאָענטן סוף, נאַרנדיק זיך מיט פאַרשידענע, אומרעאַלע פאַנטאַזיעס. דערביי האָט מען אונדז באַרויִקט מצד דעם יודענראַט, אַז די דייטשן דאַרפן האָבן אונדזער געטאָ, ווייל מיר אַרבעטן, און דערצו נאָך געבן מיר זיי אָן ווידערשטאַנד אַלץ אין וואָס זיי נייטיקן זיך, ד. ה. פוטערס, גאָלד, זיידנס, וואָל און אַזוי ווייטער יעדע זאַך, וואָס האָט עפּעס אַ ווערט פאַר דעם „הערנפאָלק״.

האַנקע גאָרענשטיין־פּיטערמאַן

שוין אַ וואָך צייט ווי מען לייגט זיך שלאָפן מיט דער מורא פאַרן אָנקומענדיקן באַגינען, און גאָט צו דאַנקען, ס׳איז גאָרנישט נישט פאָרגעקומען.

די נאַכט פונעם 22־טן סעפטעמבער איז געווען די נאַכט, וואָס איר באַגינען איז געווען די התחלה פון דעם אומקום פון די יידן אין לוציק.

אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג האָט אין אונדזער וווינונג אין געטאָ, אויף דער בערעק־יאָסעלעוויטש־גאַס נומער 23, שטאַרק אָנגעקלאַפּט אין פענצטער אונדזער לאַנגיאָריקע שכנה, פרוי דאַל, מיט די ווערטער: „פרוי פּיטערמאַן, דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט״. די מאַמע, דער טאַטע זענען אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, וועלכע איז אין איין אויגנבליק פול געווען מיט אומגליקלעכע מענטשן, אַרומגעכאַפּטע פון מטורפער שרעק. וואָס טוט מען? איז דאָס מעגלעך? ווי באַקומט מען זיך אַרויס? די מאַמע האָט אונדז געהייסן זיך אָנטאָן, ד. ה. מיר, דעם שוועסטערל ריוועלע און דעם ברודערל איזי.

ס׳איז שוין געווען פרימאָרגן. אָן אַ שיער מענטשן מיט פעקלעך, מיט קינדער אויף די הענט. אַלץ האָט זיך געשטויסן פאַר דעם יודענראַט, נאַרנדיק זיך, אַז ס׳איז אָן איבערזידלונג, טוענדיק תפילה מען זאָל ניצול ווערן.

מיר אַלע האָבן ביז דער לעצטער מינוט נישט געוואָלט זען דעם נאַקעטן אמת. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. די מיטגלידער פונעם יודענראַט זענען אַרויסגעקומען, צעשפּרייטנדיק אומבאַהאָלפן די הענט. מיר זענען פאַרמשפּט. בלויז געציילטע, וועלכע באַזיצן ספּעציעלע „אויסווייזן״ פון זיכערע פאַכלייט, האָבן געקאָנט אַוועקגיין אין סעמינאַר אויף קראַסנע. (מיט זיי האָבן זיך פאַראייניקט אַ סך מיטגלידער פון דעם יודענראַט ווי אויך אונדזערע ווילבאַרימטע יידישע פּאָליציאַנטן). די איבעריקע זענען פאַרבליבן אויף אומצוקומען. אונדז האָט מיין גימנאַזיע־קאָלעגע זוזיק דרוטמאַן באַזאָרגט מיט אַ שיין, וואָס גיט דאָס רעכט אַרויסצוגיין פון געטאָ אין סעמינאַריום. נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט די מאַמע זיך צוריקגעצויגן: „כ׳ווייס נישט, ווו דער גורל וואַרט אויף

אונדז. לאָמיר בלייבן מיט אַלע". זענען מיר געבליבן. ערשט ווען די אויסגעקליבענע זענען אַוועק, האָט, נאָך אַ צייטוויילייקער פאַרשטיינערונג, אַלעמען באַוועלטיקט דער יאוש.

די דאָזיקע סצענעס זענען מיר אויף אייביק פאַרקריצט געוואָרן אין זכרון. ס׳איז שווער זיי צו שילדערן. געוויין, געזעגענונג, תפילות, היסטעריע און קללות. אַ המון מענטשן צעקאָכטע, מטורפע פון שרעק, אָן אויסוועג, אָן אַ פונק האָפענונג. אויף די שטיינער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט פעקלעך, דאָלאַרן, גאָלד — דאָס אומנוצלעכע פאַרמעגן פון מענטשן וואָס גייען צום אומקום.

איך האָב זיך געזעגנט מיט צעשע קאַמיעניעצקי, מיט פרוי שטיינשנייד און פייגע פּאָדאָלסקי. ליאָליע איז געבליבן מיט דער קראַנקער מאַמען... כ׳בין געווען ווי נישט אין זיך, נאָר נעבן זיך. כ׳האָב געוווּסט וואָס מיך דערוואַרט, אָבער דאָך נישט געהאַט דעם איינדרוק פון מיין נאָענטן סוף. ס׳איז געווען ווי אין אַ קאָשמאַר־חלום, וואָס אַרויסרייסן זיך פון אים ביסטו נישט אימשטאַנד, אָבער אין דער טיף פון דיין באַוווּסטזיין גיסטו זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ס׳איז נישט קיין ווירקלעכקייט.

מיר האָבן זיך געלאָזט צוריק צו אונדזער הויז אויף דער בערעק־יאָסעלעוויטש־גאַס. אויף די גאַסן, פאַר די הייזער זענען געזעסן די איינוווינער פון געטאָ, אָפּגעטעמפּטע, רעזיגנירטע, אָפּוואַרטנדיקע אַפּאַטיש דעם טויט. די הייזער, טירן, פענצטער — אַלץ ברייט צעעפנט. אַ סך אָרעמע, הונגעריקע, זיך אַרומשלעפּנדיקע הײמלאָזע האָבן ערשט געהאַט אַ געלעגנהייט אַנצועסן זיך צו דער זעט אין לעצטן מאָמענט פון זייער אומגליקלעכער עקזיסטענץ.

אין שטוב האָט אונדז די מאַמע געגעבן די לעצטע סעודה, און נאָך אַ קורצער באַראַטונג זענען מיר אַרויף אויפן בוידעם, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַן אויבערשטיבל, וואָס האָט אונדז געזאָלט דינען פאַר אַ באַהעלטעניש אין משך פון ניין טעג. ניין טעג און ניין נעכט. אַ גיהנום פאַר דעם לעבן, אַ גיהנום פאַרן קערפּער און אַ גיהנום פאַר דער נשמה. אַ דאַך, וואָס גליט מיט סעפּטעמבער־זון איבער מיין רוקן. שמוץ, שווייס, כנים און אוממענטשלעכער דורשט.

נאָך היינט, נאָך אַזויפיל יאָרן, שפּיר איך אָט יענעם חלום וועגן אַ זילבערן וואַסער־שטראָמעלע פאַר דעם דורכגעברענטן האַלדז. נעבן מיר, אַ קערפּער נעבן אַ קערפּער — מיינע אַלע ברידער און שוועסטער און נאָך קינדער. די צעניעריקע רבקהלע און דער זיבניעריקער איזי. שטילע, הכנעהדיקע, אַלצזעענדיקע אויגן. אַ ביסל ווייטער — די עלטערן. ביינאַכט פלעגן מיר אַרויסקריכן פון באַהעלטעניש און עפּעס־וואָס עסן. קיין וואַסער איז נישט געווען. אַרויסגיין האָבן מיר מורא געהאַט, ווייל איבער די גאַסן האָבן זיך געדרייט פּאַטרולן.

איך געדענק אַ זונטיק — סאַראַ שפּאָט — דורך אַ שפּאַרונע אין דאַך האָב איך אַרויסגעקוקט אויף דער שכנותדיקער גאַס וואָס געהער נישט צום געטאָ און פירט צו דער קאַטעדרע, די אַזוי גערופענע באַזיליאַנסקע־גאַס. אַ שיינער זומערדיקער טאָג, און פאַרפּוצטע פּוילישע מיידלעך מיט געבעטביכער אין די הענט גייען צום צעזונגען־צעקלונגענעם קאָשטשאָל. און מיר דערנעבן — אונטער אַ דאַך, צענויפגעשטיקטע, דערוואַרטנדיק יעדע רגע דעם שענדלעכן טויט.

אַ קאָנטראַסט — אַ תהום צווישן צוויי גאַסן, צווישן צוויי וועלטן; קיין שום זאַך וועט דעם דאָזיקן תהום אין מיין נשמה נישט קאָנען פאַרשיטן. זייער לעבן — אין גלאַנץ, און מיינס — אין שאָטנס.

די דאָזיקע ניין טעג און נעכט האָבן ביי מיר צוגערויבט אַלץ — די אילוזיעס און יוגנטלעכע אויפברויזן. זיי האָבן צוגענומען דאָס פרישקייט פון געפילן און די אומשולד פון געדאַנק. אַראָפּגעריסן דעם מענטשן און איבערגעלאָזן אַ חיהלע, וואָס זוכט אַרום מיט די אויגן אַ באַהעלטעניש, אַ מויזן־לעכל.

אַרום שטייט דעם גאַנצן טאָג אַ כסדרדיקע קלאַפּעריי פון לאַסטמאַשינען, אָנגעלאַדעוועטע מיט מענטשן געפירטע אויף צעשיסונג, רעשטלעך, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין פאַרשידענע לעכער. כסדר — פּאַטרולן פון שיכורע צעיושעטע אוקראַינישע פּאָליציאַנטן און קאַלטע, פאַראַכטנדיקע ס.ס.־סאָלדאַטן, וועלכע גייען אויף געיעג — אויף יידן.

אין די נעכט — אַ כסדרדיק שיסעריי אויף די וואָס פּרוּוון אויסנוצן די פינצטערניש, אויף די ריזיקאַנטן, וואָס אַנטלויפן איבער די פּאַרקנס.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ טאָג נאָך אַ נאַכט, אַ נאַכט נאָך אַ טאָג דער געשפּענסטיקער צייט־קאָשמאַר. דעמאָלט האָט זיך מיין טאַטן געחלומט, אַז דער זיידע טוליעט אַלעמען צו צו זיך און נאָר מיך שטויסט ער אָפּ: „חנה וועט לעבן בלייבן. טראָג, חנה, אַ טיכל אויפן קאָפּ. נעם עס נישט אַראָפּ נישט ביי טאָג, נישט ביינאַכט, כדי עס זאָלן זיך נישט אַרויסזען די שמוציקע, פאַרקאָלטנטע האָר". האָב איך דעריבער געטראָגן אַ טיכל און חוץ דעם אַ ספּודניצע און אַ בלוזקע אָן קיין שום אונטערוועש, ווייל ס׳איז געווען גיהנומדיק הייס.

אויפן ניינטן טאָג האָט זיך דער טאַטע דערפילט שלעכט. מיין אומגליקלעכער, געליבטער טאַטעלע, אין אַ גראַנאַטן העמד, מיט אַ גרויען אָנוווּקס אויפן פאַרשפּיצטן פּנים, איז אַראָפּגעגאַנגען פון בוידעם, און פּלוצעם זענען אָנגעקומען עטלעכע אוקראַינער — די יאַגד־הינט — און האָבן אים אַרומגערינגלט. די מאַמע, מיין העלדישע מאַמע, איז אַרויס פון באַהעלטעניש, אים צו באַגלייטן אויף זיין לעצטן לעבנסוועג. ס׳איז איבערגעבליבן אַ דריילינג יתומים, אומבאַהאָלפענע, פאַרלאָזטע איינזאַמע צווישן בלוטיקע רויבער, וואָס טשאַטעווען אויף זייער לעבן.

יואל פערעל

אייגן בלוט

איך בין געפאָרן קיין לויצק אין יאָר 1945, ווי מען פאָרט אויף קבר־אבות, מיט טיפן אומעט אין די אויגן, מיט אַ גלייכגילטיקן בליק אויף אַלץ און אויף אַלעמען, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ...

כ׳האָב אַרומגעוואַנדערט איבער דער הויפּטגאַס, די יאַגעלאָנסקע, און געזוכט אַ היימיש פּנים, אַ באַקאַנטן. פאַר מיין פאַרנעפּלטן בליק איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער אויפשריפט מיט די בלוטיקע ווערטער אויף דער מצבה — אַ געפאַרבטע, גראָבע בלעך אויף צוויי שטאָלענע רעלסן אויפן אָנגעשאָטענעם באַרג אין פּאָלאָנקע:

„שמונה עשר אלף איש עבריים יושבי עיר לוצק שנרצחו בידי רוצחי היטלר" — אכצן טויזנט! צווישן זיי מיין מאַמע, מיינע פיר ברידער און דריי שוועסטער! צי איז שוין טאַקע קיינער נישט פאַרבליבן?!

אַריבערגייענדיק די באַזיליאַנער בריק, האָב איך באַמערקט נאָכן קלויסטער עטלעכע קריסטלעכע פאַרקויפערינס, וואָס האָבן צעלייגט אויף די שטעלן זייערע סחורות. צווישן זיי — איינע גאָר אַ באַקאַנטע: אַ שלאַנקע פרוי מיט אַ מאַטאָווען פּנים, מיט טיפע שוואַרצע אויגן אָן שום אויסדרוק, מיט דינע ברעמען און געדיכטע וויעס, שוואַרצע געדיכטע האָר, דורכגעוועבטע מיט אַ ברייטן פּאַס גרויע, כמעט ווייסע. האָב איך זיך געוואָלט דערמאָנען, ווער איז זי? וווּ האָב איך זי געזען? זי האָט באַמערקט ווי איך קוק אויף איר. זי האָט זיך ווי אַ ריס געטאָן צו מיר, נאָר זיך דערמאָנט אין עפּעס און צוריקגעהאַלטן, אַראָפּלאָזנדיק שעמעוודיק די וויעס. נאָר איך האָב זיך שוין דערמאָנט. בין איך צוגעגאַנגען צו איר און גאָר שטיל געטאָן אַ שעפּטשע:

— איר האָט מיך נישט דערקענט, באַסקע?

— דערקענט, האָט זי נאָך שטילער געענטפערט. נאָר באַמערקט, ווי די אַרומיקע פאַרקויפערינס קוקן זיך נייגעריק איבער, האָט זי אויסגעלאָזט:

— איר קאָנט אַרויפקומען צו אונדז אין אָוונט... איך וווין... זי האָט אָנגעגעבן איר אַדרעס.

איך האָב שפּאַצירט ווייטער. דער פּאַקראַווער קלויסטער שטייט גאַנץ, אַנטקעגנאיבער — די חורבות פון דעם צענומענעם הויז פון מיינע עלטערן, וווּ איך האָב פאַרבראַכט מיין קינדהייט און יוגנט. די שטוב ביים סאַמע שאָסיי, וווּ ס׳האָבן געוווינט מיינע שוועסטער פריידע און רייזל, אויך מיין ברודער בנציון, שטייט נאָך, נאָר די אונטערשטע וואַנט, די בראַנדוואַנט איז איינגעפאַלן און די קיכן שטייען אָפן. (ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער נאַכט פון מיין אָנקומען קיין לויצק איז די וואַנט איינגעפאַלן). אין די וווינונגען הענגען מיין ברודערס טעפּיכער, שטייט זיין מעבל און ניי־מאַשין, אַפילו דער

לויצקער ביים מאַסן קבר אין פּאָלאָנקע

ראַדיאָ. איך האָב דערזען די שרעקעוודיקע און דאָך עזותדיקע בליקן פון די אוקראַינער, וואָס באַלעבאַטעווען אין די וווינונגען, און זיך גיך אָפּגעטראָגן.

אויך די קאַראַאימישע שול, די הילצערנע מיט די הויכע גאַניק. כמעט אַלע יידישע שטיבער אַרום ליגן אין חורבות. די שמאָלע געסלעך זענען פאַרשיט מיט מיסט, מיט שטיקלעך גלאָז, וואָס שפּיגלען אין זיך די זון־שטראַלן. אַרום איז פּוסט ווי אין אַ מדבר.

אויך די קאַראַאימישע שול, די האָלצערנע מיט די הויכע פענצטער, שטייט גאַנץ. אין דער גרויסער שול שטייען נאָר די ווענט, דער דאַך איז צענומען. אויך די שניידער־שול, די „בוקר שול" זענען רויבירט.

אין מיין געמיט ברומט דער ניגון פון „איכה ישבה". עס דערמאָנען זיך די שורות פון ביאַליקס „עיר ההריגה": „די זון האָט געלויכטן און דער שוחט האָט געשאָכטן..."

צוריקוועגס בין איך געגאַנגען מיטן ברעג פון טייך סטיר. פּלוצעם איז מיר אַקעגן געקומען אַ יונגער מענטש, יאַשקע ליבערמאַן, שמולקעס אַ ייִנגערער ברודער. מיר האָבן זיך צעקושט. ער האָט מיר אַריינגעפירט צו זיך אין שטוב און באַקענט מיט זיין פרוי — אַ בלאָנדע דייטשקע, אַ סך עלטער פון אים, און מיט זייער קליין טעכטערל. דאָס ווייב איז אַמאָל זיין ניאַניע געווען, האָט געראַטעוועט זיין לעבן. זי האָט מיך אויפגענומען וואַרעם, גערעדט אַ נישקשהדיקן יידיש און דערציילט אַ סך, אַ סך, וואָס האָט מיך אינטערעסירט פון געטאָ־לעבן.

מיין מאַמע, דערציילט זי, האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין מיט די קינדער. איז געבליבן אין שטוב. דאָ, האָט זי געטענהט, האָט זי אירע פערצן קינדער געבוירן, און דאָ וועט זי שטאַרבן. דעם טויט האָט זי מקבל־פּנים געווען אין איר שוואַרץ סאַמעטן קלייד.

אַדורכגייענדיק דורך קרישטאַלקעס מויער, וועלכן ער האָט מיט אַזויפיל מי און מאַטערניש געבויט פאַר זיין טאָכטער, האָב איך זיך דערמאָנט אין דער פרוי, וואָס איך האָב דערקענט — באַסיע, „באַסקע די משומדת". איך געדענק זי נאָך פאַר אָט אַזאַ־אָ, אַ חנוודיק מיידעלע מיט לאַנגע צעפּעלעך. פינף שוועסטער זענען זיי געווען. צוויי בלאָנדע און דריי שוואַרצע. מיט דער עלטסטער שוועסטער, חנה מיט לאַנגע בלאָנדע צעפּ און בלויע אויגן, האָב איך זיך געחברט. אַלע שוועסטער האָבן געשפּילט אויף מאַנדאָלינעס און גיטאַרעס. ביי זיי איז שטענדיק פול געווען די שטוב מיט יוגנוואַרג, ווי אין אַ קלוב. איין עלטערן ברודער האָבן זיי געהאַט

באַסיע קרישטאַלקאַ

— יחיאל — אַ שוואַרצער, מיט גראָבע מענלעכע נעגער־שטריכן, מיט אַ האַרטן באַסאָוון קול; ער האָט געזונגען אין שול ביים חזן ראָזמאַרין.

באַסיע איז די ייִנגסטע געווען. אויף איר האָבן די ייִנגלעך נאָך קיין אַכט נישט געלייגט — זי איז נאָך אַ קינד. אָבער אומבאַמערקט איז זי אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ שיין, רייף מיידל, אַ שילערין פונעם 7־טן קלאַס פון דער „פּאָווּשעכנע" שול. מען פלעגט שעפּטשען, אַז זי שפּאַצירט אַרום ביי ליובאַרטשלאָס מיט קריסטלעכע ייִנגלעך.

העניע קרישטאַלקאַ

זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ פּוילישן בחור, אַ מוזיקער, וואָס שפּילט אויף אַ סאַקסאָפאָן. אירע עלטערן און שוועסטער האָבן געמאַכט פּרוּוון זי צו באַווירקן, זי זאָל איבעררייסן מיטן „שגץ", נישט פאַרשעמען די משפחה. ווייניק זענען פאַראַן יידישע פיינע בחורים?... ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער טאַטע פלעגט זי זידלען, האָט געפּרוּווט זי שלאָגן אויך. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן און קיין אָרט זיך נישט געפונען. די שטוב איז געוואָרן פאַר באַסקען ווי אַ גיהנום. איינמאָל איז זי נישט געקומען אַהיים נעכטיקן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מאָנאַשקעס פון מאָנאַסטיר באַהאַלטן זי איִס. זיי גרייטן זי צום שמד. מען לערנט זי די קאַטוילישע תפילות. זי גייט מיט זיי אין קאָשטשיאָל און „מאָדליעט זיך".

די עלטערע שוועסטער האָבן זיך צוגעאיילט חתונה האָבן. דער טאַטע מיט דער מאַמע האָבן זיך געזעצט שבעה נאָך דער לעבעדיקער טאָכטער, ווי נאָך אַ געשטאָרבענער. אין שטוב איז געווען שטרענג פאַרווערט צו דערמאָנען איר נאָמען.

אַזוי איז אַוועק דער טאָג.

אָוונט, איך קלינג פאָרזיכטיק אָן. הינטער דער טיר דערהערן זיך אייליקע טריט. ס'עפנט אַ יונגערמאַן — אַ בלאָנדער מיט העלע קעצישע אויגן. לויט דעם, ווי ער באַגעגנט מיך, שטויס איך זיך אָן, אַז ער איז באַסיעס מאַן, אַז זי האָט אים שוין דערציילט וועגן אונדזער באַגעגעניש.

באַסיע האָט זיך אויפגעשטעלט, אַוועקגעלייגט דאָס לעפעלע, מיט וועלכן זי האָט געהאָדעוועט איר טעכטערל, געמאַכט אַ פּאָר טריט מיר אַנטקעגן און אויסגעשטרעקט די האַנט. זי האָט אַ ביסל לענגער געהאַלטן איר האַנט אין מיינער, ווי זי וואָלט וועלן אויסדריקן איר פריינדלעכע באַציונג צו מיר. איך האָב באַמערקט: זי איז גענוג בלאַס, די אויגן פול מיט טרויער, די באַוועגונגען ווי געמאָסטענע, פּאַמעלעכע.

— זייט באַקאַנט מיט מיין מאַן און טעכטערל — האָט זי אַ זאָג געטאָן אויף פּויליש.

— זייער אָנגענעם — האָב איך דערלאַנגט איר מאַן די האַנט.

— ווי רופט מען דיך, מיידעלע? — האָב איך זיך אַ ווענד געטאָן צום העל־בלאָנדן קינד מיט בלויע אייגעלעך, מיט אַ פאַרריסן פּויליש נעזל, וואָס איז שטאַרק געראָטן אין איר טאַטן.

— זאָסיענקאַ, זאָסיענקאַ שטשערבינסקאַ — האָט זי געענטפערט מיט אַ האַרציקן קינדערשן שמייכל.

— ווי הייסט דיין טאַטע, זאָג מיר, זאָסיענקע?

— מיין טאַטע? וולאַדיסלאַוו, און די מאַמע — בראָניסלאַוואַ שטשערבינסקאַ — האָט זי געענטפערט מיט שטאָלץ, זייענדיק

צופרידן, וואָס זי האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

— וולאַדיסלאַוו, זיי אַזויפיל גוט און לייג דאָס קינד שלאָפן,

— האָט באַסיע אַ בעט געטאָן דעם מאַן — שוין צייט.

דער יונגערמאַן האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט:

— נו, זאָג אַלעמען „דאָבראַנאָץ״.

— דאָבראַנאָץ, מאַמושו! — האָט דאָס קינד זיך געזעגנט און אַ שטאַרקן קוש געטאָן דער מאַמען. דער מאַן איז שנעל אַרויס מיטן קינד, האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווייב וויל בלייבן מיט מיר אַליין.

— הייסט איר גאָר בראָניסלאַוואַ?...

— דאָס איז מיין פוילישער נאָמען. אַזוי האָט מיך אַ נאָמען געגעבן דער קשאָנדז, האָט זי גאָר פשוט געענטפערט.

— ער איז אייך געוויס צונוץ געקומען דער נאָמען, איר זענט אַדאַנק אים לעבן געבליבן.

— נישט דער נאָמען האָט מיך געראַטעוועט, נישט דאָס וואָס כ׳בין אַ פּאָלקע, נאָר מיין שוועסטער הענע.

— כ׳פאַרשטיי נישט. ווי קומט אייער שוועסטער אייך צו ראַטעווען? — בין איך געווען פאַרוווּנדערט.

— ס׳איז געשען אַזוי — האָט זי אָנגעהויבן דערציילן — ס׳איז אומגלויבלעך, נאָר אַ פאַקט. אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָב איך מיט מיין מאַן און טעכטערל געוווינט, געווינלעך, אויסער דעם געטאָ, ווי קריסטן. „געלעבט״, אויב מען קאָן דאָס אָנרופן לעבן. מיין מאַן פלעגט פאַרווילן מיט זיין שפּילן די שיכורע דייטשע אָפיצירן אין רעסטאָראַנען, האָט פאַרדינט און צוגעשטעלט אַלץ וואָס מען דאַרף צום עסן. ס׳איז מיר אָבער גאָרנישט אָנגעגאַנגען. אַ גרויס בענקעניש נאָך מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער, וואָס מאַטערן זיך הינטער די ווענט פון געטאָ, האָט גענאָגט מיין האַרץ ווי אַ פּיאַווקע און נישט געלאָזט רוען. די גאַנצע זעקס יאָר, וואָס איך בין געווען אַוועק פון די מייניקע, האָב איך כמעט נאָך זיי נישט געבענקט. מיין מאַן, מיין קינד האָבן מיר געמאַכט פאַרגעסן אין זיי. איך האָב געהאַט אַן אַנדערע סביבה. כ׳בין געוואָרן אַ הייסע קאַטאָליטשקע, פון אָנהייב געצווונגענערהייט, דערנאָך מיטן גאַנצן האַרצן. אין מיינע תפילות פלעג איך גוט בעטן אויך פאַר זיי, ער זאָל זיי מוחל זיין, וואָס זיי האָבן מיך פאַרטריבן. ס׳האָבן זיך פון מיר דערווייטערט אַלע מיינע פריערדיקע באַקאַנטע און קרובים. יעדער מענטש האָט זיך זיין שטאָלץ. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נישט נאָר איך בין געשטאָרבן פאַר זיי, נאָר אויך זיי — פאַר מיר. נישטאָ שוין קיין וועג צוריק צום פאַרגאַנגענעם... אָבער איצט, ווען זיי ליידן אַזוי שווער און אויסזיכטלאָז, האָב איך נאָך זיי געבענקט. פאַרלוירן מיין רו, נישט געקענט שלאָפן, נישט עסן. איר וועט מיר גלויבן, כ׳האָב רחמנות געהאַט אויף אַלע יידן, וואָס בעטן אויף זיך דעם טויט הינטער די ווענט פון געטאָ... כ׳פלעג אַלע טאָג גיין אין קאָשטשאָל גאָט בעטן פאַר זיי, נאָר אויך מיינע תפילות האָבן מיר נישט גרינגער געמאַכט. איך האָב געזען ווי די מערדער פירן אַלע טאָג אַרויס פול־געפּאַקטע מאַשינען מיט מענטשן — האַלבע סקעלעטן, מיט גלעזערנע אויגן, ערגעץ ווייט צו פאַרניכטן, און מיין האַרץ האָט שיער נישט געפּלאַצט פאַר ווייטיק. איינמאָל, נאָך אַ גאַנצער נאַכט מאַטערן זיך און איבערטראַכטן, האָב איך פאַרלאָזט מיין שטוב, מאַן און קינד און... אַוועק אין געטאָ אַריין צו מיינע עלטערן. אויב אומקומען איז — מיט זיי צוזאַמען... די עלטערן האָבן מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, ווי כ׳וואָלט געקומען פון ערגעץ, פון אַ ווייט לאַנד. מיר האָבן זיך געקושט מיט טרערן אין די אויגן און געשוויגן... נאָר די שוועסטער זענען געווען ברוגז, הלמאי, כ׳האָב פאַרלאָזט מיין מאַן און קינד. אָבער זיי האָבן אַזויפיל וואַרעמע געפילן מיר אַרויסגעוויזן, אַזויפיל זאָרג און האַרציקייט, אַז ס׳איז מיר שווער געווען אַריבערצוטראָגן.

— ס׳איז זיי שווער געווען צו דערקענען, אַזוי מאָגער און אויסגעטריקנט זענען זיי געווען.

— אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען אויך אונדזער ריי. מיינע עלטערן, די שוועסטער, זייערע מענער און קינדער האָבן אָנגעפולט די מאַשין.

— אין דער לעצטער מינוט האָט מיין שוועסטער הענע מיך אַ כאַפּ געטאָן און אַרויפגעשלעפּט אויפן בוידעם. דאָרטן האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן עטלעכע טעג. די אוקראַינישע פּאָליציי האָט גענישטערט אומעטום, ביז זיי האָבן אונדז געפונען און אַריינגעוואָרפן אין אַ פּוסט געוועלב פון ווייסמאַנס מויער, נעבן קלויסטערל. מען האָט אַהין אַריינגעשליידערט נאָך אַ סך מענטשן. דריי מעת לעת — אָן ברויט, אָן אַ טראָפּן וואַסער, אָן פרישער לופט. מיר האָבן געבעטן אויף זיך דעם טויט און מקנא געווען די, וואָס האָבן שוין זייערס איבערגעקומען. אויפן פערטן טאָג האָט מען אונדז אַוועקגעפירט צום אַלגעמיינעם ברידער־קבר. מען האָט באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט און אַרויפלייגן זיך אין אַ ריי אויף די הרוגים, וועלכע זענען קוים, קוים פאַרשיט געווען. איך בין געלעגן נעבן מיין שוועסטער הענע אַ האַלב־טויטע, אַ גלייכגילטיקע און דורשטיקע נאָכן טויט, וואָס האָט צו לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. פּלוצעם האָט זיך מיין הענע אַ הייב געטאָן און ווי נישט מיט אירע כוחות אַ געשריי געטאָן:

— וועמען ווילט איר אומברענגען? דאָ ליגט אַ פּאָלקע, אַ קאַטאָליטשקע. ס׳איז געשען אַ טעות. פאַרוואָס קומט איר אומצוקומען?

אויף איר געשריי האָבן די מערדער אָפּגעענטפערט מיט אַ שיכור געלעכטער:

— נו, אַרויס, דו פּאָלקע. מיט דיר וועלן מיר זיך באַזונדער אַ שפּיל טאָן...

— איך בין געבליבן און נישט געוואָלט אַרויסגיין, נאָר הענע האָט מיך מיט די לעצטע כוחות אַרויסגעשטופּט פון גרוב.

— באַלד האָב איך, ווי אין חלום, דערהערט אַ הילכיקן זאַלפּ... מער האָב איך שוין גאָרנישט געזען און געהערט...

זיי האָבן מיך דערמינטערט, מען האָט מיר דערלאַנגט אַ קליידל אָנצוטאָן. איך האָב מעכאַניש געענטפערט אויף די פראַגן, ווער איז מיין מאַן און ווו ער וווינט. ווי לאַנג ס׳האָט געדויערט, געדענק איך נישט. איך האָב פאַרלוירן דאָס געפיל פון אָרט און צייט. ווען מיין מאַן מיטן קינד אויף דער האַנט איז שפּעטער געקומען צו לויפן, האָב איך געקוקט אויף זיי, ווי אויף פרעמדע, מיט פולער רעזיגנאַציע און גלייכגילטיקייט...

— ס׳זענען שוין אַריבער יאָרן פון דעמאָלט אָן, איך לעב, עס און טרינק, נאָר... כ׳האָב פאַרלוירן די לוסט צום לעבן, פאַרלוירן דעם מענטשלעכן שמייכל... פאַרלוירן מיין גלויבן...

דוד פריטל

בית־החולים היהודי בזמן החיסול הגדול

קשה היה לשער שבית־החולים היהודי שליד בית־הכנסת הגדול ישמש מקלט ליהודים בזמן האקציה הגדולה של הנאצים. בזמן המלחמה הפכו הגרמנים חלק מבית־החולים היהודי לבית־חולים לשבויי המלחמה הרוסיים. הרופאים, וכן כל צוות העיבדים, היו יהודים. עם היהפכו לבית־חולים לשבויים הועמד האיזור מסביבו תחת פיקוחו ופיקודו הישיר של הצבא הגרמני. לעובדה זאת נהיתה משמעות יוצאת מגדר הרגיל.

ביום שבו החל חיסול הגיטו היהודי בלוצק היה בית־החולים כעין אי סגור ומוגן בים הפורענות. רצה המקרה ואני עם אמי הצלחנו להסתנן לתוך האיזור של בית־החולים הודות לחברתי שיינדלה גלרנטר, פליטה מקונגרס פולין, שעבדה שם כאחות. אין לתאר את הרגשות האנשים שהיו בפנים וראו במו עיניהם איך עשרות מכוניות־משא מלאות גברים, נשים וטף עברו בדרכם האחרונה בקטע שבין בית־הכנסת הגדול לבין הגשר הנידאוי. המכוניות, בחזרן מגיא ההריגה, הובילו בגדים, מזוודות וחבילות של המוצאים להורג. את כל המטלטלים האלה ריכזו הנאצים בערימה גדולה ליד בית־הכנסת. עודני זוכר כיום את הזעקה הגדולה שזעק ד״ר רוזנקראנץ, מנהל בית־החולים היהודי, בהכירו את המזוודות של אשתו. כנראה ניתנה לו הבטחה שכאשת רופא בית־החולים היא תישאר בחיים.

החיסול נמשך והאימה שהשתררה בין היהודים בבית־החולים הלכה וגברה: מי יודע כמה זמן עוד ירפו מאתנו הגרמנים? מחשבה זאת ניקרה במוחם של כל פליטי בית־החולים. שמועה רדפה שמועה ועצבנות מורטת עצבים השתלטה על כולם. מספר אנשים שהתמוטטו בלעו רעל או הזריקו לעצמם סם מוות. הראשונה ששמה קץ לחייה בדרך זו היתה גברת ד״ר בקשט. אחרי עשותה את המעשה עברה בין כל אלה שהיו שם כשהיא לבושה בגדים חדשים, כאילו לחתונה, נפרדה מכל אחד לחוד בלחיצת יד ובחיבוק. כתום הפרידה נכנסה לאחד הגוף והנפש.

מעשה זה נסך אומץ בלב רבים ללכת בעקבותיה. נסיון של התאבדות עשה גם ד״ר רפפורט ומניה מידן מבית־המרקחת. עוד כיום זוכר אני את פניה — פני אדם שמח שנפטר מעינויי החדרים, שכבה על מיטה, והרעל שפיעפע בגופה שם קץ לחייה. לזמן קצר הצילו אותה, אבל בסופו של דבר מתה ביסורים גדולים (עדותם של ד״ר פינוס ואשתו).

כן זוכר אני, שלפי בקשתה הנמרצת של אמו הזריק ד״ר רוזנשטרום מוולקה, זריקת חסד לאמו על מנת לגאלה. כן עשה זאת מנהל העסקים של קרונשטין (פסח). אחיות אחדות מבית־החולים שנמצאו ברשותן זריקות מורפיום, הלכו גם הן בדרך זו. היו גם גרמנים „טובים" שבעד כסף רב היו מוכנים לספק ציאן קלי. בשיחות עם אנשי בית־החולים הם עודדו את מעשה ההתאבדות, בציינם שזה הוא הפתרון „ההגיוני" במצב זה. הם אפילו הבטיחו להקים אחרי המלחמה אנדרטה לזכרם... (מי יכול לבטא את גאוניותו של הגזע הגרמני!).

המחזה היה מחריד. באולם הגדול שכבו על המיטות אנשים וחיכו למוות הגואל. אך לא לכולם שיחק המזל למות מוות שקט. בפרוזדורים התהלכו אחיות ורופאים עם זריקות ביד — מוכנים למעשה המכריע — ואחד שואל את השני: מה בחוץ? האם קיימת עוד תקווה?

פתאום עברה שמועה: ניצלנו!

השמועה המעודדת באה בעקבות תקרית מוזרה באותם ימים. אוקראינים, משרתיהם ועוזריהם של הנאצים בהשמדת היהודים, התקרבו לבית־החולים כדי להוציא את היהודים ולהובילם להשמדה. והנה נתקלו בסירוב מצד החיילים הגרמנים, שלא נתנום להיכנס לשטח בית־החולים, שהוא שטח צבאי מובהק. הרב־סמל הגרמני הצהיר שלא יתן להיכנס לאיש בלי אישור הממונים הצבאיים עליו. היתה זו תופעה גרמנית טיפוסית. מלבד זאת היו כאן גם מניעים אישיים שאותם אסביר בהמשך הדברים.

אור קלוש של תקווה חדר אל היהודים שנמצאו בבית־החולים. המחשבות הופנו בראש וראשונה אל אלה שרק לפני דקות מספר התאבדו. החלה עבודת־הצלה קדחתנית באלה שהרעל עדיין לא הכריע אותם למוות. את ילדיו של האיש שעבד אצל קרונשטין ששתו רעל הצליחו להחזיר לחיים. עוד תקופה ארוכה אחרי זה נתייסרו בעינויים קשים. היה מקרה שמבין שתי האחיות שולץ, התעוררה אחת (הצעירה לאה) עקב פעולת ההצלה. השניה, בוזיה, מתה. בפעולת ההצלה של שתי האחיות לקחו חלק שני ההורים הזקנים שהיו בשטח של בית־החולים. הורים אלה היו גם עדים לפני כן להתאבדותן של בנותיהם. אין לתאר את מחזה מבצע־ההצלה, שהצליח רק בחלקו ואשר יצר מצבים משפחתיים מחרידים.

כפי שאמרתי למעלה, היו לרב־סמל הגרמני נימוקים אישיים ברצונו לשמור על המקום. ידוע לי, שלהנ״ל היתה ידידה יהודיה שעבדה בבית־החולים, והיא שהשפיעה עליו להשהות את כניסת האוקראינים והנאצים, כמובן בהסתמך על נוהגים פורמליים. אבל יש להניח, שסמכותו היתה בכל זאת מוגבלת. לפי דבריו של שפיבק (האדמיניסטרטור של בית־החולים שנשאר בחיים), קיבל הסמל עידוד ממפקד מחנה השבויים (יובסט שמו), איש בעל רגשות אנושיים ורצון כן לעזור ליהודים. הוא שנענה, עוד בתקופת הגיטו, להצעתם של עובדי בית־החולים היהודי לפתוח אגף לשבויי־מלחמה — חולים,

והוא שעשה את כל המאמצים לשמור על צוות העובדים היהודים במשך כל הזמן (מפי שפיבק).

היה גם מקרה שחיל גרמני הגיע בסירה לתוך שטח בית־החולים והוציא נערה צעירה, פליטה מקונגרס פולין. (רצה הגורל ונפגשתי לפני זמן לא רב עם אשה זאת, שהיא נשואה כיום לבעל יהודי ובנים לה). לפי סיפורה, החזיק אותה החיל הגרמני, מתוך מסירות, עם אחותה בכנסיה הצבאית שבקסרקטין בלוצק עד שנסעו כפולניות לעבודה לגרמניה.

ידוע לי גם על מקרה אחד של בריחה. היה זה שלמה רויטר, שעבר את הגדר והוא אז נער כבן 12. ליווינו אותו עד לגדר בברכות מקרב לב להצלחת המעשה. ופלא בעיני, איך הצליח הנער היהודי הזה להגיע לרומניה ומשם לארץ. פגשתיו בגרעין ההכשרה במעלה־החמישה כשעליתי ארצה. אכן, היה זה פרס לאומץ־לב ולעוז נפש.

עברו כמה ימים, ימי חרדה, תקווה וצפיה לבאות. מחוץ לכותלי בית־החולים השתוללו המרצחים ונמשכה ההשמדה המוח־לטת של יהודי לוצק. ואנו בפנים — מלאי צער ודכאון לגורל יקירינו אשר הובלו למוות בידי התליינים.

ואני, עם אמי גיטל מבית אידלמן ז״ל, נתון בתוך גיהנום זה. לא אפריז אם אגיד במלוא האחריות, שבכל התקופה הזו היתה אמי שקטה מתוך רצון והחלטה למות.

„בעולם כזה לא כדאי לחיות. האם אני יותר טובה מאלפי היהודים שנפלו אתמול ונופלים היום?״ — אלה היו דבריה ומכאן נבעו שלוותה וקור־רוחה.

אלה הדנים וחוקרים את ההתנהגות הפסיבית של היהודים נוכח מכונת ההשמדה הנאצית ימצאו בהשקפה זו, שנאמרה על־ידי אם יהודיה בעיר ההולכת ומושמדת, את האמת העמוקה המבטאת בלי ספק את הלך רוחם של אלפי אמהות ובנים יהודים.

אחרי כמה ימים שקטה היד המרצחת ודומית מוות השתררה בגיטו. הגרמנים ריכזו את השרידים בגיטו הקטן, בשטח שהשתרע בין גשר הנידאוי הראשון והשני.

לפי דבריו של שפיבק, נשארו בבית־החולים אחרי החיסול הגדול 60 איש. במשך הסתיו נערכו 3 סלקציות. כל הזמן לחצו הנאצים על מפקד מחנה השבויים יובסט להקטין את רשימת האנשים הנחוצים לו לקיים את השירותים, אולם הוא עשה הכל כדי להשהות את חיסולם של עובדיו.

לפי עדותו של שפיבק, התנפל באחת הסלקציות יהודי לוצקאי, קצב לפי מקצועו, על קצין־המשטרה בוך, בזמן שעבר בחדרי בית־החולים כדי לבדוק אם אין מסתתרים שם יהודים, וריסק את ראשו של הגרמני בגרזן.

אחרונים נשארו ד״ר רוזנקרנץ והאחות סימה, שפיבק ואשתו וידידתו של הסמל ואחותה. ד״ר רוזנקרנץ ניסה לברוח יחד עם סימה, אבל למחרת נתפסו במקום מחבואם. כן חוסלו שתי האחיות. שפיבק ואשתו הצליחו להימלט בעוד מועד.

מעלה החמישה, 1960

אשר גולדנברג / ישראל

שני בחורים מארגנים פרטיזנקה

שנת 1941. גמר שנת־הלימודים האחרונה שלי ופרוץ מלחמת גרמניה־רוסיה. מלוצק בורחים הרבה אנשים לגבול המזרחי יחד עם הרוסים. כעבור יומיים־שלושה של ויכוחים ערים בין הורי ז״ל, מגיעים לידי החלטה — לפי השמועות שהגיעו אלינו מהחלק השני של פולין שנכבש ע״י הגרמנים, על יחסם אל היהודים ואל הגברים בפרט, — כי על אבא ועלי לברוח עם הרוסים. לרשותנו שני זוגות אופניים, אולם החלטה גורלית כזאת אינה מתבצעת על פי המוסכם מראש. הפרידה קשה, וכך עוברים עוד יום יומיים — ואיחרנו את המועד. הגרמנים נמצאים כבר הרחק מזרחה מלוצק. דרך הבריחה סגורה. הגרמנים כובשים את החלק המזרחי של פולין, וכעבור זמן קצר לאחר כניסתם ללוצק נכלאים יהודי העיר בגיטו. בריכוז כזה יש לגרמנים כוח לפעול. הם עושים בגיטו כבתוך שלהם בידיעה ברורה כי גורל האוכלוסיה, לחיים ולמוות, נתון בידיהם. סימני שליטה זאת ניכרים מיד. לפי פקודתם נוצר „יודנראַט״, שמתפקידו לשמש ספק של כוח־עבודה יהודי חינם, מכשיר לסחיטת כספים, ובבוא העת — גם ממציא קרבנות לסיפוק האינסטינקטים השפלים של ה„גזע העליון״.

מדי פעם מופיעים אנשי ס.ס., תופסים יהודים מכל הבא ליד — בעיקר גברים — משלחים אותם למקומות שמהם אין חוזרים עוד. כעבור זמן קצר מופיע קצין ס.ס. בדרגת אובר־שרפיהרר בשם פיירטג, וגם הוא תופס גברים — אולם בוחר במיוחד את הגיל הצעיר, ומייסד את מחנה הריכוז בלוצק, בסמינר הקתולי הפולני לשעבר. משפחות רבות נשארות ללא אבות ואחים כבר בחדש הראשון לכיבוש. הבהלה והפחד שוררים בכל הגיטו.

הייתי בין ראשוני העצורים במחנה הריכוז.

גדלתי בבית שהיה חדור רוח ציונית עמוקה ובפי כל בני הבית, חמישה ילדים וההורים, היתה העברית שגורה. אבי ז״ל היה ציוני פעיל, וזכורני ששנים מעטות לפני פרוץ המלחמה התחיל לחסל את עסקיו בפולין על מנת לעלות ארצה. אולם מתוך סיבות בלתי ידועות לי נתבטלה עלייתנו.

כמשפחתנו — היו משפחות רבות בלוצק.

והצעירים היהודים — במצב אחר היו בוודאי יכולים לעמוד על נפשם וכבודם, כפי שקרה לא פעם בפולין שלפני המלחמה. אולם לא היתה כל אפשרות כזאת בימי הגרמנים, ומסיבות שונות. ראשית כל — פעולות הדיכוי התכופות שבאו על הגיטו היהודי: דלדול מספר הגברים ע״י הוצאתם ושליחתם למקומות בלתי ידועים, ובמיוחד האוכלוסיה העויינת שמסביב לגיטו. בתנאים אלה לא היתה כל אפשרות לדבר על התארגנות כלשהי. ומלבד זאת, אי הוודאות ביחס לכוונת הגרמנים אל היהודים, ובפרט שאי אפשר היה להעלות על הדעת חיסול טוטאלי, דבר שכמוהו לא נשמע מעולם. כל אלה היו גורם לא מבוטל למה שקרה בהמשך הזמן.

כשנלקחתי למחנה הייתי בן 17 שנה. אתי יחד היו שני חברי מביה״ס — אברהם חזן ויאשה גלמיץ. גרנו יחד במחנה — עבדנו יחד ופעלנו יד אחת. העבודה היתה מחוץ למחנה. תעשיה לא היתה בלוצק, ובמידה שהיתה, כגון בי״ח לנרות, עבדו שם פועלים מקצועיים בלבד. לנו, עובדי עבודות־חוץ שונות, הזדמן מדי פעם לפעם להסתנן לתוך הגיטו לשעות מספר, להכניס כמויות מצומצמות של מזון שאפשר היה להשיגו ביתר קלות מחוץ לגיטו. ובכך גם קיימנו את הקשר בין הגיטו למחנה.

כ'האָב באַקומען אַ קליין צימערל און דאָ האָב איך ווייטער זיך פאַרנומען מיט מיין פּראַקטיק, פון וועלכער ס'האָבן גענאָסן אַלע איינוווינער אָן אונטערשייד פון אָפּשטאַם. די יידן האָבן זיך בעיקר רעקרוטירט פון לאַנדאַרבעטער פון דער גרענעץ־זאָנע ביים בוג. דאָס זענען געווען מענטשן אייסערגעוויינלעך שטאַרקע און געזונטע. נישט געקוקט דערויף האָבן זיי פאַר־לוירן די כוחות צוליב דער שווערער אַרבעט און דער זייער שלעכטער דערנערונג.

מיין שעף איז געווען אַ דאָקטאָר (וווינט היינט אין לויצק). צוויי מאָל אין חודש האָב איך צוזאַמען מיט אים אונטערזוכט די אַרטיקע באַפעלקערונג (די אַרישע) אויף אַ קאָמיסיע, באַ־שטימענדיק איר פעיקייט צו אַרבעט אויפן אָרט, אָדער מיר האָבן זיי אויך קוואַליפיצירט אויף אַרויסצופאָרן קיין דייטש־לאַנד.

זומער 1942 האָבן מיר געזען, אַז מען ליקווידירט אַלע יידן. אין די אַרומיקע שטעטלעך האָט זיך שוין אָנגעהויבן די פאַרטיליקונג.

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען צו מיר אַ באַקאַנטער וואַרשעווער כירורג, ד"ר טוגענטאַל, מיט דער פרוי און קינד. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין אַליק, ווו ער איז ביז היינט געווען, האָט מען פאַרנומען אַלע יידן און אַרויסגעפירט זיי הינטערן שטעטל, ווו ס'זענען שוין געווען צוגעגרייט אויס־געגראָבענע קברים, און זיי דאָרטן צעשאָסן. די דייטשן האָבן איבערגעלאָזן ביים לעבן בלויז 30 קוואַליפיצירטע ספּעציאַליסטן. דעם דאָקטאָר טוגענטאַל מיט דער פאַמיליע האָבן זיי באַפוילן זיך אַריבערקלייבן אין לויצקער געטאָ. כ'האָב געוואָלט אים פאַרהאַלטן ביי זיך, אָבער שוין אין אַ וואָך אַרום איז אַריין צו מיר דער אַרטיקער דיאַק און געדראָט, אַז אויב ד"ר טוגענ־טאַל וועט דעם זעלבן טאָג נישט פאַרלאָזן דאָס דערפל, וועט אויך ער און איך מיט די פאַמיליעס אומקומען. ד"ר טוגענטאַל, נישט וועלנדיק גורם זיין אַן אומגליק, איז אַרויסגעפאָרן קיין לויצק און דאָרט גראָד אַנגעטראָפן אויף אַן אַקציע. מען האָט דאָן ביי אים צוגענומען די פרוי מיטן קינד. ער האָט נאָך אַ שטיקל צייט געאַרבעט אין אַ קליניק. אין דער צייט פון דער ליקווידאַציע־אַקציע איז ער אַנטלאָפן צו מיר. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז ער געפאָרן צוריק קיין אַליק, ווו ער האָט אַנגעטראָפן אויף דער ליקווידאַציע־אַקציע, און איז אומגע־קומען.

זעענדיק וואָס עס טוט זיך, האָב איך זיך פאַרזאָרגט אויף יעדן פאַל מיט געווער. ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן צו באַקומען צוויי רעוואָלווערן. דער פרוי און דעם קינד האָב איך איינ־געשאַפן אַרישע פּאַפּירן. איך האָב געוואָלט אָרגאַניזירן די יידישע יוגנט פונעם הויף, מיר זאָלן זיך צוזאַמען לאָזן אין וואַלד אַריין, אָבער די עלטערע יידן האָבן זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט, טענהנדיק, אַז איך וויל ברענגען אַן אומגליק אויף אַלע. די דייטשן האָבן זיי כסדר פאַרזיכערט, אַז זיי וועט גאָרנישט געשען, ווייל זיי דאַרפן זיי האָבן.

אין אַלע שטעטלעך האָט מען ליקווידירט די יידן. אַלע וועגן זענען באַשטעלט געווען מיט אוקראַינער, וועלכע האָבן דערמאָרדעט די יידן וואָס האָבן געפּרוווט אַנטלויפן. ס'איז נישט געווען דער טאָג, מיר זאָלן נישט אַלאַרמירט ווערן דורך די פויערים, אַז אין עטלעכע אָדער אין עטלעכע צענדליק ברונעמער געפינען זיך טויטע יידישע קערפּערס, צעשטאָכענע מיט מעסערס, בעסטיאַליש צעהרגעט (אָן אויגן, פרויען אָן בריסטן).

האַלב סעפּטעמבער 1942 האָב איך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט רוסישע געפאַנגענע, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט אַ פּאַרטי־זאַנקע. איך האָב אָנגעהויבן צוזאַמען מיטן דענטיסט מיכאַלסקי (אַ ייד) און דעם אַפּטייקער סאַלים (אויך אַ ייד) פון דעם שטעטל אַסטערזעץ, פיר קילאָמעטער פון מיין דאָרף, אָרגאַניזירן אַ יידישע פּאַרטיזאַנקע. מיר האָבן איינגעקויפט עטלעכע און צוואַנציק ביקסן און עטלעכע און דרייסיק שטיק קורץ געווער. אין סעפּטעמבער דעם זעלבן יאָר האָב איך באַקומען אַ באַפעל פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער רויטער פּאַרטיזאַנקע צו פאַר־לאָזן מיין ביזאַיצטיק וווינאָרט און קומען אין דאָרף צעזערין, כדי אַנצוזאַמלען בסוד געווער און אַמוניציע פאַר דער רויטער פּאַרטיזאַנקע. איידער איך בין אַנטלאָפן האָב איך נאָך געמוזט דורכפירן אַ מעדיצינישע קאָמיסיע מיט יאַקימענקאָ אין דעם ראַיאָן פאַדעמבצע. דעמאָלסט האָב איך, אויסנוצנדיק מיין שעפס איגנאָראַנץ און באַזויפטקייט, אָנגעקליבן 1400 קראַנקע, קאַלי־קעס און עפּילעפּטיקער צו שיקן זיי אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז קודם אַוועק קיין ביאַליסטאָק, ווו ס'האָט זיי געדאַרפט נאָך אַ מאָל אונטערזוכן אַ דייטשע איז געווען פאַר די דייטשן אַן איבעריקער צייט־פאַרלוסט און זייער קאָסטבאַר. זיי האָבן דעמאָלט באַשטימט 20,000 קאַרבאַ־וואַנצעס פאַרן אַרעסטירן מיך.

דעם זעלבן טאָג ווען איך בין אַנטלאָפן, האָט מיין פרוי געדאַרפט אַוועק מיט אַן אויטאָ, וועלכער האָט געוואַרט אויף איר הינטערן דאָרף, קיין סאָפּאַנאָוו הינטער ראַדאָם, ווו מיט דער הילף פון באַקאַנטע האָט זיך מיר איינגעגעבן צוגרייטן פאַר איר אַ פּאַסטן און אַ דירה.

מיר זענען באַגינען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען פון הויז. דאָס האָט באַמערקט דער פּאָפּ, וואָס האָט געוווינט קעגן אונדזער הויז, וואַהאַטאַוויטש קאָנסטאַנטי. ער האָט וועגן דעם געגעבן צו וויסן די אוקראַינער. איך האָב זיך פריצייטיק געזעגנט מיט דער פרוי און אַוועק אין אַ כאַטע, ווו כ'האָב געדאַרפט בלייבן צו באַקומען פאַנדן אויף איינקויפן געווער. די פרוי מיטן קינד זענען געגאַנגען ווייטער, און מער־ווייניקער אַ פינף קילאָמעטער פון שטוב, אויף אַ קרייצוועג, זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון די אוקראַינער, וועלכע דער פּאָפּ האָט אַנגעשיקט און זיי האָבן דאָ שוין אָפּגעוואַרט. זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַ־

לישן אופן, מ׳האָט פון זיי אַראָפּגעריסן דאָס אָנטאָן ביז נאַקעט און באַגראָבן אין דעם ראָוו ביים וועג.

איך האָב נישט געוווּסט פון גאָרנישט. אויפן צווייטן טאָג אין אָוונט האָב איך באַקומען דאָס געלט (די פּאָגדן זענען געקומען פון ראָזשישטש, וווּ ס׳האָט אָרגאַניזירט דאָס פינאַנסירן די דאָזיקע פּאַרטיזאַנקע — קאָלעקטיוו מיט אוקראַאינער ביכא — אַ געוויסער ד״ר פּריט, אַ טשעכישער ייד, וועלכער האָט געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן) און זיך געלאָזן צום באַשטימטן דאָרף. דאָרט האָב איך אויסגעפּילט דעם באַפעל. נאָך דריי וואָכן בין איך „פאַרשיט״ געוואָרן און מ׳האָט מיך געפירט צום טויט. בעת אַן אָפּרו האָט זיך מיר איינגעגעבן צו אַנטלויפן. כ׳האָב זיך אומגעקערט צו מיין באַהעלטעניש, גענומען דאָרט מיין באַגאַן און זיך אומגעקערט קיין וואָראַטנאָוו, צו אַ פּאָרנאָל, ביים הויף. יענער האָט מיך אַרויסגעפירט אונטער היי אויף אַ פור קיין קיווערצע, אין וואַלד אַריין, צו דער אַזוי גערופענער סמאָליאַרנע, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר כאַטעס, פאַרלאָזענע פון פּאָליאַקן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פאַר באַנדעראָווצעס. אויפן דריטן טאָג האָט מיר דער זעלבער פּאָרנאָל געבראַכט לעבנסמיטל. אין דעם באַשטימטן טאָג האָב איך אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און דערזען אים אין דער באַגלייטונג פון אַ צווייטן מאַנספּאַרשוין. דערזעענדיק מיך, האָבן זיי מיר אָנגעהויבן געבן עפּעס צייכנס, איך האָב אָבער נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי ווילן און בין אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. דעמאָלט האָב איך דערזען אָנקומען פון דער צווייטער זייט אַ פּוילישן מיליציאַנט, ער האָט געהייסן ליעשניעווסקי. ער איז צוגעקומען צו מיר, זיך געפרעגט ווער איך בין און וואָס איך טו דאָ. כ׳האָב געזאָגט, אַז איך בין אַ פּוילישער לערער, אַז איך אַנטלויף פאַר די באַנדעראָווצעס און אַז כ׳האָב אַ ביסל סאַכאַרין, וואָס איך וויל טאַקע פאַרקויפן אָט די מענטשן. ער האָט מיר געגלייבט און איז אַוועק ווייטער. אָבער אַ ביסל שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט און מיך געהייסן זיך אויסלעגיטימירן. מיטן אויסרייד, אַז איך האָב די לעגיטימאַציע אין שטוב בין איך אַריינגעגאַנגען און דורך איינעם פון די הינטערשטע פענצטער אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין.

כ׳האָב באַשלאָסן לאָזן זיך קיין לויצק. אין וועג האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ פּאַרטיע האָלצהעקער, געהיטע פון דייטשן, וועלכע האָבן גענומען מיר נאָכשיסן. זיי זענען מיר נאָכגעלאָפן גענוג לאַנג, אָבער סוף־כל־סוף האָט זיך מיר איינגעגעבן אַנטרינען. איך האָב זיך אַרויפבאַקומען אויפן שאָסיי. בין דערגאַנגען ביז צום דאָרף זשאַבקי, וואָס איז באַוווינט פון פּאָליאַקן. דאָרט האָב איך ביים באַלעבאָס מאַלינאָווסקי איבערגעלאָזט מיינע זאַכן און געבעטן ביי אים אַלטע לאַכעס מיטן אויסרייד, אַז איך האָב אויסצופירן ווי אַ פּאָליאַק אַ געוויסע אויפגאַבע, צוליב וועלכער איך מוז אַזוי זיין אָנגעטאָן. אַן איבערגעטוענער פאַר אַ בעטלער בין איך געקומען צום לויצקער שלאַבאַן פון דער באַן. אָבער דאָרט האָט מען אַלע לעגיטימירט. האָב איך דעריבער באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין וואָראַטנאָוו און ווידער אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער. אין דאָרף האָבן מיך געפּאַקט וולאַסאָווצעס. זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט פון מיר די שיך און מיך אַוועקגעפירט אין הויף אַריין.

קיין יידן זענען דאָרט שוין נישט געווען. אַלע זענען שוין געווען אומגעבראַכט. איצט האָט מען די יידן, וועלכע מען האָט געכאַפּט, צוגעשטעלט אין הויף אַריין, וווּ מען האָט זיי ליקווידירט. איך האָב איינגעזען, אַז איך ריזיקיר שוין נישט מיט גאָרנישט, איז ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דורך אַ וועלדל, בערך 300—400 מעטער פון הויף, בין איך פּלוצעם אַריינגעשפּרונגען אין דאָזיקן וועלדל. דאָס איז געווען פאַר זיי אומדערוואַרט. איידער זיי האָבן זיך אָריענטירט און גענומען שיסן, האָט זיך מיר איינגעגעבן אַנטלויפן.

ביינאַכט בין איך אַרויס פון וואַלד און דראָענדיק מיט געווער האָב איך ביי איינעם אַ פּויער צוגענומען אַ פּאָר שטיוול. כ׳האָב זיך ווידער געלאָזט קיין לויצק. דאָס מאָל האָט זיך עס מיר איינגעגעבן. כ׳בין געגאַנגען צו אַ באַקאַנטער סאַניטאַרין און זי געבעטן, זי זאָל צו וויסן געבן ד״ר פּריטן, אַז אין אַ געוויסן אָפּגערעדטן אָרט וועל איך וואַרטן אויף ידיעות. דערנאָך בין איך אַוועק אויף אַ פאָרשטאָט. דאָרט האָב איך זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם פון איינער אַ כאַטע, וואָס איך האָב מיר שוין געהאַט אַמאָל אויסגעקוקט. אַרויסגיין פלעג איך בלויז איין מאָל דורך עטלעכע טעג און זיך איינשאַפן לעבנסמיטלען מיט געווער אין האַנט.

ערשט אין דריי וואָכן אַרום האָב איך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט ד״ר פּריט. כ׳האָב זיך צוגעשטעלט אויפן אָפּגערעדטן אָרט ביי אַ געוויסן גערטנער מיטן נאָמען קאָראַליק, אויפן קיווערצער שאָסיי. דאָרט האָב איך זיך אויסגעבאָדן, איבערגעטאָן, עפּעס אָפּגעגעסן און איבערגענעכטיקט. אויף מאָרגן האָב איך זיך געלאָזט גיין מיט ביכאן און קאָראַליקס טאָכטער צו אַ פּויער, וווּ כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט ד״ר פּריט. ער האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ וועלדל, צו אונדזערן אַ פאַרבינדלער. אַהין איז צו מיר געקומען אַ גרופּע פון 20 פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי פינף יידן (מישקא עדעקשטיין איז שפּעטער אומגעקומען ווי אַ העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, באַערדיקט אויף אַ חשובן אָרט אין שטאָטישן פּאַרק אין ראָווגע; דעם צווייטן קען איך נאָר לויט זיין פּסעוודאָנים „וויערני״, שפּעטער פינף מאָל אויסגעצייכנט; ראַבינאָוויטש, פיר מאָל אויסגעצייכנט, איז אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל; כוצעליעווסקי, וועלכער איז אַריבער דעם בוג אין די לובלינער וועלדער; און יצחק הימלפאַרב, דער אייגנטימער פון אַ טאַרטאַק אין כעלם). מיט אונדזער גרופּע האָט אָנגעפירט אַ טאָטער, פּראָפּאָרשטשיק איבראַהימאָוו.

שוין אויף דער צווייטער נאַכט האָבן מיר אויפגעריסן אַ צוג נאָענט צו ראָזשישטש. אין דריי נעכט שפּעטער האָבן מיר אויפגעריסן אַ צווייטן צוג אויף דער ליניע קאָוועל—סאַרנע. די רעזולטאַטן: ביים ערשטן אויפרייס — דער לאָקאָמאָטיוו און זעקס וואַגאָנען פולשטענדיק צעשעדיקט; ביים צווייטן — דריי וואַגאָנען מיט לעבנסמיטל.

נאָך דעם האָבן מיר זיך אומגעקערט אין וואַלד. וואָס שייך מיר, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל געפונען אויף אַ פּאַרטיזאַנישער טעריטאָריע. דאָס איז געווען אַ דרייסיק קילאָמעטער פון שטעטל מאַניעוויטש. איך האָב דעמאָלט אויסגעזען אַזוי, אַז ווען מיר האָבן אין דאָרף באַראַזניצא איבערגענעכטיקט ביים פּויער פּאַלאַשוק, האָט ער פאַר אַלע אויסגעבעט אויף דער ערד, און מיר געגעבן אַ בעט. ווען מ׳האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער טיילט מיך אַזוי אויס, האָט ער געענטפערט, אַז אַ מענטש נאָך די זעכציקער דאַרף נישט שלאָפן אויף דער ערד, און איך בין דעמאָלט אַלט געווען נישט קיין פולע זיבן און דרייסיק יאָר.

אין וואַלד, אין וועלכן ס׳איז געווען דער לאַגער פון מיין

פּאַרטיזאַנקע (אַ פּאַראײניקונג פון העלדן פון ראַטנפאַרבאַנד פון דעם פּאָלקאָווניק ברינסקי, וואַרשײנלעך אויך אַ ייד), בין איך גלייך דעם ערשטן טאָג געוואָרן אויפמערקזאַם אויף אַ פּרעכטיק אײנגעאָרדנטן צווינטער. דאָס איז געווען דער צווינטער פון די געפאַלענע פּאַרטיזאַנער. מער ווי אַ העלפט פון די נעמען זענען געווען יידישע.

איך האָב געאַרבעט ווי אַ דאָקטאָר פון אַ בריגאַדע. אויסער מיר זענען אויף אַ נישט גרויסן אָפּשניט געווען עטלעכע יידישע דאָקטוירים: ד״ר מעלכיאָר פון הינטער ראַדאָם, ד״ר קורץ פון טאָרטשין (נעבן לויצק), ד״ר מערמעלשטיין פון קאָוועל. אַ ביסל ווייטער, אין אַנדערע פּאַראײניקונגען (שפּעטער האָבן זיי זיך פּאַראײניקט מיט אונדז), זענען אויך געווען יידישע דאָקטוירים: ד״ר ערליך פון האָראָכאָוו איף וואָלין, ד״ר מאַריאַן פּאָזנאַנסקי מיט דער פרוי — אַן אַפּטייקערין פון לאָדזש, ד״ר איסלער העגריק פון מזרח־גאַליציע מיט דער פרוי אַ סאַני־טאַרין און פּראָפ. ד״ר יוזעף פּאַרנאַס, היינט פּראָפעסאָר מיקראָ־ביאָלאָגיע אויפן אוניווערסיטעט אין לובלין.

אין וואַלד איז אויף יעדע דריי קילאָמעטער מער־ווייניקער געשטאַנען אַן אָפּטייל פון 250—530 פּערזאָן. צוויי אַזעלכע אָפּטיילן, וואָס זענען מיט זיך אין שכנות, האָבן געבילדעט אַ בריגאַדע, וועלכע איז באַזאָרגט צום ווייניקסטן מיט איין אַרויסשיק־ און אויפנעם־אַנטענע. ס׳איז געווען אַ באָד, אַ בעקעריי, אַ קיך, פערדשטאַלן, קישטאַלן, חזיר־שטאַלן, מאַגאַזינען ביי יעדן אָפּטייל. מיר האָבן געוווינט אין ערדשטיבלעך. דער שטאַב האָט געהאַט זיין באַזונדערע שטוב. חוץ דעם איז געווען אַ שפּיטאָלעכל. ס׳זענען אויך געווען פלי־פּלעצער, ווו ס׳האָבן געלאַנדעט סאָוויעטישע אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן אונדז געבראַכט פאַרשידענע נייטיקע זאַכן, און נישט איין מאָל האָבן זיי פאַרנומען מיט זיך שווער פאַרוווּנדעטע.

דאָרט, ווו ס׳זענען נישט געווען קיין פלי־פּלעצער, פלעגן מיט פאַראַשוטן אַראָפּגעוואָרפן ווערן סיי פּעקלעך, סיי מענטשן.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, בין איך געווען אַ דאָקטאָר פון אַ בריגאַדע, נאָר חוץ דעם פלעג איך גיין אויף דיווערסיעס. כ׳פלעג אויך רייטנדיק באַזוכן די דערפער, ווו ס׳האָבן פּאַטרולירט אונדזערע וואַכפּאָסטנס. מיר האָבן כסדר געפירט קאַמפן מיט די באַנדעס באַנדעראָווצעס, וואָס פלעגן אונדז איבערפאַלן.

איינמאָל, הינטער סערכאָוו, בין איך צוזאַמען מיט זעקס חברים באַפאַלן געוואָרן פון אַ פיל שטאַרקערן אָפּטייל באַנדעראָווצעס. מיר האָבן געקעמפט פאַרביסן און לסוף זענען יענע אָפּגעטראָטן. אָבער איך בין פאַרווונדעט געוואָרן.

דעמאָלט זענען געווען מיט מיר נאָך צוויי יידן (פידלער און בוך).

אַזוי האָבן מיר געקעמפט מיט דיווערסיע ביז דער העלפט נאָוועמבער 1943. צו דער צייט האָט זיך גענומען דערנענטערן די רויטע אַרמיי. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל אָנצוגרייפן אין רוקן פון דער דייטשער אַרמיי. מיר האָבן באַזיצט אַלע מינים וואָפן, חוץ טאַנקען און עראָפּלאַנען. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע תקופה. דעם שטאַרקסטן קאַמף האָבן מיר געפירט מיט די דייטשן הינטער צומאַן. איך, ווי אַ קאָמאַנדיר פון 600 מענטשן, האָב געהאַט די אויפגאַבע צו היטן דעם וועג פון צומאַן קיין דראָזשנע און נישט דערלאָזן, אַז פון דאָרט זאָל קומען הילף פאַר די דייטשן. די דייטשן האָבן אונדז באַמערקט און געעפנט אַ גיהנומדיק פייער. פונדעסטוועגן האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו צווינגען זיי אַנטשוויגן צו ווערן. די דייטשן האָבן פאַרלאָזט צומאַן אין בהלה.

אין דאָזיקן קאַמף האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אַ ייד מיטן נאָמען „מאַמציע” און אַ צווייטער „מאַלינקי”. מיר האָבן אַזוי געקעמפט ביזן 2־טן פעברואַר 1944, ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין קיין ראָוונע, און אין עטלעכע שעה אַרום האָבן מיר זיך דאָרטן געפונען. צוויי טעג שפּעטער האָט די רויטע אַרמיי באַפרייט לויצק.

(אַרכיוו פון וואַרשעווער יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט)

יוסף ראָזענפעלד

יידישע פּאַרטיזאַנער אין לויצקער געגנט

די גרויסע שול־וואַקאַציעס האָב איך פאַרבראַכט ביי מיין טאַטן אין דעם שטעטל קאָלק, נישט ווייט פון לויצק. מיין טאַטע האָט געאַרבעט אין אַן אַפּטייק. אין יאָר 1939 איז ער געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן אונדזער אַפּטייק אין טאָרטשין און זיך באַזעצן, לויט אַ באַפעל פון דער סאָוויעטישער מאַכט, אין קאָלק.

מיין משפחה איז פאַרבליבן אין טאָרטשין.

אין איינעם אַ שיינעם יוני־פרימאָרגן האָט אונדז אַרויסגעריסן פון די בעטן אַ כוואַליע אויפרייסן. מיר זענען אַרויס אין גאַס. ס׳איז געווען 5 אַזייגער. די גאַסן זענען פול געווען מיט מענטשן. באַלד איז אונדז קלאָר געוואָרן: אַנטלויפנדיק סאָוויעטיש מיליטער איז אָנגעקומען קיין קאָלק. הייסט עס — מלחמה!

די געשעענישן האָבן זיך אויפגעוויקלט מיט אַ שווינדלענדיקער שנעלקייט. די ערשטע מאָטאָציקלען פונעם „רייכס”־מיליטער זענען אַהער אַריין, עס הייבן אָן ווילדעווען די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן. דאָ און דאָרט דערציילט מען וועגן ערשטע יידישע קרבנות.

דער אוקראַינישער פאָרזיצער פון שטאָטראַט האָט באַפוילן מיין טאַטן פאַרצוזעצן זיין אַרבעט און אים אַפילו צוגעזאָגט זיין שוץ.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר אָנגעהויבן זיך באַמיען

וועגן אומקערן זיך קיין טאָרטשין. ס'זענען אַריבער דריי וואָכן און אונדזער בקשה איז באַגיטיקט געוואָרן מצד דעם פאַרוואַלטער פון די אַפּטייקן — אַ קריסט, וואָס האָט געקענט מיין טאַטן שוין פון לאַנגע יאָרן.

נאָך אַ סך וואָגלענישן זענען מיר אָנגעקומען קיין טאָרטשין. אַ שטילשווייגעניש, ווי אויף אַ בית־עלמין. דאָס איז אונדזער ערשטע שפּירונג. דאָ און דאָרטן זעט מען אַ באַקאַנטן שנעל פאַרביילויפן די גאַס. די גאַסן פּאַטרולירן אוקראַיִנישע פּאָליציאַנטן, צווישן זיי אַ סך יונגע, וואָס האָבן געלערנט מיט מיר צוזאַמען, — פאַרשטייט זיך, אַז איצט דערקענען זיי מיך נישט.

לויפנדיק ממש קומען מיר צו אונדזער שטוב. שומי באַגעגנט אונדז מיט טרערן: מיין ברודער לייב איז נישטאָ — מען האָט אים פאַרנומען מיט אַ סך יוגנטלעכע — זיי האָבן זיך שוין נישט אומגעקערט.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך דער טאַטע צוריק גענומען צו דער אַרבעט אין אַפּטייק, און איך בין אַוועק אַרבעטן ביים שאָסיי מיט נאָך עטלעכע טאָרטשינער יוגנטלעכע.

דאָס זענען געווען די טעג פון די גרויסע דייטשע נצחונות. די אוקראַיִנער ווילדעווען אין שטאָט. ס'איז נישטאָ כמעט קיין טאָג, אין וועלכן ס'זאָלן נישט פאַלן קיין קרבנות.

ס'דערגרייכן אונדז קלאַנגען פון לויצק, אַז מען האָט די יידן פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ. אין דער זעלבער צייט קומט צו אונדז די מומע טאַניע (די פרוי פון דעם פאָטאָגראַף אקס) מיט די קינדער פון לויצק. יאָ, די קלאַנגען זענען געווען ריכטיקע.

וואָס ס'איז געשען אין לויצק, האָט נישט פאַרשפּעטיקט צו קומען אויך אין טאָרטשין.

מיט דער טרייער הילף פון די אוקראַיִנער האָט זיך די דייטשן איינגעגעבן אין משך פון דריי שעה אויפצושטעלן דאָס געטאָ אין טאָרטשין. אין יענעם טאָג זענען געפאַלן 11 קרבנות.

ביי אונדז אין שטוב, וואָס האָט זיך געפונען אין געטאָ, האָבן געוווינט דריי משפחות: מיין מומע טאַניע מיט די קינדער, די משפּחה קאַץ און מיר. אונדזער געטאָ האָט זיך נישט אונטערגעשיידט פון אַנדערע געטאָס — אַ יודענראַט מיט יידישע פּאָליציאַנטן, הונגער, נויט און קראַנקייטן, אָן מינדעסטן שאָטן פון האָפענונג.

אויף דער שוועל פון יאוש האָבן אַ סך יוגנטלעכע אָנגעהויבן צוטראַכטן די פאַרשידנסטע פּלענער.

ס'האָבן גענומען אָנקומען צו אונדז ידיעות וועגן דער אַלגעמיינער אויסראָטונג פון די יידן. ס'איז שווער געווען דערין צו גלייבן, פונדעסטוועגן האָבן מיר עטלעכע יוגנטלעכע באַשלאָסן אָנצוהייבן גאָר אינגיכן עפּעס צו טאָן.

מען האָט זיך פאַרבונדן מיט איינעם אַ קריסט פון טאָרטשין, וועלכער האָט איינגעשטימט אונדז צו העלפן אין אַ סך זאַכן. דאָ שטרייך איך אונטער: פאַר קיין שום באַלוינונג. דער דאָזיקער מענטש לעבט נאָך ביז היינט אין טאָרטשין, און צוליב פאַרשידענע סיבות פאַרעפנטלעך איך נישט זיין נאָמען.

מיר האָבן געגראָבן זיך אַ בונקער אויסערן געטאָ (די גאַנצע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן אַ 150 מעטער פון דער פּאָליציי). מיט גרויס מי האָבן מיר זיך איינגעשאַפן די ערשטע צוויי רעוואָלווערן און אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן.

מיר זענען געווען עטלעכע יוגנטלעכע, וועלכע זענען אַלע געבליבן לעבן. דאָס זענען: יצחק אָלייניק, אהרן קאַטקו, שיקע ראָזנגאַרטן, יעקב קאַלאָגיצקי, שמעון טרעגער — אַלע אין די פאַראייניקטע שטאַטן; בעליק קאַטקו און יוסף ראָזנפעלד, וועלכע געפינען זיך אין ישראל.

דעם בונקער האָבן מיר געמאַכט אויפן פּלאַץ, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען אַ ריי געוועלבער, און פאַר דער צייט פון די סאָוויעטן איז אין זיי געווען אַרטעלן פון אַלע מינים באַלעמעלאָכעס. פאַר דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן די דאָזיקע געוועלבער מיט די יידישע פאַכלייט צוגעשטעלט די דייטשן און אוקראַיִנער אַלערליי אַרטיקלען. אין איינעם פון די געוועלבער איז געווען אַ שוסטער־וואַרשטאַט, אין וועלכן ס'האָבן געאַרבעט אהרן קאַטקו און נאָך עטלעכע בחורים. זיי פלעגן זאָרגן, אַז דער פוראזש פאַר דעם „קאָמענדאַנטס" האַלבן טויט פערד זאָל זיין אין אָרדענונג. דאָס איז אויך געווען די סיבה, וואָס קאַטקו פלעגט נישט איינמאָל „עולה" זיין צום זאָנדערפירער.

ווען ס'האָבן זיך פאַרמערט די קלאַנגען וועגן דער ליקווידאַציע פון די געטאָס אין דער געגנט, האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ באַהעלטעניש פאַר אונדז. אונדז איז צום בעסטן געפעלן דווקא דער פּלאַץ פון די געוועלבער אויסערן געטאָ. ס'האָט אונדז אויך געלאָקט דער קליינער אָפּשטאַנד פון דער פּאָליציי: מיר האָבן געוווסט, אַז אַרום דער פּאָליציי וועט מען שטאַרק נישט זוכן.

צווישן אונדז איז געווען אַ „מומחה" אויף בונקערס — שיקע ראָזנגאַרטן.

דעמאָלט האָט מען עס נישט גערופן בונקער, נאָר גרובן.

מיר האָבן אָנגעהויבן גראָבן אונטער דעם שוסטער־וואַרשטאַט אין דער ריכטונג פונעם הויף. ס'איז איבעריק צו דערציילן מיט וויפל כוחות און מי מיר האָבן געגראָבן אונדזער בונקער. מיר האָבן געמוזט צעשפּרייטן די אויסגעגראָבענע ערד אַזוי, אַז קיינער זאָל עס נישט באַמערקן. כ'האָב אַריינגעצויגן אַן עלעקטרישע ליניע אין דעם גרובן, אַזוי אַז מיר האָבן נישט איבערגעריסן די אַרבעט אַפילו ביינאַכט. יעדער איינער פון אונדז האָט געאַרבעט עטלעכע מינוט און איז געצוווּנגען געווען אַרויסצוגיין איבערכאַפּן דעם אָטעם. מיר זענען געגאַנגען פאָרויס, אַ צענטימעטער נאָך אַ צענטימעטער, ביז ענדלעך האָט זיך אונדז איינגעגעבן ענדיקן די אַרבעט.

דער גרובן איז געווען פאַרטיק. ערשט האָט געפעלט דער עיקר — דער אַרויסגאַנג. דאָס אָרט, פון וואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן גראָבן, האָבן מיר צוריק פאַרמאַכט, אָן שום שפּורן. די אַרויסגאַנג־טיר איז געווען עטלעכע מעטער פונעם געוועלב אויפן הויף. לויט שיקעס פאָרשלאַג האָבן מיר אַוועקגעשטעלט פּינקטלעך איבער דער אַרויסגאַנג־טיר אַ קלאָזעט מיט פאַרבאָרגענע טירן, אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט אַרויסגיין פון בונקער און אַריינגיין, אַפילו ווען דער קלאָזעט וועט זיין אין באַנוץ.

נאָכדעם ווי מיר אַלע זענען אַריין אין בונקער, ווען דאָס געטאָ איז שוין געווען געוועצלעך ליקווידירט, האָבן דאָס אָרט אין די געוועלבער פאַרנומען עטלעכע אוקראַיִנישע באַלמעלאָכעס. מיר זענען געזעסן אינעווייניק, און זיי פלעגן אַריינגיין אין קלאָזעט און אַרויסגיין. ס'איז זיי גאָרנישט איינגעפאַלן.

מיר האָבן אָבער כסדר געלעבט אין פּחד, טאָמער וועט דער גרובן אַנטדעקט ווערן. אין די נעכט פלעגט אונדזער פריינד מיט זיינע זין ברענגען אונדז פּראָוויאַנט. מיר האָבן געשפּירט, אַז די דאָזיקע „שפּיל" קאָן לאַנג נישט דויערן. האָבן מיר באַשלאָסן אַוועק פון דאַנען צו אונדזערן אַ פריינד, וועלכער האָט געוווינט אַקוראַט ביים וואַלד.

אין איינעם אַן אָוונט זענען מיר אַרויף אויבן. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אונדזער פריינד און זיין משפּחה. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי אונדז געוווּנטשן אַ גליקלעכן וועג.

דעם צווייטן בונקער האָבן מיר אויסגעגראָבן פאַרהעלטנישמעסיק גענוג שנעל. אויף דער אַרויסגאַנג־טיר האָבן מיר אַנידערגעשטעלט דאָס ביידל פונעם הונט. דער בונקער איז געווען ממש אונטער אונדזער פריינדס שטוב, און דעם הונטס („זאַגראַ") ביידל איז געווען ביי דער טיר פון דער שטוב. ווען מיר פלעגן דאַרפן אַרויסגיין, פלעגן מיר „שיין אַ בעט טאָן" ביי „זאגרא", ער זאָל אַרויס פון ביידל, און מיר — נאָך אים.

אַזוי האָבן מיר זיך גוט „איינגעאָרדנט". אונדזער פריינד פלעגט אונדז צושטעלן עסן מיט מער פרייקייט, ווייל זיין שטוב איז געשטאַנען אַליין, און מ'האָט זיך נישט געדאַרפט שרעקן פאַר שכנים. צייטנווייז פלעגן מיר אַרויסגיין פון אונדזער „לאָך" צו אָטעמען אַ ביסל פרישע לופט און אויך זיך אַ ביסל אַרומוואַשן, ווען ס'איז נייטיק.

געוועזן האָבן מיר אָנגעהויבן זיך איינשאַפן נאָך אין טאָרטשין אויף אַלערליי אופנים, אָבער דער עיקר פאַר געלט און קליידונג, וואָס ס'האָט זיך אונדז איינגעגעבן עס איינצוהיטן. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז מיר האָבן באַקומען אַ ביסל געווער פון פּאָליאַקן אומזיסט.

אויף די ערשטע אַקציעס פלעגן מיר אַרויסגיין מיט צוויי־דריי כלים אונדזערע, וועלכע זענען געווען מער־ווייניקער אין אָרדענונג. די איבעריקע בחורים זענען געווען באַוואָפנט מיט הילצערנע ביקסן.

ווי גליקלעך האָבן מיר זיך געפילט ווען ס'איז געקומען דער טאָג, ווען יעדער פון אונדז האָט שוין געהאַט אַן אמתע כלי. איך מיין, אַז היינט איז שווער צו געפינען אין מוזייען אַזעלכע ביקסן ווי מיר האָבן געהאַט. פאַר אונדז זענען זיי געווען די טייערסטע.

נאָך דעם ווי מיר האָבן געמיינט, אַז מיר באַהערשן שוין גענוג די כלים, זענען מיר אַרויס אויף אַקציעס. אין איינעם אַ טאָג האָבן מיר באַשלאָסן, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט צו „ליקווידירן" עטלעכע אוקראַינישע פּאָליציילייט, באַזונדערס איינעם פון זיי, וועלכער האָט זיך שטאַרק „אויסגעצייכנט" ביי די דייטשן. איינמאָל פאַרנאַכט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיר האָבן געדאַרפט גיין עטלעכע קילאָמעטער. אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען מיר געקומען אויפן אָרט. מיר האָבן אַרומגערינגלט זיין שטוב און אים אָנגעגריפן מיטן פייער פון אַלע אונדזערע ביקסן, אַריינגעריסן זיך אינעווייניק און גענומען נקמה.

אויפן צווייטן טאָג האָבן זיך אַלע טאָרטשינער חשובע קריסטן באַטייליקט אין דער לוויה. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ס'האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ שרעק פאַר די ייִדישע „באַנדיטן".

מיר האָבן דורכגעפירט נאָך אַקציעס מיט מער אָדער ווייניקער הצלחה. אָבער דעם עיקר האָבן מיר דערגרייכט — די קלאַנגען וועגן ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער געגנט, צייטנווייז אַפילו היפּש גוזמאַדיקע.

יוסף טייטעלבוים

נקמה



יוסף טייטעלבוים

קיין לוצק האָב איך זיך אומגעקערט דעם 28־טן סעפּטעמבער 1944, אַלס מלחמה־אינוואַליד. די רעכטע האַנט איז נאָך געווען אין גיפּס, ווייל געקומען בין איך פון מיליטערישן שפּיטאָל. דער ערשטער וועלכן איך האָב געטראָפן נאָכן אַראָפּגיין פון צוג איז געווען חיים ברוך טשעקין — אַ דאָראָשקאַזש פאַרן קריג. אויך ער איז געווען אַ זעלנער אין דער סאָוויעטישער אַרמיי און געקומען איז ער פאַר מיר קיין לוצק אויף אורלויב. שוין אין די ערשטע מינוטן פון געשפּרעך האָט ער מיר דערציילט, אַז צוויי טעג ווי ער זוכט אַ ייִד אַן רעזולטאַטן. אויך מיין שטוב איז פאַרברענט און די משפּחה — אויסגעמאָרדעט.

מיר האָבן זיך ביידע געלאָזט גיין לענגאויס דער געוועזענער יאַגעלאָנסקע גאַס און זענען געווען דערשיטערט פון דער באַגעגעניש מיט דער שטאָט. איבערגעלאָזט האָבן מיר אַ שטאָט מיט ייִדן און איצט — אַ בית־עולם. צופעליק האָבן מיר געטראָפן אַ פּוילישע פרוי, וועלכע האָט געוווינט אין שכנות מיט מיינע עלטערן: יוזעפינאַ טשופּרינסקאַ. זי האָט אונדז באַלד דערקענט, פריינדלעך איינגעלאַדן צו זיך און אונדז געגעבן אָפּצועסן. מיר זענען געבליבן ביי איר אייניקע טעג.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט טשופּרינסקאַ — ווי איך האָב באַמערקט — אָנגעהויבן זיך אויפפירן נערוועז. אויף מיין פראַגע וואָס איז די סיבה פון איר שטימונג, האָט זי מיר

אין גרויס שפּאַנונג דערציילט, אַז מיין שוועסטער רבקה איז געפאַלן מיט אייניקע חדשים פריער, קורץ פאַר דער באַפרייונג פון לויצק. זי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַן אוקראַינישן פּאָליציאַנט רעדקאָ. ביז יענעם טאָג האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַן אינזשיניער, אויך אַן אוקראַינער מיטן נאָמען ביעלי. מיט איר צוזאַמען האָבן ביי דער משפחה ביעלי זיך אויסבאַהאַלטן נאָך 6־7 יידן. אויסגעגעבן האָט מיין שוועסטער אַ געוויסע פּוילישע פרוי שטאַשינסקאַ.

די דאָזיקע שטאַשינסקאַ האָט במשך פון 24 יאָר געאַרבעט ביי מיינע עלטערן אין דער בעקעריי אַלס פאַרקויפערין. ביי דער שטאַשינסקאַ האָט מיין שוועסטער געהאַט אויסבאַהאַלטן אייניקע זאַכן. איינמאָל ווען זי איז געקומען פון איר באַהעלטעניש צו דער שטאַשינסקאַ און געבעטן אירע קליידער, האָט די לעצטע איר געבעטן זי זאָל קומען אַ צווייט מאָל. ווען מיין שוועסטער איז צו איר געקומען אינעם באַשטימטן טאָג, האָבן שוין דאָרט געוואַרט אויף איר דייטשן און דער אוקראַינישער פּאָליציאַנט רעדקאָ. זי האָט נאָך באַוויזן צו אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן אין די קאַרטאָפל־פעלדער ביי „בענעס" בריק. קריסטלעכע קינדער האָבן באַמערקט דאָס אָרט פון איר באַהעלטעניש און האָבן אָנגעוויזן די רוצחים, וועלכע האָבן זי געכאַפּט און דער פּאָליציאַנט רעדקאָ האָט איר אויפן אָרט דערשאָסן.

רעדקאָן האָב איך געדענקט. ער איז געווען אַ גימנאַזיסט פון דער אוקראַינישער גימנאַזיע. ער איז אַנטלאָפן מיט די דייטשן. נאָכן אויסהערן די געשיכטע, האָב איך געפרעגט: „ווו וווינט שטאַשינסקאַ?" „אויף סלאָוואַצקע 13" — האָט טשופרינסקאַ געענטפערט. האָב איך מיט דער לינקער האַנט (די רעכטע איז געווען באַנדאַזשירט) אָנגעלאָדן דעם רעוואָלווער און אַרויס פון שטוב.

פאַר אַלעמען בין איך אַרויפגעגאַנגען אין גאָרקאָם (שטאָט־קאָמיטעט) פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. איך האָב זיך דערשלאָגן צום סעקרעטאַר מאַלוגאַ און אים געמאָלדן, אַז איך גיי איצט אויף סלאָוואַצקע 13 און אויב איך וועל דאָרט טרעפן די שטאַשינסקאַ (איך האָב אין קורצן דערציילט די געשיכטע פון מיין שוועסטערס טויט), וועל איך זי אויפן אָרט הרגענען. צוערשט האָט מיר מאַלוגאַ געפּרוּווט איבערצייגן, אַז איך זאָל זיך ווענדן צום געריכט און נישט אַרויסטראָגן אַליין קיין אורטייל. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ווען מאַלוגאַ האָט גענומען אַלאַרמירן די מיליץ, בין איך אַרויסגעלאָפן פון זיין קאַבינעט און זיך געלאָזט לויפן דורך שענקעוויטשע — און דורכן פעלד אַרום דער געוו. יידישער קהילה — אויף סלאָוואַצקע.

צוקומענדיק צו איר שטוב האָב איך פון דער וויטנס דערזען ווי עס לויפן צוויי סאָוועטישע מיליציאַנטן. איך האָב נישט געלייגט אויף זיי קיין אַכט און געגאַנגען שנעל צו שטאַשינסקאַס דירה. ווי איך האָב נאָר געעפנט די טיר איז מיר אַנטקעגנגעקומען די פרוי שטאַשינסקאַ. זי האָט ברייט געעפנט די אָרעמס און אויסגעשריגן: „אוי פּאַניע טייטעלבוים!" איך האָב איר גאָרנישט געענטפערט. מיט דער לינקער האַנט האָב איך גענומען דעם פּיסטאָלעט, דריי מאָל אויסגעשאָסן און זי איז געפאַלן.

אין דעם מאָמענט זענען אין שטוב אַריין די צוויי מיליציאַנטן. שטאַשינסקאַ איז געלעגן טויט. איך האָב גענומען נקמה. די מיליציאַנטן האָבן מיר נישט געזאָגט קיין וואָרט. איך האָב זיי אָפּגעגעבן דעם רעוואָלווער און געזאָגט: איר קאָנט מיך פירן ווו מען דאַרף. זיי האָבן מיך געפירט צוריק אין גאָרקאָם פון דער פאַרטיי. דעם רעוואָלווער האָט מען דאָרט איבערגעלאָזט. איך האָב ביי זיי געבעטן נאָר איין זאַך — פירט מיך ווו איר ווילט, אָבער לאָזט מיר זיך באַרויקן.

זיי האָבן מיך פרייגעלאָזט און געהייסן קומען אויף צומאָרגנס. אויפן אַנדערן טאָג האָט מען מיר גערופן אין נ.ק.וו.ד. איך האָב זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע, פאַרוואָס איך האָב דערשאָסן די שטאַשינסקאַ. מען האָט אויך גערופן די טשופרינסקאַ, וועלכע האָט באַשטעטיקט אַלץ וואָס איך האָב דערציילט און זיי האָבן מיך צוריק אָפּגעלאָזט.

15 מאָל האָט מען מיך גערופן. צום סוף בין איך געגאַנגען צום קאָמענדאַנט פון דער נ.ק.וו.ד. אין לויצק, פּולקאָווניק יאַקאָווענקאָ, און אים געזאָגט: „אויב איך בין אַ פאַרברעכער — אַרעסטירט מיך און מאַכט מיר אַ געריכט; אויב נישט — הערט מיך אויף צו פאָרשן. איך האָב אייך אַלץ איבערגעגעבן און איך האָב נישט מער וואָס צוצוגעבן."

פון יענעם טאָג אָן האָט מען מיך מער נישט גערופן און נישט געפרעגט.

די לעצטע יידן אין לויצק (1955)

פסח שמש / ישראל

צווישן פּאַרטיזאַנער

איך שטאַם פון וויקלע. ווען די מלחמה פון 1941 האָט זיך אָנגעהויבן בין איך געווען אַ זעלנער פון דער רויטער אַרמיי אין פּיאַטיגאָרסק. צוזאַמען מיט מיר האָט מען אין יענע יאָרן מאָביליזירט פיל יידישע יוגנטלעכע פון לויצק. איך דערמאָן זיך לייבעלע ליבובער, טרויביטש, שמחה פּאַליק דעם סטעלמאַכס, אפען און נאָך אַנדערע.

שוין דעם ערשטן טאָג פון קריג האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אויפן פראָנט קיין ווייסרוסלאַנד. איך האָב אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פון סמאָלענסק, וויאַזמע, וויעליקיע לוקי. בעת איינער פון די שלאַכטן זענען אונדזערע איינהייטן אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן און מיר זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. פון טויזנטער געפאַנגענע האָבן די דייטשן אויסגעקליבן די שטאַרקסטע בחורים און זיי גענומען צום לאַדעווען געווער פון באַנען אויף אויטאָס. בעת אַ געלעגנהייט בין איך צוזאַמען מיט נאָך אַ רוסישן געפאַנגענעם אַנטלאָפן. איך האָב באַשלאָסן זיך אומקערן קיין לויצק.

דעם גאַנצן וועג האָב איך דורכגעמאַכט שפּילנדיק די ראָל פון אַ רוס: איך האָב געהאַט פאַלשע דאָקומענטן אויפן נאָמען פּאַפּאַזאָוו פּיאָטר מאַקסימאָוויטש. די פּויערים אויפן וועג האָבן זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו די געפאַנגענע, וועלכע זענען אַנטלאָפן און אַדאַנק זייער הילף איז מיר געלונגען אָנצוקומען קיין אָליק.

געווען איז דאָס ווינטער 1942־1941. אַ ייד האָט מיר דאָרט געזאָגט, אַז אין לויצק זענען די יידן פאַרשלאָסן אין אַ געטאָ און אַז אין טראָכנבראָד איז ארץ־ישראל. היות איך האָב דאָרט געהאַט קרובים, האָב איך באַשלאָסן אַהין צו גיין. געטראָפן האָב איך דאָרט ביי אַ צוויי טויזנט יידן. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט גאַרבעריי. איניקע יידן פלעגן טאָג־טעגלעך פירן קיין לויצק די פעל פון דער אָרטיקער גאַרבאַרניע. מיט זייער הילף האָב איך מודיע געווען קיין לויצק וועגן מיין צוריקקער פון פראָנט. מיין מוטער איז געקומען מיך באַזוכן און זי איז שוין דאָרט פאַרבליבן ביזן אומקום.

אין טראָכנבראָד האָב איך זיך באַפריינדט מיט איניקע יידן און אוקראַינער, וועלכע האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז אין וואַלד איז באַגראָבן געווער, וואָס די רוסן האָבן בעת זייער אָפּטרעטן פאַרבאַהאַלטן. אין די פינצטערע נעכט פלעגן מיר זאַלבעדריט גיין אין וואַלד און זוכן דאָס געווער. איינמאָל האָבן מיר געפונען אַ דיסק פון אַ קוילנוואַרפער. דערנאָך האָבן מיר געפונען דריי ביקסן. דאָס געווער איז געווען פאַרזשאַווערט. די אוקראַינער זענען נישט געווען קיין מיליטער־לייט און זיי האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט דעם. אַלס געוועזענער זעלנער בין איך געוואָרן זייער אינסטרוקטאָר און זיי געלערנט ווי אַזוי צו צענעמען און צוזאַמענלייגן דאָס געווער.

ווען אין שטעטל האָט מען זיך דערוווּסט, אַז איך פאַרנעם זיך מיט אַזעלכע געפערלעכע ענינים, האָט מיר מיין קוזינע אַוועקגערופן אין אַ זייט און מיך געוואָרנט, אַז צוליב מיר וועט נאָך די גאַנצע עדה יידן ליידן. קורץ נאָך דעם איז אין טראָכנבראָד פאָרגעקומען די ערשטע אַקציע. ווויסנדיק אַז עפּעס גרייט זיך, בין איך אַנטלאָפן פון טראָכנבראָד אין וואַלד אַריין. מיין מוטער האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון דעם. זי האָט מיר געזאָגט: וואָס וועט שוין אַרויסקומען, אַז דו וועסט איינער אַליין בלייבן לעבן? אין יענע צייטן האָב איך שטענדיק געהאַט ביי זיך געווער מיט 25 קוילן. איך האָב נישט געפאָלגט דער מוטער און בין אַוועק אין וואַלד.

פון יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן מיין פּאַרטיזאַנישע



לייצקער פּאַרטיזאַנער — ערשטער פון רעכטס: פּסח שמש

טעטיקייט. די ערשטע „פּאַרטיזאַנער" מיט וועלכע איך האָב מיטגעאַרבעט זענען געווען צוויי אוקראַינער. זיי האָבן נישט געהאַט קיין קלאָרע אַנונג וועגן דעם אופן פון דורכפירן אַקציעס קעגן די דייטשן. איינער פון זיי האָט פאַרגעלייגט צו באַראַבעווען דעם פּאָפּ פון זשוראַוויץ און דאָס פאַרמעגן צו באַהאַלטן אין היי. איך דאַקעגן האָב פאַרגעלייגט צו אַנטוואָפענען דעם וואַלד־וועכטער און צו פאַרגרעסערן די גרופּע פון פּאַרטיזאַנער. אין יענע טעג האָב איך זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן די יוגנט פון טראַכנבראָדער געטאָ. דאָס איז מיר אָבער נישט געלונגען. אַרויסגעוויזן האָט זיך שפּעטער, אַז אַ קליינע גרופּע יידישע יוגנטלעכע פון טראַכנבראָד האָט זיך יאָ אַרויסבאַקומען אין וואַלד. דעם דאָזיקן קאַפּיטל האָט באַשריבן אין זיין בוך גד ראָזענבלאַט („באָוויני טשעסקיע").

פון טראַכנבראָד בין איך אַוועק אין אַ טשעכיש דאָרף נעבן מלינאָוו, ווו איך האָב זיך פאַרדונגען צו שניט־אַרבעט ביי אַ פּויער. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דאָזיקן דאָרף זענען געווען אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן געפּרוווט אונדז אַריינציען אין זייער פּאַרטיזאַנער אַרמיי. אין דער לעצטער מינוט ממש בין איך אַנטלאָפן פון זייערע הענט. זייערע קוילן האָבן מיר נישט געטראָפן נאָר דורך אַ נס. איך בין אַנטלאָפן אין די וועלדער און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון ראָוונע. אויך דאָרט האָב איך זיך איינגעאָרדנט אין אַ טשעכיש דאָרף (יאַנוווקאַ טשעסקאַ). צופעליק האָט זיך דאָרט געפונען אַ רוס, קאָלקאַ סאַכאַראָוו, אויך אַן אַנטלאָפענער פון געפאַנגענשאַפט. יענער האָט מיר בסוד דערציילט, אַז ער האָט אַ קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג פון פּולקאָווניק מעדוועדיעוו. געווען איז דאָס ווינטער 1943.

איך דערמאָן זיך, אַז אין יענער צייט זענען מיר איינמאָל געגאַנגען צוגרייטן האָלץ אין וואַלד. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן מיר באַמערקט אַ גרופּע דערמאָרדעטע מלינאָווער יידן, וועלכע האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער. אויסגעגעבן האָבן זיי אוקראַינער. די טשעכן זענען געווען שטאַרק צערודערט פון דעם וואָס זייערע אויגן האָבן געזען.

אין יענעם דאָרף האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון 30 יוגנטלעכע קריסטן, וועלכע האָבן באַשלאָסן זיך אָנשליסן אין די פּאַרטיזאַנער. אויך איך בין געווען מיט זיי. מיר זענען אַוועק קיין ראָוונע, פון וואַנען מען האָט אונדז באַדאַרפט אַוועקפירן צום „מאַיאַק". צופעליק האָט זיך דאַן אין ראָוונע איינגעגעבן אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל צו כאַפּן אַ וויכטיקן דייטשן אָפיציר און די דייטשן האָבן דורכגעפירט אַן אָבלאַווע. ווידער איז דער טויט מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. די דייטשן זענען געשטאַנען ממש נעבן דעם אָרט ווו איך בין געווען באַהאַלטן. מיט אייניקע טעג שפּעטער זענען מיר אַרויס פון ראָוונע און אָנגעקומען אין פּאַרטיזאַנער־לאַגער.

אָנקומענדיק אין אָטריאַד האָב איך באַשלאָסן צו פאַרענדיקן שפּילן די ראָל פון פּאַפּאַזאָוו. איך האָב זיך געווענדעט צום פּאָליטרוק און אים דערציילט, אַז איך בין אַ ייד. ער האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט: „מיינט נישט, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט מען אייך יידן טראָגן אויף די הענט. היטלער האָט נישט נאָר אָנגערייצט דאָס דייטשע פאָלק קעגן יידן. אויך אַנדערע פעלקער זענען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אַנטיסעמיטיזם. בלייבט שוין ביי דער פאַמיליע פון פּאַפּאַזאָוו און זייט מצליח, פּיאָטר מאַקסימאָוויטש".

משה שולדינער / הרצליה

לויצקער יידן אין סאָוועטישן מיליטער

איינע פון אונדזערע וויכטיקסטע אויפגאַבעס איז צו באַווייזן דעם יידישן אָנטייל אינעם באַוואָפנטן קאַמף קעגן אונדזער גרעסטן שונא — דעם היטלעריזם. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אַ סך יידן געדינט אין דער רויטער אַרמיי. אויך איך געהער צו זיי.

משה שולדינער

נאָכדעם ווי די רויטע אַרמיי האָט אין סעפּטעמבער 1939 פאַרנומען מערב־אוקראַינע, איז אויך לויצק אַרונטער אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט. אין 1940 יאָר זענען די איינוווינער פון לויצק געוואָרן פולבאַרעכטיקטע סאָוועטישע בירגער.

דעם 20־טן מאַי 1941 זענען אַ סך יונגעלייט פון לויצק גערופן געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי אויף זעקס־וואָכיקע איבונגען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די ווייט גרעסטע טייל יונגעלייט איז באַשטאַנען פון יידן, ווייל אין לויצק איז די מערהייט באַפעלקערונג געווען אַ יידישע. אויך איך האָב זיך געפונען אין דער דאָזיקער גרופּע. מ'האָט אונדז אָפּגעשיקט קיין העלענוווקע, נישט ווייט פון קיווערצע. אין יענע וועלדער האָבן זיך געפונען די זומער־לאַגערן פון דער רויטער אַרמיי. צוזאַמען מיט נאָך אַ 30 לויצקער יידישע יונגעלייט בין איך אויך צוגעטיילט געוואָרן צום באַטאַליאָן פון טעלעפאָן־פאַרבינדלער.

אָבער איידער נאָך מיר האָבן באַוויזן צו פאַרענדיקן אונדזער זעקס־וואָכיקן מיליטערישן קורס, איז אויסגעבראָכן דער דייטש־סאָוועטישער קריג. האַרט פאַרן מלחמה־אויסברוך האָט מען אונדזער באַטאַליאָן איבערגעוואָרפן נענטער צו דער דייטש־סאָוועטישער גרענעץ, אין דער געגנט פון לודמיר. מיר האָבן זיך געפונען בלויז עטלעכע קילאָמעטער פון דער גרענעץ, און

שוין אינעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה זענען מיר געווען אונטערן פייער פון די דייטשע „מעסערשמידטן“. אין יענע פּיינלעכע מינוטן זענען אונדזערע מחשבות געווען געווענדט צום גורל פון אונדזערע פאַמיליעס, וואָס זענען איבערגעבליבן אין לויצק.

וועגן זעען זיך מיט זיי — האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. אונדזערע אָפּטיילונגען האָבן זיך געפּ:נען אין אומאויפהערלעכע קאַמפן מיט דער אָנגרייפנדיקער היטלערישער אַרמיי. מיר זענען צוריקגעטרעטן. דעם 30־טן יוני 1941 זענען מיר צוגעקומען ביז הינטער זשיטאָמיר. ביינאַכט האָבן מיר ביי דער באַן־סטאַנציע מאַלען געהאַט אַ שווערע און פאַרביטערטע שלאַכט מיטן שונא. אין אָט דעם קאַמף זענען געפאַלן עטלעכע לויצקער יידישע יונגעלייט, אַנדערע זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. אויך איך האָב זיך געפונען צווישן די פאַרוווּנדעטע. מ׳האָט מיך אַראָפּגענומען פון שלאַכטפעלד און איבערגעפירט אין שפּיטאָל. אַזוי אַרום האָב איך זיך צעשיידט מיט מיינע באַקאַנטע שטאָטישע.

אין יאָר 1943 האָב איך אין סווערדלאָווסק זיך באַגעגנט מיט אַ לויצקער יונגנמאַן, אברהמטשע דינער, וועלכע האָט געשטאַמט פון קראַסנע. אַ געוויסע צייט האָבן מיר צוזאַמען געוווינט אין איין דירה. נאָך פילצאָליקע ווענדונגען, אַז מ׳זאָל אים אָננעמען אין דער אַרמיי, איז זיין ביטע, אין יאָר 1944, ענדלעך אָנגענומען געוואָרן. יעדע וואָך פלעג איך פון אים דערהאַלטן בריוו פון פראָנט, ווו ס׳זענען פאָרגעקומען שטאַרקע קאַמפן. נישט ווייט פון ווילנע איז ער געפאַלן אויפן פראָנט.

כ׳וועל דאָ איסרעכענען די נעמען פון די לויצקער יידן, וואָס האָבן מיט געווער אין האַנט געקעמפט קעגן דער היטלעריסטישער אַרמיי — אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. אייניקע פון זיי זענען געבליבן לעבן, אַנדערע זענען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד. אָט איז אַ קליינע רשימה פון די נעמען, וועלכע כ׳געדענק נאָך.

1. ישעיהו גאַניק, געפינט זיך איצט אין ישראל.
2. חיים שפּיץ, זון פון יהודה משה פון קראַסנע, אומגעקומען אויפן פראָנט.
3. אליהו מאטאק, אַ קצב פון קראַסנע, איצט אין ישראל.
4. ווישניעוויעצקי, געוווינט אין לויצק, שטאַמט פון אסטרע, איצט אין ישראל.
5. ווינאקור משה, אַ פריזירער, אומגעקומען אויפן פראָנט.
6. לייביש פידעלקרייז פון קראַסנע, נאָכן קריג אַרויסגעפאָרן פון פוילן קיין אַמעריקע און דאָרט געשטאָרבן.
7. קאָס בערגער פון נאָוואָסטראָיעניע, אַ סטאָליער־אַרבעטער, אומגעקומען אויפן פראָנט. זיין ברודער משה וווינט אין ישראל.
8. אברהמל פערדמאַן, שטאַמט פון דאָרף טשעריקאָוו, נעבן טארטשין, פון פאַך אַ שניידער, געזונגען אין כאָר פון דער גרויסער שול אַלס אַלט. אויך ער איז אומגעקומען אויפן פראָנט.
9. חיים גאמער, אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער, געשפּילט אין דראַמאַטישן קרייז פון לויצקער „לינת־הצדק“, אומגעקומען אויפן פראָנט.
10. שמעון איינבינדער, זון פון יחיאל — אַ מעבל־סוחר, געזעלשאַפטלעכער עסקן אין לויצק — אומגעקומען אויפן פראָנט.
11. לייבל צוקער, געוווינט אויף דער 3־טער מאַי־גאַס, אַ ציין־טעכניקער, אומגעקומען אויפן פראָנט.
12. דוד צונקער, זון פונעם שניידער צונקער, אומגעקומען אויפן פראָנט.
13. קאראטקע, געווען קאַסירער אין קינאָ „אַפּאָלאָ“. לויט דעם ווי מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, דאַרף ער זיך געפינען צווישן די לעבן־געבליבענע. ווו ער געפינט זיך איצט — ווייס איך נישט.
14. אברהמל וואַקס, אַ מוליער־אַרבעטער פון קראַסנע, אומגעקומען אויפן פראָנט.
15. צוויי ברידער באַווערמאַן פון ווילקע, תבואה־סוחרים. ביידע אומגעקומען אויפן פראָנט.
16. מעלאַמעד, געוווינט אויף דער 3־טער מאַי־גאַס, אַ פוטבאָליסט פון לויצקער „חשמונאי“. אומגעקומען אויפן פראָנט.

דאָס זענען בלויז געציילטע פון די הונדערטער יידישע יונגעלייט פון לויצק, וועלכע האָבן געקעמפט אַקטיוו קעגן די היטלעריסטן. זאָל דער אָנדענק פון די געפאַלענע בלייבן טיף איינגעקריצט אין אונדזער זכרון.

ישראל, 1959

גד רוזנבלט / ישראל

יואל שצ׳רבטו, הי״ד

סתומים ממני ימי ילדותו של יואל שצ׳רבטו ז״ל. יכולני רק להתחיל לספר על פרק חייו וקורותיו מיום הופעתו אצלנו בפלוגה, אבל סבורני שמותר לי למשוך חוט מקשר גם אל פרק קודם של חייו, וזאת על סמך השיחות המרובות ששוחחתי עמו בלילות הגשמים והכפור על יד המדורות הבוערות ביערות אוקראינה ורוסיה הלבנה.

סיפורים רבים על חייו שמלפני המלחמה סיפר לי האיש. חייו היו מלאים פרטים תוססים של עלם צעיר ונמרץ, חיים מלאי תוכן, הן בזמן הפולנים עד פרוץ המלחמה הגרמנית־פולנית, והן בזמן היותו כבר חייל בצבא האדום, ולאחר זאת בפלוגות הפרשים של הפרטיזנים. זכורני שבאותו יום גשום של הסתיו המאוחר 1942 בא בריצה למחננו הפרטיזן יוסף בלוז והודיע על מציאותה של קבוצת צנחנים בסביבה. אמנם זה כמה לילות לא נפסק זמזום האוירונים והיה ברור למביני סוד שבהצנחת צנחנים רוסיים מדובר, אבל לא יכולנו להעלות על דעתנו כי הם נמצאים בסביבתנו ממש, ולכן הופתענו מעצם הידיעה הזו ומן העובדה שאכן עינינו רואות קבוצה של צנחנים מזוינים היטב בנשק אוטומטי ובמשדר רדיו.

בין אנשי הקבוצה היה גבר צעיר שאת שמו הפכנו אחר כך לשצ׳רבטו. כבר בפגישתנו הראשונה הזו התבלט העלם הצעיר, שנקרא על ידי הצנחנים „ואַני״, כאחד היודע את התורה הצבאית על בוריה, תורת השימוש בנשק וכל הכרוך בו. למחרתו ראינו שואַני שצ׳רבטו מנקה את הנשק האוטומטי של הצנחנים, הנקרא „פינקים״, בצורה של ידיעה יסודית בפירוקו ובהרכבתו מחדש. הפינקים יצאו מתחת ידיו מצוחצחים ומבריקים כחדשים.

ואַנקה שצ׳רבטו היה בהתחלה מופתע ממציאות קבוצתנו, קבוצה יהודית לוחמת, בסביבה זו, דבר שמעולם לא חלם עליו, והנה הוא רואה אותו בעיניו ממש.

מקרה זה נתן אותותיו בו ובהלך מחשבתו, בכל זמן היותו בפרטיזנקה. לפי דבריו נמלט מלוצק לרוזישצ׳ה בהתחלת שנת 1942. בעונה זו הכניסו אותו לגיטו יחד עם בני משפחתו והוא נמצא בגיטו עד יום הטבח. באותו יום נשאר שצ׳רבטו אחד ממשפחתו בדרך נס, ובחשכת הלילה הסתלק ליערות שבסביבה. כיתר פליטי השחיטה הסתובב ביערות ובכפרים, בנה מקלטים במקומות סתר שביער ואגר בהם מזון לחורף.

באחד הימים פגש בקבוצת הצנחנים שהסתתרו בעומק היער, בין סבכי העצים והשיחים שביער האורן הצעיר. הצנחנים החליטו לקבלו אליהם, כנראה בתור אדם המכיר את הדרכים והשבילים בסביבה. הואיל ושטח הפעולה של הצנחנים נמצא בסביבת מסילת הברזל קובל—קיברצ׳ה, החליטה הקבוצה לפנות דרומה, ליערות צומאן, בואכה יערות לאפאטין. במסע זה הוכיח שצ׳רבטו את עצמו מבחינת ידיעתו בטופוגרפיה והתמצאות בשטח. עוד באמצע המסע מינה אותו מפקד הצנחנים אליושה כמקלען הקבוצה.

הופעתו אצלנו בבגדיו המרופטים, מגפיו הקרועים, זקנו ושפמו המגודל־פרא דחה לכתחילה במקצת את אנשינו ממנו, אבל כעבור מספר ימים נתגלה מתחת לקליפה — הלוחם היהודי והחבר יואל שצ׳רבטו.

בזמן מיזוג קבוצת הצנחנים עם קבוצתנו נשמר לשצ׳רבטו מקומו כמקלען הפלוגה המאוחדת. יתר על כן: הוא קיבל תפקיד נוסף כמדריך בשימוש בנשק קל וכמקלען. ידיעותיו הצבאיות שצבר בזמן שירותו בצבא עזרו לשצ׳רבטו להטביע את חותמו על מרבית אנשי הפלוגה: מתארגנים על ידו סיורי קרב ליליים, תרגילי קרב אחרים, וכן הוא מלמד החזקה נכונה של נשק אוטומטי אחר, במיוחד מקלע־דיכטירוב.

ב־23 לנובמבר 1942, בקרב ביערות צומאן, ניצל שצ׳רבטו הלכה למעשה את כוח האש של מקלעו ושימש גורם משמיד ומכריע בקרב זה נגד הגרמנים והשוצמנים המתקיפים בשרשרת. קבוצתנו יחד עם שצ׳רבטו הוכיחה שישנה אפשרות לנצל נשק אוטומטי עד קצה יכולתו ולגרום נזק רב למתקיפים. חלק הארי של נצחוננו בקרב זה מגיע לשצ׳רבטו. בדצמבר 1942, בזמן איחוד קבוצתנו עם חטיבתו של קופפק, נשאר שצ׳רבטו על יד המקלע שלא מש מידו כל זמן היותו בחטיבה.

דרך החזקת מקלעו היתה שם דבר בחטיבה בכלל, ובפלוגה התשיעית בפרט. והמקלע לא איכזב אותו בשום קרב. חלקו באש בקרב היה מובטח.

בקיץ 1943, במסע החטיבה להרי הקרפטים, בשחרור יהודי סקאלאט ממחנה הריכוז שבעיר ובארגון חלק מהם כפלוגה השביעית — היה זה שצ׳רבטו שקיבל את המשימה ממפקדת החטיבה. שצ׳רבטו בא מיד להתיעץ עם פטי ואתי. ביחד תיכננו קווי פעולה, אשר העבירם לידיעת מפקדת החטיבה.

בימי ארגון הפלוגה השביעית אפשר היה לראות את ההתלהבות הרבה שנדבקה בו בביצוע התפקיד הזה. רצינותו הגמורה, יזמתו ומרצו תרמו רבות למימוש הארגון.

ורק אז ראינו ביתר בהירות את דמותו הגאה של יהודי לוחם וזקוף־קומה. וכיחיד במינו היה שצ׳רבטו המפקד הראשון של הפלוגה השביעית היהודית בחטיבתו של קופפק. בהפצצת הפלוגה במבואות הקרפטים נפצע שצ׳רבטו פצעים אנושים, אך למרות זאת המשיך להתענין בנעשה. חברינו מהתשיעית, פלוגת האם שלנו, הזמינו אותו לחזור אליהם ועזרו לו לשוב לאיתנו. יחד אתם חזר שצ׳רבטו מהקרפטים לרוסיה הלבנה. בסתיו 1943, בסביבת אליבסק שברוסיה הלבנה, מבריא סוף סוף שצ׳רבטו. ואף על פי שניכרים עוד היטב סימני צליעה בהליכתו, אין דבר זה מפריע לו בתפקידו שהוא חוזר אליו לאחר הפסקה של 3 חדשים — זמן מחלתו־פציעתו.

בסיכום פעולות הקרפטים ע״י מפקדת החטיבה נמצא שמו של שצ׳רבטו ברשימת האנשים המקבלים אותות הצטיינות. בינואר 1944, במסע החטיבה מערבה למרחב פולין שמעבר לגבול וורשיגורה, שוב נמצא שצ׳רבטו בין הפרטיזנים הראשונים המתקדמים בדרכי הבוץ והחול של פולין הכבושה מתחת למגף הנאצים.

בסער הקרבות עובר שצ׳רבטו עם החטיבה עשרות ומאות כפרים וישובים וזורע הרס, חורבן ופחד בין הנאצים ועוזריהם מבין תושבי הארץ. במסע זה משתתף שצ׳רבטו בעשרות קרבות וחבלות עקובים מדם.

במחצית השניה של מרץ 1944, במעבר גשר הבוג המערבי, במסע החטיבה חזרה לאדמות אוקראינה המערבית, נמצא שצ׳רבטו בין פורצי הגשר. מקלעו זורע אש וכליון על הנאצים שהתחפרו במשלטים שעל יד הגשר.

פלוגות אחדות של החטיבה הספיקו כבר להשתיק את מרבית הבונקרים והמשלטים שמצד הגשר. רק אחד שמצד השמאלי ממשיך עוד להמטיר אש קטלנית על הפרטיזנים החוצים בריצה את הגשר הארוך.

שצ׳רבטו מחליט על דעת עצמו לזחול למשלט הארור הזה ולחסלו. בין רגע מתפתח קרב אכזרי בין מקלען יהודי השוכב על קרשי הגשר ובין נאצים מתחפרים שבמשלט. האוויר רועד מקול ההתפוצצויות והרימונים שנזרקו ע״י שצ׳רבטו למשלט, אבל כנראה שהנאצים נשארו עדיין בחיים. צרור כדורי זרחן פוגע בראשו של שצ׳רבטו, והוא נופל חלל על מעקה העץ של הגשר. חבריו הפרטיזנים מסתערים בזעם על המשלט ומחסלים אותו. אלה שמצאו אותו מת אחר כך מספרים כי חיוך של סיפוק היה טבוע על שפתיו, בידעו כי במותו איפשר לחסל את הנאצים שבמשלט ושיחרר את מעבר הגשר. ראשו היה מוצמד אל מקלעו וזרועו השמאלית החזיקה בקנה ואצבע מהיד הימנית היתה על ההדק של המקלע. כזה היה שצ׳רבטו במותו.

שצ׳רבטו נקבר בכבוד פרטיזני בכפר הקרוב שעל יד הגבול.

גד רוזנבלט / ישראל

אברהם בוסליק, הי״ד

זוכרני את בוסליק מאותו יום שהופיע אצלנו בחבורתם של 3 פרטיזנים קולקאים במנהיגותו של רב־סרן רוסי. באותם הימים התמקמנו בסביבת יערות קלופוצ׳ין העבותים. איש הקשר ברנבלום מקולקי הפנה את החבורה למחננו.

יום סתיו מאוחר היה אז. הגשמים משום מה אחרו לרדת, והאדמה היתה חרוכה מהשמש הלוהטת. הימים היפים והבהירים ללא ענן וגשם כאילו ניתנו לנו מהשמים כפיצוי מעט על ההרג הרב באוקראינה. לכל הפחות אדמה ללא בוץ ומים, אדמה יבשה. באותו היום הופיע בוסליק בלויתם של עוד שני פרטיזנים וקצין רוסי. לבוש היה במדים של קצין רוסי. מזוין באקדח תופי, מצוחצח במגפיו, מגולח למשעי, ניכר היה בו הביטחון הרב, קול דיבורו היה יציב ומשכנע.

בוסליק שמח להזדמנות שניתנה לו להשתתף באופן אישי בפעולות הפיצוץ הראשונות של קו הרכבת רובנה—סרנו.

החבורה השתכנה בתוכנו. הרב־סרן הרוסי הסכים להתחיל להדריך את אנשינו בתרגילי קרב ושדאות. והנה קרה מקרה ובאחד התרגילים נפלט כדור מרובה, היריה פילחה את האוויר והטילה פחד על אנשינו. נדמה לי שזו היתה היריה הראשונה שלנו שנשמעה במרחב יערות קלופוצ׳ין...

מובן שלאחר זאת היינו נאלצים לעזוב את השטח הזה של היער. הקמנו את מחננו בסביבת לאפאטון — יער שכן. מאידך, אנשי הקבוצה הקולקאית זזו דרומה, לכיוון קיברצי, למקום פיצוץ פסי הרכבת.

באשמורת האחרונה של הלילה הבא שמענו קול פיצוץ אדיר ממרחקים והשמים האדימו מלהבות של לשונות אש. ידענו שזה מעשה ידיהם של הקבוצה החבלנית של בוסליק, שמחנו מעומק לבנו על הצלחת הפעולה הזו.

בפעם השניה פגשתי את בוסליק בהצטרפו אלינו בסביבת צ׳רמין שבאיזור ויסוצ׳ק, בזמן מסענו מזרחה, לחטיבתו של גנרל מאיור קופפק.

היה זה בהתחלת דצמבר 1942, יום חורף בהיר עמד בחוץ. הקור חדר לעצמות ו„חבריה" התחממה ע״י התנורים בבקתות של האיכרים. בחוץ עמד משמר על־יד דרך הגישה לבית. לפתע הבחנתי באחד מאנשי המשמר הרץ אלינו בבהלה: אנשי המקום באו והזהירו אותנו שלא הרחק מביתנו, בחורשה קטנה בגורן, הסתתרה קבוצה מזוינת בלתי ידועה להם. מיד העמדתי את אנשי על רגליהם ויצאנו החוצה, התחלנו להתקדם מאחורי עצים לגורן שבחורשה. לבסוף נתברר שהקבוצה המסתורית אינה אלא הקבוצה הקולקאית שעזבה את סביבתה וכמונו עשתה דרכה מזרחה. בלילה זה הגיעה עד הכפר ועשתה חניה יומית בגורן. התברר שהקולקאים התקדמו גם הם מזרחה כדי לחפש יחידות פרטיזניות גדולות. ביניהם מצאתי שוב את הלוחם הפרטיזן בוסליק.

בשלישית מצאתי אותו בכפר בוקצ׳י, במשטח תעלת המים החוצה את הכפר ממול לבית הספר הכפרי. באותו היום, 21 בדצמבר 1942, התקיפו מספר פלוגות מחטיבת קופפק את המוצבים הגרמניים שבשטח חצר בית הספר הכפרי. החטיבה החליטה לחסל את המוצבים וכמה פלוגות מובחרות נשלחו לפעולה זו. הקרב התנהל באכזריות רבה, וכוחו ההרסני וההרג הרב התגבר מרגע לרגע. לנקודת השיא הגיע באשמורת הבוקר, שעת התפזרות החושך ודמדומי זריחת השמש באופק. הנאצים הפעילו את כל המרגמות והתחילו לזרוע אש באופן שיטתי בסביבת התעלה. מרבית אנשינו שהיו בסביבת התעלה נהרגו. גם בתעלה עצמה התחילו ליפול פגזים וכמה פרטיזנים נהרגו במקום. כעבור שעה קלה כוונה כל האש לתעלה בלבד, וזו נהפכה בין רגע לגיהנום. זעקות הפצועים נשמעו למרחקים. איברים קטועים בערבוביה עם בוץ, קרח ושביבי עץ ניתזו אל־על. מרבית אנשינו נהרגו ברגעים ספורים. אלה שנשארו עדיין שלמים, זרקו את עצמם בתעלת המים שהפשירה בינתיים בקרום הקרח הדק. כדורי הנאצים מהמקלעים שהוצבו על

הגגות של בית הספר השיגו גם את הבודדים. כמשתתף בקרב זה מצאתי את עצמי ברגעים האיומים האלה מתחת לשיח. שכבתי ויריתי והסתכלתי על ריקוד המוות בינינו. פתאום נפל מבט עיני על פרטיזן יחיד ובודד ששכב מתחת לרגב אדמה על יד שיח גוץ — אורן ננס — והמשיך להמטיר במקלעו צרורות כדורים לחלונות הבנין של בית הספר שממנו נראו הגרמנים היורים. הסתכלתי בו ולא האמנתי למראה עיני; לתמהוני הרב הכרתי בו את חברי בוסליק, הוא המקלען היחיד שהמשיך ללחום...

הגרמנים לא איפשרו לו ללחום זמן רב. כנראה שתמונה זו הפתיעה גם אותם. כל השטח שמסביבו כוסה פגזי מרגמות, ומאחד מהם נמחץ ראשו של הלוחם הגיבור. באותם הרגעים האיומים של הקרב והחרדה לבאות, הרגשתי לחות דביקה משונה שנדבקה באופן פתאומי אל פני. הושטתי את ידי לנגבה, הסתכלתי על ידי וראיתי עליה תערובת מוח אנוש ובוץ דביק — שניהם ביחד היו מבוסליק — מהשוחה שבה שכב, לחם ונפל מות גיבורים.

בוסליק נקבר כגיבור פרטיזני בסביבת בית הקברות בבוקצ׳י אשר ברוסיה הלבנה.

רחוב ע״ש קדושי לוצק בבת־ים, ישראל

לוצקאים
ב ע ו ל ם

אונדזערע
לאנדסמאנשאפטן



יואל פּיוקעל 1959-1881

יואל פינקעל

געבוירן אין בערימלע, לויצקער געגנט, אין יאָר 1881. זיינע עלטערן, דער פאָטער אהרן ז״ל און די מאַמע מאַליע ע״ה, האָבן געטרוימט, אַז זייער זון זאָל לערנען און ווערן אַ גרויסער מענטש. אין זיינע קינדער־יאָרן ווייזט ער אַרויס גרויסע פעיקייטן אין אַריטמעטיק און לשון־קודש. היות אין קליינעם שטעטעלע זענען נישט פאַראַן קיין גוטע לערער, פאָרט ער אַריבער קיין קאָוועל און ראָוונע זיך לערנען. די באַדינגונגען פאַרן לערנען זענען אָבער נישט געווען פאַר אים קיין גינסטיקע און ער קאָן נישט מאַכן קיין פאָרשריט אין דער לערע. די פאַמיליע קלייבט זיך אַריבער קיין לויצק, אָבער אויך דאָ זענען נישט פאַראַן די געהעריקע באַדינגונגען, און יואלס חלום צו ווערן אַ העברעישער לערער ווערט צעשוווּמען.

די שווערע מאַטעריעלע לאַגע פון זיין היים צווינגט אים גיין פאַרדינען, בכדי צו קאָנען העלפן די עלטערן. ער ווערט אַ שיק־יינגל ביי אַ קרוב. אַלט ווערנדיק 17 יאָר, שטאַרבט זיין פאָטער. צו 21 יאָר פאַרלאָזט ער זיין מוטער מיט אירע קינדער און פאָרט אַריבער קיין אַמעריקע.

צוגלייך מיט אַלע „גרינע״ טוט ער אַלע עבודות פרך. ער אַרבעט אַלס געפעס־וואַשער אין רעסטאָראַן, קערט דילן אין געשעפטן, שטופּט אַ טאַטשקע, ווערט אַ פערד־אָנטרייבער און טוט נאָך פאַרשידענע שוואַרצע אַרבעטן. לסוף ווערט ער אַ קליינהענדלער. ער איז אַריין אין נייעם צווייג פון עלעקטראָניק און מצליח געווען. ער ווערט גאָר שנעל אַ פאַבריקאַנט מיט אַ גרויס אָנזען, אייגנטימער פון דער פירמע ”.J. 7 D„ אין ברוקלין.

יואל פינקעל איז שטענדיק דער אייביקער אומצופרידענער מיט זיך זעלבסט. ער מוז אויסשעפּן זיין ענערגיע אין אַקטיווער טעטיקייט צווישן פריינד און חברים. פון דער נאַטור געבענטשט מיט אַ וואַרעמער נשמה און טיפפילנדיק יידיש האַרץ, מיט אַ שטאַרקן דראַנג צו יידישער קולטור און יידיש לעבן — נעמט ער אָנטייל אין זיין „לויצקער ברענטש אַרבעטער־רינג״, ווו ער פילט זיך צום בעסטן. ער קען יעדן איינעם מיט זיינע אינטימע ענינים — פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע. ער נעמט אַ טעטיקן אָנטייל אין די ברענטש־ענינים. אַלס לאַנגיעריקער ציוניסט נעמט ער אויך אָנטייל אינעם נאַציאָנאַלן געווערקשאַפטס־קאַמפּיין (הסתדרות) און איז אַן אַקטיווער מיטגליד אין „יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד״.

יואל פינקעל איז געווען אַ גרויסער גביר און אַ גרויסער פאַבריקאַנט און איז דאָך, ביזן לעצטן טאָג פון זיין אינטערעסאַנט לעבן, געווען אַ מיטגליד אין אָט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ערשט מיט 3 יאָר צוריק האָט ער געגעבן אַ מתנה דעם אַרבעטער־ברענטש אין דער פאָרם פון 2000 דאָלאַר, און אין דער צוואה לאָזט ער אים איבער נאָך 500 דאָלאַר. זיינע קינדער באַקומען אַ יידישע דערציונג. ער העלפט אָפּקויפן דעם בנין פאַר דער „שלום־עליכם פאָלקס־שול 34 אין ברוקלין״, ווו זיינע קינדער לערנען זיך. ער איז אויך דאָרט אַקטיוו.

אין דער אַלטער היים האָט יואל, צוזאַמען מיט זיין ברודער יצחק, זיך פאַרנומען מיט מסחר פון צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. די ליבע צום יידישן בוך האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט פון זיינע פריסטע קינדער־יאָרן. ער האָט ליב דעם שרייבער און פאָעט. אויף אַ באַשיידענעם אופן העלפט ער פיל מאָל דעם שרייבער אַרויסגעבן זיין בוך. אין אָוונט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט האָט ער זיין אָפּרו געפונען אין לייענען אַ יידיש בוך. אויך זיין פרוי, בתיה, געהערט צו דעם זעלבן שניט מענטש, וואָס ער.

די לעצטע יאָרן איז ער אויך טעטיק אין שול און תלמוד־תורה, אין „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״ און „באָנדס פאַר ישראל״. גרויס איז זיין אָנטייל אינעם פּראָיעקט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער לויצקער יידישער קהילה און אַרויסגעבן דעם „ספר לוצק״. ער האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן האַרציקייט אין זיין זאָרג פאַר דער לויצקער שארית־הפליטה און פאַר די נייע עולים — לויצקער לאַנדסלייט — אין ישראל. גרויס און וויכטיק איז זיין אָנטייל אינעם אויפשטעלן די „קופּת גמילת־חסדים ע״ש קדושי לוצק״ אין ישראל.

זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון זיינע לויצקער לאַנדסלייט אין דער אַרבעטער־ברענטש. שוין זייענדיק קראַנק איז ער נאָך געקומען צו דער לעצטער טעאַטער־פאָרשטעלונג פאַרן בענעפיט פון פומענקוס. דערמיט האָט ער זיך געזעגנט מיט זיינע פריינד און חברים. ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה ערב פורים 1959 יאָר. זיינע קינדער האָבן באַשטימט זיך צו באַשטייערן מיט אַ דריטל פון די אויסגאַבן אויפן „ספר לוצק״, בכדי דערמיט צו פאַראייביקן דעם הייליקן אָנדענק פון זייער גרויסן פאָטער.

יצחק פינקעל

לויצקער לאנסמאנשאפט־ארגאניזאציעס אין די פאראייניקטע שטאטן

דריי סיבות האָבן געשאַפן די דאָזיקע ספּעציפיש־אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס, דאָס זענען: ערשטנס די עלנטקייט, וואָס יעדער ניי־געקומענער עמיגראַנט האָט געפילט ווען ער איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ גאָר אַנדערער וועלט מיט אַנדערע מנהגים. פאַרלאָזנדיק די אַלטע היים, ווו מ'איז געווען אַריינ־געפּאַסט אין געוויסע געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע ראַמען, האָט מען זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אויף וואָס פאַר אַ וועלט עס וועט דעם עמיגראַנט אויסקומען צו לעבן. דער אַמעריקאַנער קאָכקעסל האָט דעם ניי־אָנגעקומענעם געמאַכט נעבעכדיק אין אָנבליק פון דער גרויסער מענטשן־מאַסע, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן.

צווייטנס, די פרעמדקייט פון די נייע לעבנס־באַדינגונגען האָבן ווי אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויפן ניי־אָנגעקומענעם, וועלכער האָט זיך געפילט ווי אויפן וואַסער. די שרעק פאַרן מאָרגן, פאַרן מענטשלעכן און יידישן קיום איז געווען אַן אומגעהויערע.

און דריטנס — די עקאָנאָמישע אומזיכערקייט אין די נייע באַדינגונגען איז געווען געוואַלדיק גרויס. עפּעס האָט מען זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון די אַלטע געוווינהייטן פון דער היימשטאָט, ווו דער לעבנס־סדר איז זיך געגאַנגען מיט זיינט יאָרן אויסגע־טראָטענע וועגן און ווו יעדער איינער האָט זיך געהאַט זיין איינגעזעסענעם פּלאַץ.

בכלל גענומען האָט מען געהאַט אַ זייער מאָדנעם באַגריף וועגן די באַדינגונגען אין אַמעריקע. אָט, למשל, האָט מען אין דער אַלטער היים געהאַלטן, אַז אויב עמעצער שטאַרבט אין אַמעריקע, ווערט דער טויטער קערפּער זיינער אַריינגעוואָרפן אין אַן אַלגעמיינעם גרוב, אָן שום זכר און אָן אַ קדיש...

צווייטנס איז טאַקע די שרעק פאַרן מאָרגן געווען געוואַלדיק גרויס. די אומזיכערקייט פונעם אייגענעם קיום אינעם גרויסן מענטש־לעכן ים, די אָפּטע אַרבעטסלאָזיקייט, וועלכע האָט דעם נייעם אימיגראַנט, אין זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע, אָפט געטראָפן — די מאָמענטן האָבן באַווירקט, אַז יעדער איינער האָט געזוכט אַן אייגענעם, אַ באַקאַנטן, מיט וועלכן מ'זאָל קאָנען אויסרעדן אַן אינטים וואָרט, זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, און אַן עת צרה האָבן צו וועמען זיך ווענדן אויף באַ־

דאָס איבערגעבן ה' יוסף בורשטיין פון דער הסתדרות אין ישראל די ערשטע ראָטע אויפן פאָנד פאַר אַ בית־תרבות אין בת־ים אין ישראל.

אין דער ערשטער ריי פון רעכטס: פרוי פּאָרער, בעני פּאָרער, משה באַס, יוסף בורשטיין, טעמע באַס ע"ה, ראוז אייזענגאַרט, פרוי גריינישש, סאוף שעף. אין דער צווייטער ריי, פון רעכטס: א באַראַן, פרוי באַראַן, ניסן פירער, פרוי פירער, ראוז פינקעל, יצחק פינקעל.

קומען אַ געוויסע מאַטעריעלע שטיצע א. א. וו.

ס'איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז די אַלע ספקות, וועלכע האָבן גענאָגט דעם נייעם אימיגראַנט, האָט מען געוואָלט אויס־רעדן אין דער געזעלשאַפט פון אַלטע באַקאַנטע, נאָך פון דער אַלטער היים. אין די ערשטע צייטן זענען נישט געווען קיין סך אַזעלכע פון איין און דער זעלבער שטאָט. האָט מען געזוכט מענטשן פון איין געגנט, פון איין לאַנד, אַבי צו געפינען אַן אָנשפּאַר אין די זכרונות און אַ מעגלעכקייט זיך צו טוליען איינער צום צווייטן אין פאַל פון אַ נויט.

האָט מען זיך, אין די ערשטע יאָרן, גרופּירט אַרום קליינע חברות, וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען: אַנשי, ד. ה. אַנשי ביאַליסטאָק, אַנשי בערדיטשעוו א. א. וו. מ'האָט געדונגען אַ לאָקאַל, אויפגעשטעלט אַ מנין, אין די אָוונטן געדאַוונט בציבור און נאָכן דאַווענען זיך אַריינגעלאָזט אין שמועסן אויפן אייגענעם מאַמע־לשון. דערביי האָט שוין די דאָזיקע קליינע חברה גענומען אויף זיך אַזעלכע אויפגאַבן, ווי באַזאָרגן די מיטגלידער מיט קרקע, אַ קדיש זאָגן אויפן קבר — נאָך הונדערט און צוואָנציק יאָר א. א. וו.

די גרינדער פון לויצקער ברענטש אין יאָר 1910

אַזוי איז געווען ביז סוף 19־טן יאָרהונדערט. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אין מזרח־אייראָפּע פאַרשטאַרקט די יידן־רדיפות און צוזאַמען מיט זיי — אַ נייער און מאַסנהאַפטער עמיגראַציע־שטראָם קיין אַמעריקע. ס'זענען אַנטשטאַנען גאָר נייע פּראָבלעמען ווי הכנסות אורחים, שאַפן אַרבעט פאַר די ניי־אָנגעקומענע, געבן פון צייט צו צייט אַ גמילת־חסד פאַר דעם אָדער יענעם, ווי אויך קראַנקן־שטיצע א. א.וו.

אין יענע יאָרן איז דער אימיגראַנטן־שטראָם באַשטאַנען פון אַן עלעמענט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ נידעריקער געזעלשאַפטלעכער שטופע. דאָס זענען געווען מענטשן, וועלכע זענען אָנגעקומען אין נייעם לאַנד אַריין מיט גרויסע שוועריקייטן. זיי האָבן אין דער אַלטער היים קוים צונויפגעשטיקעוועט אויף רייזע־הוצאות, און געפאָרן אויף אַלטע און שטאַרק־אָפּגענוצטע שיפן, וועלכע האָבן זיי נאָך פיל וואַנדלונגען אויפן צעשטורעמטן ים, אַרויסגעוואָרפן אויף די ברעגעס פון נייעם לאַנד. דאָס זענען געווען אָרעמע בעלי־מלאכה, קליינהענדלער און סתם־מענטשן אָן באַשטימטער באַשעפטיקונג, וועלכע האָבן, אין דער אַלטער היים, נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים.

איז דעריבער, אין די ערשטע צייטן פון זייער אָנקומען קיין אַמעריקע, אַנטשטאַנען אַ געוויסער אַרט קעגנזאַץ צווישן די אַלט־איינגעזעסענע אימיגראַנטן, וואָס זענען באַשטאַנען פון אַ מער געזעלשאַפטלעך אַנטוויקלטן עלעמענט און די ניי־אָנגעקומענע, וועלכע האָבן נישט געהאַט הינטער זיך קיין שום פּראַקטיק פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. צווישן אַנדערע האָט זיך דאָס אויסגעדריקט דערין, וואָס מ'האָט די לעצטע בדרך כלל נישט צוגעלאָזט צו דערפילן אַ וואָסער ס'זאָל נישט זיין געזעלשאַפטלעכע פונקציע.

אין אַלגעמיין גענומען איז די פאָרם פון אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע נישט געווען אַ קלאָר אויסגעאַרבעטע. מ'האָט נאָך אויף דעם געביט נישט געהאַט הינטער זיך קיין שום פּראַקטיק. האָט מען זיך אין דער ערשטער צייט געלערנט קאָפּירן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם פון די חברות פון די מזרח־אייראָפּעישע יידן לויטן מוסטער פון די געזעלשאַפטן, וואָס האָבן שוין פון לאַנג עקזיסטירט ביי די שפּאַנישע יידן, ביי די דייטשע א. א. וו. די דאָזיקע פאַראיינען זענען דורך די ערשטע יידישע אימיגראַנטן פון מערב־אייראָפּע און פון ספרדישע יידן געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1805. די דייטש־יאַהודישע „בני־ברית" איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1843.

זענען די סטאַטוטן פון יענע פאַראיינען געווען קאָפּירט לויט די כללים פון די אַלטע פאַראיינען און מיט אַזאַ דייטשמערישער שפּראַך, וואָס גרילצט אין די אויערן דעם יידישן עלעמענט פון מזרח־אייראָפּע. דאָס זעלבע איז אויך נוגע די פאָרמאַליטעטן ביים אָננעמען נייע מיטגלידער, וועלכע זענען געווען געצוווּנגען אָפּצוגעבן אַ ספּעציעלע „שבועה" מיט אַזאַ אינהאַלט:

איך פערשפרעכע פייערליכסט אין דער געגענווארט פון אלע היער אַנוועזענדע מיטגליעדער פאָן ערשטער לוצקער אונטערשטיצונגס פעראיין, דאָס איך ווערדע דיא געזעצע ווי אויך אללע בעשליעסע פאָן דיעזעס פעראיין פינקטליך אויספאָלגען, וויא אויך פון אלע פערהאַנדלונגען

ביי די מיטינגען קיין אויסערען ניט איבערגעבען, און אויך שווערע איך, דאס איך זאָל ניע איינעם ברודער שלעכטעס טהאָן אונד וועל אויך אַרבייטען פיר דען וואָהל און בעסטען פון דיזען פעראיין, דארוף שווערע איך ביי מיין עהרע, זאָ העלפע מיר גאָטט אמן.

די פּאַרפּאָסער זענען געווען אַדורכגענומען מיט זייער פּראַקטיק פון געהיימע אָרגאַניזאַציעס, ווי מ׳האָט געדאַרפט אָפּ־היטן געוויסע סודות. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ האָט זיכער נישט געהאַט צו טאָן מיט די דערפאַרונגען פון די אָרעמע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן דאָ אַזוי געהאַט צו טאָן מיט קאָנספּיראַציע און געהיימענישן, ווי אין דער אַלטער היים, פון וועלכער זיי זענען אַרויסגעפאָרן אין פולשטענדיקער אומוויסנהייט וועגן דער עקזיסטענץ פון געהיימע אָרגאַניזאַציעס בכלל.

פאַרשטענדלעך, אַז קוקנדיק פון דער היינטיקער פּערספּעק־טיוו אויף די פאַרשידענע פאַרשריפטן און צערעמאָניעס, טיטולן און מעדאַלן, וואָס האָבן באַגלייט די טעטיקייט פון די אַמאָליקע פאַראיינען מיט זייערע אָנפירנדיקע פּני, זעט עס אונדז אויס זייער און זייער קאָמיש. אָבער זיינערצייט זענען זיי געווען אַ גאַנץ וויכטיקערביישטייער אינעם גרויען און אַלטעגלעכן לעבן פון די אָרעמע יידישע אימיגראַנטן און צוגעגעבן אַ גע־וויסע חשיבות די אויסדערווילטע.

אַ גרויסע ראָל האָט דאַן געשפּילט דער יערלעכער באַל, וואָס די דעמאָלטדיקע געזעלשאַפטן האָבן איינגעאָרדנט. גע־וויינלעך זענען דאָס געווען בעלער פון אַ געגנט, אָדער לאַנד, ווו מענטשן האָבן זיך געטראָפן און גוט פאַרבראַכט. צו די דאָזיקע בעלער האָט מען זיך געגרייט מיט דער גרעסטער פּאָמפּע. יעדער איינער האָט זיך באַמיט צו דערשיינען אין שענסטן און בעסטן, ווייל דאָס איז געווען די מאָס, לויט וועלכער מען האָט געמאָסטן יעדן איינעמס מאַטעריעלן מצב. די אויפגאַבע פון אַזעלכע יערלעכע בעלער איז געווען אַ דאָפּלטע. קודם כל האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין די פאַראיינען אַ געוויסע הכנסה. צווייטנס, און דאָס איז געווען צום וויכטיקסטן, האָט מען זיך דאַן געטראָפן מיט משפחה, באַקאַנטע און פריינד. מ׳האָט זיך דאַן געקענט אַראָפּרעדן פון האַרצן, זיך דערמאָנען אין דער אַלטער היים און זיך טיילן מיט די פריידן און ליידן אין דער נייער היים. ס׳זענען אויף בעלער, נישט זעלטן, גע־שלאָסן געוואָרן שידוכים.

האָבן די דעמאָלטדיקע געזעלשאַפטן געהאַט פאַר זיך אַן אויפגאַבע צו שאַפן פאַר אירע מיטגלידער אַ געוויסע וואַרעמע אַטמאָספער פון אַ געזעלשאַפטלעך סאָציאַלער אויפלעבונג און אויך דערטיילן געוויסע הילף דעם נישט פאַרמעגלעכן אימי־גראַנט אין אַ נויט־פאַל.

די בייגעלייגטע איינלאַדונג אויף אַ יערלעכן באַל פון די לויצ־קער לאַנדסלייט, אָנגעשריבן נישט דורך אַ פּראָפעסיאָנעלן פּאָעט, נאָר דורך אַ פּשוטן סטאָליער י. בלושטיין, באַווייזט מיט וואָס פאַרא פייערלעכקייט מ׳האָט זיך געגרייט צו אַזאַ וויכטיק געשעעניש.

ביטטע געפעלליגסט דיעזע נאָטיץ מיט צו ברענגען.

ערשטע לויצקער אונטערשטיצונג פעראיין

נויארק, דען——טען — — — — — — — — — — — — 190

###ווערטהער ברודער:

זיא זינד היערמיט ערזוכט אם——————דען————סען ד. ס., אום———אוהר אבענדס, אין אונזער פערזאמלונגס לאקאלע 125 ריווינג־טאן סטריט, 2טען פלאָר, אום איינער — — — — — — — — — — — פערזאמלונג בייצוואהנען.

צוועק: — — — — — — — — — — — — — — — — — —

NATHAN SOROKO, Fin. Sec'y.

זיא שולדען אן	סענס	דאל.
ריקשטענדען — — — — — — —		
קווארטאל בייטראגע — — — — — —		
קרקע טעקס — — — — — — —		
טאדעס פאללע — — — — — — — —		
דאקטאר אונד מעדיצין — — — — —		
עקסטרא אויפלאגען — — — — — —		
שטראפען — — — — — — — —		
סוממע — — — — —		

זיא ווערדען היערמיט ערמאנערט דאס אם — — — — — — — — — — — — — — — — — — שטרייך אבענד איזט אונד וואללען געפעליגסט נעבענ־שטעהענדען בעטראג אין פאלל אס אבענגענאנטען דאטום בעצאהלען, ווידריגענפאלס זיא פאן דער מיטגליעדער ליסטע געשטריכען ווערדען אונד פערלירען יעדען אנשפרוך אן דען געניסען דעם פעראיינס.

צו אונדזער באָל

ווידער קומען מיר צוזאַמען
מעמבערס, לאַנדסלייט, גוטע פריינד,
צו פייערן אַ גרויסן יום־טוב,
די אינדעפּענדענס לוצקער ווערט בר־מצוה היינט.

שטראָמען כוואַליעס מחנות מענטשן,
אין דעם שיינעם האָפּקינסאָן האָל;
פריילעך, מונטער גלאַנצן אויגן,
היינט איז דער גרויסער לוצקער באַנקעט און באָל.

פאַרפּיינט אַ ווײַלע אַלע זאָרגן,
ניט געדאגהט, ניט געטראַכט!
הוליעט, הוליעט, פריילעך חברה,
היינט איז די גרויסע לוצקער נאַכט.

און לאָמיר זיך ווינטשן אַז אין דער צוקונפט,
ווען מיר וועלן אונדזער 25־יעריקן יובילעום דערלעבן,
דעמאָלט, דעמאָלט, ניט געזאָרגט זיך,
וועלן מיר נאָך אַ טענצל געבן...

פון די אינדעפּ. לוצקער אייד סאָסייעטי

אין דער אונטערשטער שורה קאָן מען מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט פעסטשטעלן, אַז די געשאַפענע פאַראיינען פון די א. ג. אָסט־יידן זענען געווען אַ מוסטער פון דעמאָקראַטיע און קעגנזייטיקער זאָרג פון דער געזעלשאַפט פאַרן יחיד. זיי זענען אַנטשטאַנען אין דראַנג פון לעבן און האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ העכערע פאָרם פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. די אָנפירערשאַפט אין די פאַראיינען, וועלכע איז אין די ערשטע צייטן געלעגן אין די הענט פון די רייכערע עלעמענטן, איז ביסלעכווייז אַריבער אין די הענט פון עמך, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון צו זיין „פרעזידענטן” און „וויס־פרעזידענטן” און די דאָזיקע פליכטן אויספילן אויפן בעסטן אופן. ספעציעל קאָן דאָס געזאָגט ווערן וועגן די אימיגראַנטן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און וועלכע זענען שוין געשטאַנען אויף אַ הויכן קולטורעלן ניוואָ. דאָס זענען געווען מענטשן מיט אַ רייכן פאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן סטאַזש. פיל פון זיי זענען דאָך געווען פאָליטישע פליטים, אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד און רומעניע צוליב די רדיפות פון דער רעאַקציאָנערער פאָליציי. זיי זענען עס געוואָרן די שפעטערדיקע אָרגאַניזאַטאָרן און פירער פון די פאַרשידענע „אַרבעטער־היימען”, „יידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד”, „אַרבעטער־רינג” א.א. און אַריינגעטראָגן אין זיי זייער געזעלשאַפטלעכן אימפעט. אַזוי, צום ביישפיל, איז דורך זייער איניציאַטיוו אויסגעברייטערט געוואָרן די טעטיקייט פון די פאַרשידענע פאַראיינען און זי האָט אָנגענומען אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אין די צייטן פון ערשטן וועלט־קריג — 1914—1918 — האָבן זיי געשאַפן פון די אַלע אָרגאַניזאַציעס די „פיפל רעליף”, וועלכע האָט געטראָגן הילף די קרבנות פון דער מלחמה. ס'זענען דאַן געזאַמלט געוואָרן מיליאָנען דאָלאַרן, וואָס זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין דער אַלטער היים. אַפילו דעם כאַראַקטער פון „דזשאָינט”, וועלכער איז דאָך געגרינדעט געוואָרן דורך די דייטשע יאַהודים, האָבן די נייע אימיגראַנטן פון פריער דערמאָנטן טיפ, אויך געענדערט, און פון אַ ריין־פילאַנטראָפישער געזעלשאַפט פאַרוואַנדלט אים אין אַ גרויסער נאַציאָנאַל־וויכטיקער אינסטיטוציע, וועלכע האָט זיך אַזוי פאָפולער געמאַכט צווישן וועלט־יידנטום און געבראַכט כבוד די אַמעריקאַנער יידן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די טעטיקייט פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס אויסגעברייטערט געוואָרן און פון אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן געדאַרפט דערטיילן שטיצע זייערע אייגענע מיטגלידער, ווי גמילת חסדים, קראַנקן־שטיצע, באַזאָרגן די מיטגלידער מיט אַ קרקע א.א.וו. זיך פאַרוואַנדלט אין אינסטיטוציעס, וועמענס אויפגאַבע איז שוין באַשטאַנען אין טאָגטעגלעכער זאָרג פאַר די נויטן פון דער אַלטער היים, וועלכע איז, צוליב די מלחמה־אָפעראַציעס און אַנדערע באַגלייט־דערשיינונגען, פולשטענדיק רויִנירט געוואָרן. זייער ראָל האָט זיך, דעריבער, ראַדיקאַל געענדערט און פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָר געזאָרגט וועגן אייגענע מיטגלידער, זיך פאַרוואַנדלט אין אינסטיטוציעס פון אַ מער ברייטערן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

י. פאַפיר

די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן אַפילו באַוויזן צו שיקן ספעציעלע שלוחים אין דער אַלטער היים, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דער „פאַראייניקטער לויצקער רעליף סאָסייטי” (לחם עניים) אין אַמעריקע, וועלכע האָט אַרויסגעשיקט איר דעלעגאַט י. פאַפיר פון וואַשינגטאָן, וועלכער האָט באַזוכט לויצק און אין נאָמען פון די לויצקער לאַנדסלייט אויפגעשטעלט פאַרשידענע וווילטעטיקע יידישע אינסטיטוציעס אין לויצק, ווי ביקור־חולים, בית־יתומים, לחם־עניים א.א.וו. און אויך דערטיילט אַ באַדייטנדיקע הילף אַנדערע יידישע אַנשטאַלטן אין לויצק.

דאָס זעלבע איז געשען אין די יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג, ווען דאָס אייראָפעישע יידנטום איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און איבערגעלעבט איינע פון די גרעסטע קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָט אַמאָל געטראָפן דאָס יידישע פאָלק. מ'קאָן דרייסט פעסטשטעלן, אַז ווען נישט די לאַנדסמאַנשאַפטן וואָלט נישט מעגלעך געווען די גרויסע הילפס־טעטיקייט פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי „יונייטעד דזשואיש אַפיל”, „דזשאָינט”, „האַיאַס”, „אָרט” א.א.וו. אַדאַנק די לאַנדסמאַנשאַפטן האָט מען לייכטער געקאָנט צוקומען צו די מיליאָנען יידן אין אַמעריקע.

און אויך אין יאָר 1948, נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינת־ישראל, איז די גרויסע נאַציאָנאַלע טעטיקייט פאַר ישראל פאַרלייכטערט געוואָרן אַדאַנק דער הילף פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף צוויי געביטן: אויפן פאָליטישן, דורך אויסאיבן אַ שטאַרקן דרוק אויף דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט, און אין זאַמלען די הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן פאַר די צוועקן פון מדינת־ישראל.

אין די לאַנדסמאַנשאַפטס־געזעלשאַפטן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ספעציעלע פרויען־קאָמיטעטן (ליידיס עקזילער בלע”ז), וועלכע אַנטוויקלען אַ ברייט פאַרצווייגטע פילאַנטראָפישע טע־

פרויען אַקטיוויסטינס אין די יאָרן 20—1910

טיקייט. זיי זענען עס געווען די, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיטן זאַמלען קליידער, זיי רייניקן און איבערשיקן אין דער אַלטער היים, בכדי די נויטבאַדערפטיקע אָנצוטאָן אין אַ ריין בגד. זיי האָבן דערויף אַוועקגעגעבן אַ סך ענערגיע, בכדי צו דערפילן זייער יידישע און נאַציאָנאַלע פליכט. אַדאַנק זייער איניציאַטיוו איז געזאַמלט געוואָרן וועש און בעטצייג פאַר די שפיטעלער און ביקור־חולימס.

אין די לעצטע יאָרן איז צוגעקומען נאָך אַן אויפגאַבע פאַר די לאַנדסמאַנשאַפטן: זיך זאָרגן, אַז דער אָנדענק פון דער אַלטער היימשטאָט זאָל נישט גיין פאַרלוירן; אַז דער זכרון פון דער צייט זאָל נישט אַרויסלאָזן די פאַרגאַנגענהייט פון די רייכע יידישע קהילות, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן פיל הערלעכע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אויף זיין דערגנערפולן גלות־וועג אין די יידישע תפוצות.

זיכער האָבן זיך די ערשטע אָרעמע אימיגראַנטן פון לוצק מיט 60 יאָר צוריק נישט געקאָנט פאָרשטעלן אין זייער רייכסטער פאַנטאַזיע צו וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן כּח ס׳וועט אויסוואַקסן די דעמאָלט־אָרגאַניזירטע חברה „אַנשי״, וועלכע שפּילט היינט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָל אין לעבן פון אַמעריקאַנער יידנטום און איז אויך אַ וויכטיקער טייל פונעם אָרגאַניזירטן וועלט־יידנטום.

און איצט צו דער כראָנאָלאָגישער זייט פון דער געשיכטע פון אונדזער לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט.

ערשטער לויצקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין, געגרינדעט דעם 5־טן מאַי 1902

די ערשטע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין הויז פון סאָלאָמאָן באַראַש, ניו־יאָרק 86 לודלאָוו גאַס. די איניציאַטאָרן פון דער פאַרזאַמלונג זענען געווען: הערריס קאָהן, דוד אייזן, דוד נוסבוים, סאָלאָמאָן באַראַש, הערריס שניידער, די ברידער סעם, הערריס און היימאַן בלעקמאַן, ישראל שעכטער, יעקב מאלין, יוסף ראָט (רויטער). אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז אָנגענומען געוואָרן דער אויבנדערמאָנטער נאָמען און די צילן פון דער ניי־געשאַפענער אָרגאַניזאַציע, אין איינקלאַנג מיטן נאָמען, ד. ה. אַז איר אויפגאַבע וועט זיין: דערטיילן שטיצע די, וואָס נייטיקן זיך אין איר. יעדער מיטגליד איז באַשטייערט געוואָרן מיט 10 סענט וועכנטלעך. אויפן אָרט איז באַלד געשאַפן געוואָרן די „גוואַלדיקע״ סומע פון 7 מיט אַ האַלבן דאָלאַר.

קיין גרויסע זאַכן האָט די דעמאָלטדיקע סאָסייטי נישט אויפגעטאָן, ווייל אין דער מערהייט פאַלן זענען דאָס געווען מענטשן, וועלכע זענען נישט געווען קיין גרויסע בקיאים אין הלכות געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אויסער צוויי פון די אָנוועזנדיקע, דוד אייזן, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט און דוד נוסבוים, וועלכער איז געווען אַן אַדוואָקאַט, האָבן די איבעריקע נישט געהאַט קיין אַנונג פון אַ וואָסער ס׳זאָל נישט זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. די דאָזיקע צוויי טוער האָבן זיך, זעט אויס, שנעל אַנטוישט אינעם מענטשן־מאַטעריאַל, מיט וועלכן ס׳איז זיי אויסגעקומען מיטצואַרבעטן און האָבן דעריבער פאַרנאַכלעסיקט זייער טעטיקייט.

זי איז ווידער באַנייט געוואָרן מיטן אָנקומען פון אַ נייעם אימיגראַנטן־שטראָם אין יאָר 1903. דעם 13־טן סעפּטעמבער 1903 איז אין הויז פון הערריס קאָהן אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער פּרעזידענט ל. גיטלמאַן. די פּראָטאָקאָלן פון יאָר 1902 זענען פאַרלוירן געגאַנגען. פון די זכרונות, וואָס אייניקע גיבן איבער, זעט זיך אַרויס, אַז דאָס פעלן פון אַ גרויסער טעטיקייט אין יענעם יאָר איז אַ רעזולטאַט פון מאַנגל אין אַן אינטעליגענטן עלעמענט. זיי זענען דאַן געווען געצוווּנגען אַריינצונעמען אין דער אָרגאַניזאַציע אייניקע נישט־לויצקער, בכדי זיך פון זיי לערנען ווי אַזוי אָנצופירן מיט אַן אָרגאַניזאַציע. ס׳איז דאַן אַנטשטאַנען אַ געוויסער שטרייט אַרום דער פּראָפּאָזיציע וועגן אָנשליסן זיך אין אַן אָרדן, אָבער ס׳איז דערצו נישט געקומען, ווייל זיי האָבן געוואָלט זיין אַן אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע. מ׳האָט זיך דעמאָלט איינגעקויפט אַן אייגענעם בית־עולם. אַלע מיטגלידער מיט זייערע פרויען און קינדער, אין דער צאָל פון קנאַפּע פופציק פּערזאָן, זענען אַרויסגעפאָרן זיך באַקענען מיט זייער נחלה... פון יענעם פּעריאָד, לויט די פּראָטאָקאָלן, וואָס זענען איבערגעבליבן, זעען מיר, אַז דער פּרעזידענט, דער לאַנדסמאַן גיטלמאַן, וועלכער האָט נישט געווּסט ווי אַזוי צו פירן אַ פאַרזאַמלונג, איז געווען געצווּנגען צו דעסיגנירן אַן אַנדערן פאָרזיצער, וועלכער זאָל אָנפירן מיט די פאַרזאַמלונגען פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז געווען אַ געוויסער א. לימאַן, וועלכער איז, אגב, אַליין נישט געווען קיין לויצקער, אָבער זיך אויסגעקענט אויף די „קליינע אותיות״ און געווּסט ווי אַזוי זיך אָרגאַניזאַציאָנעל צו אָריענטירן. אַזוי איז עס געווען עטלעכע יאָר, ביז אין יאָר 1906, ווען עמך־מענטשן האָבן באַקומען אַ ביסל דערפאַרונג און זענען שוין געווען אַליין פעיק אויסצופירן די שווערע אויפגאַבן פון אַ פּרעזידענט אָן שום זייטיקער, נישט־לויצקער, הילף.

אין יענע ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטירנדיקער אָרגאַניזאַציע, האָט מען נאָך נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם לאָקאַל. מ׳פלעגט זיך פאַרזאַמלען אין פּריוואַטע וווינונגען. ווען ס׳האָט געדאַרפט פאָרקומען עפּעס אַ יום־טוב, האָט מען אַזאַ לאָקאַל געדונגען. אין אַלגעמיין זענען אויף די פאַרזאַמלונגען באַהאַנדלט

סעם זינגער מיט די בילדער פון זיינע צוויי זין, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אַלס אַמעריקאַנער זעלנער אין דער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

געוואָרן פאָלגנדיקע פראַגן: אָננעמען נייע מיטגלידער, זוכן קוועלן אויף איינקונפטן, אויסטיילן געוויסע אינסטאַנצן, וואָס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט ביקור־חולים און איינשטעלן באַשטימטע נאָרמעס, וואָס רעגולירן דאָס אָרגאַניזאַציאָנעלע לעבן פון דער מיטגלידערשאַפט.

אַלס אַקטיווע טוער פון יענער צייט האָבן זיך אַרויסגערוקט די „ברידער": גיטעלמאַן, קאַהן, יוסף ראָט (רויטער), די ברי־דער בלעקמאַן, קאַץ, באַראַש, שניידער, כאַיט, סעם זינגער (שייקע צוקער) און שטראָכער.

אַ געוויסע ענדערונג איז אַריינגעטראָטן אין יאָר 1909, ווען פּרעזידענט איז געוואָרן יאַנטל־מאָריס צוריף (אַ זון פון מלמד מאיר דעם קרומענס), וועלכער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט זיך אויסצוצירן אין פאַרשידענע מעדאַלן און לענטעס ווען ער האָט געפירט דעם פאָרזיץ אויף די פאַרזאַמלונגען. זעט אויס, אַז דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט פון אַנדערע געהיימע מאַסאָנען־לאָזשעס, ווו ס'זענען געווען אָנגענומען די אַלע צערע־מאָניעס... פון וואַנען ער האָט זיך איינגעשאַפט די פאַרשידענע מעדאַלן, וועלכע ער האָט זיך געלאָזט אָנהענגען, בעת ער איז געזעסן אויף דער טריבונע און אָנגעפירט מיט דער פאַר־זאַמלונג — ווייסט קיינער נישט. ספּעציעל האָט אים אימפּאָנירט



די פּרעזידענטן־לענטע, וועלכע איז געווען אַריבערגע־וואָרפן איבער דער ברוסט. מיט דער שיינער מעלאַדישער טענאָר־שטימע און מיט די אָראַטאָרישע פעיקייטן האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף זיינע לאַנדסלייט און אַריינ־געבראַכט אינעם גרויען לעבן פון די לויצקער אַ געוויסע יום־טובדיקייט. ער האָט אַ סך געטאָן פאַרן פאַראיין, אַריינ־געצויגן פיל נייע מיטגלידער און זיך באַמיט צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער נאָך אַ שטיקל צייט האָט מען אים באַזייטיקט פון פּרעזידענטן־אַמט און אָנפאַרטרויט צווייטראַנגיקע אַמטן. שפּעטער האָט ער זיך פולשטענדיק צוריק־געצויגן פון דער אַקטיווער מיטאַרבעט אין פאַראיין.

אין דער תקופה צווישן יאָר 1910 און 1945 האָבן זיך פיל לויצקער לאַנדסלייט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון זייער אַקטיווער טעטיקייט פון אונדזער פאַראיין. צווישן זיי זענען געווען מענטשן, וועלכע האָבן זייער גאַנצע ענערגיע אַריינגעלייגט אין דער פאַרגרעסערונג פון מאַטעריעלן צושטאַנד פון פאַראיין און געהויבן זיין פּרעסטיזש.

ערשטע לויצקער
אונטערשטיצונגס פעראיין

בעאמטע פון פעראיין

גייטען ראָזענטהאל	עקס־פּרעזידענט
יוסף ראָטה	פּרעזידענט
היימי שטומאקאף	וויס־פּרעזידענט
מאריס בלעקמאן	רעקאָרדינג סעק.
אייזיק אינגערמאן	פינאנס סעק.
סעם בלעקמאן	טרעזשורער
מאקס גרעסס	טראָסטי
סעם סינגער	"
קאָס וויטאס	"
זעליג מאטארין	אינערוואכע
מייער קאוורוק	האָספּיטעלער

גמילת חסדים בעאמטע

סעם סינגער	טשערמאן
מאקס גרעסס	סעקרעטער
היימי בלעקמאן	טרעזשורער

היינט־צו־טאָג איז שוין די לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט נישט קיין צאָלרייכע. פון דער אַלטער גוואַרדיע איז שוין ווייניק געבליבן. נייע קומען נישט צו. נאָר אַדאַנק אייניקע אַקטיווע מיטגלידער ווערט זי אויפגעהאַלטן. צווישן זיי זענען נאָך טעטיק די ברידער בלעקמאַן, קאָס וויטעס, בראַון און דער איבערגעגעבענער סעקרעטאַר יוסף בערעזאָווסקי (אַליין נישט קיין לויצקער, נאָר אַ חתונה־געהאַטער מיט אַ לויצקער פרוי).

דערמיט שליסן מיר די שילדערונג פון דער רייכער און רומפולער טעטיקייט פון דעם „ערשטן לויצקער אונטערשטי־צונגס־פאַראיין". די ווייטערדיקע באַשרייבונגען, וואָס וועלן אַרומנעמען אַנדערע צווייגן פון דער טעטיקייט פון אונדזערע לויצקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, וועלן נאָר זיין אַן אָפּגלאַנץ פון דער טעטיקייט פונעם „ערשטן לויצקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין". ער האָט אויף אַלע אַנדערע אונדזערע לויצקער אינ־סטיטוציעס אויך אַזויפיל געווירקט, אויסגעשפּרייט זיין מאָראַ־לישע השפּעה, אַז זיי אַלע דאַרפן פאַררעכנט ווערן ווי פאַר־שידענע אָפּצווייגונגען פון דער מוטער־אינסטיטוציע, וועלכע האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט מיט איר פרוכטבאַרער טעטיקייט, אַז זי איז געוואָרן אַ מוסטער פון אויפריכטיקער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט לטובת הכלל. איר טעטיקייט האָט זיכער מיט זיך געבראַכט פיל גלאַנץ דעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב.

אינדעפּענדענט לויצקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין (בראָנזוויל)

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז אייגנטלעך געווען אַן אָפּ־שפּאַלטונג פון דער אַלטער לאַנדסמאַנשאַפט און איז אַנטשטאַנען צוליב אייניקע סיבות. קודם כל האָבן פיל לויצקער געוווינט זייער ווייט פונעם יידישן צענטער, ווו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט דער רוב לויצקער, וועלכע פלעגן אָפּהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונ־

גען אין יידישן צענטער פון ניו־יאָרק, אין דער „איסט־סייד״. איז פאַר די, וואָס האָבן געוווינט אויף די פּעריפעריעס פון ניו־יאָרק, געווען גאַנץ שווער צו קומען אויף די דאָזיקע פאַר־זאַמלונגען. צווייטנס, איז אויך צוגעקומען דער אַלטער יידישער ברוגז, רייסערייען מיט דער אַנפירערשאַפט פונעם אַלטן פאַראיין. האָבן זיך די לויצקער, וואָס האָבן געוווינט אין „בראָנזוויל״, מיט יוסף בלושטיין אין דער שפּיץ, פאַרשטענדיקט און אָרגאַני־זירט אַ באַזונדערן פאַראיין. דער דאָזיקער בלושטיין, וועלכער איז, דרך אגב, נישט קיין לויצקער, נאָר זיין פרוי שטאַמט פון לויצק, האָט זיך געשטעלט בראש פון דער ניי־געשאַפענער אָרגאַניזאַציע און איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס איר ערשטער סעקרעטאַר. דאָס איז געווען אין אָקטאָבער 1914. בלושטיין, אַלס סטאַליער, האָט זיך געטראָפן מיט נאָך לויצקער און נישט־לויצקער סטאַליאַרעס אויף דער סטאַליער־בירזשע, ווו זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט וועגן גרינדן אַן אומאָפּהענגיקן (אינדעפּענ־דענט בלע״ז) פאַראיין פון זייער געגנט. די הויפּט־סיבה פון די קריגערייען אין דער אַלטער אָרגאַניזאַציע איז געווען די נישט צופרידנשטעלנדיקע האַנדלונג פון דער אַנפירערשאַפט פונעם אַלטן פאַראיין.

צוליב דער אומאַנגענעמער פּראַקטיק פונעם אַלטן פאַראיין האָט מען אינעם נייעם פאַראיין באַשלאָסן נישט צו וויילן קיין פּרעזידענטן, נאָר אַ סעקרעטאַר. אַ פאָרזיצער האָט מען געוויילט אויף יעדער פאַרזאַמלונג באַזונדער. די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער זענען אויסגעקליבן געוואָרן נאָר אויף אַ תקופה פון דריי מאָ־נאַטן. אַזוי האָבן זיי זיך געפירט ביז אָנהייב יאָר 1916, ווען זיי האָבן ווידער באַשלאָסן יאָ אויסצוּוויילן אַ פּרעזידענט מיט אַנדערע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אויף אַ גאַנץ יאָר. דערביי האָט מען צוגעגעבן אַ תנאי צום נייעם באַשלוס, אַז אויב אין מיטן טערמין וועט עמעצער זיך נישט האַלטן אין די ראַמען פון די אָנגענומענע דעמאָקראַטישע באַשלוסן — וועט מען אים קאָנען דעמיסיאָנירן. אַזוי איז געשען אייניקע מאָל, ווען מ׳האָט אָט די קלאָזולע אָנגעווענדעט אין לעבן.

דער דאָזיקער פאַראיין איז אַנטשטאַנען אין סאַמע ברען פונעם ערשטן וועלט־קריג. שוין אין נאָוועמבער 1914 ווערט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער מיטגלידערשאַפט באַשלאָסן אויס־צוּוויילן אַ קאָמיטעט — אין באַשטאַנדטייל פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: יוסף גאָלדשטיין, סעם קירזשנער, אברהם מענדעל־סאָן און יוסף גאָלדבערג — וועלכער האָט זיך געווענדעט צום אַלטן „ערשטן לויצקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין״ וועגן אונ־טערנעמען געמיינזאַמע שריט, בכדי צו העלפן די מלחמה־קרבנות פון דער אַלטער היים.

דאָס באַווייזט די הומאַניטאַרע איינשטעלונג פון דער נייער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט נאָך נישט באַוויזן ווי געהעריק איינצואָרדענען אירע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן — און שוין זיך אָפּגעבן דעם געדאַנק וועגן דערטיילן הילף די נויטבאַדערפטיקע. אין אַקטיוו פון נייעם פאַראיין האָבן זיך אויסגעצייכנט: יוסף בלושטיין, סעם קירזשנער, נייטן לעמפּערט, הערי דאַגאַוויטש, יעקב סאָלניק, טשאַרלז גראַבער, אייב ניעמעץ און ירחמיאל בערמאַן. אין דער שפּעטערדיקער תקופה זענען נאָך צוגעקומען די „ברידער״: מאיר גאָלדבלאַט, הערי סיגאַל און מאַקס לעווין. די אַלע אויסגערעכנטע פּערזאָנען האָבן אין פאַרשידענע צייטן פאַרנומען אין נייעם פאַראיין אַמטן פון פּרעזידענטן, סעקרעטאַרן, קאַסירער א.א.וו.

דער דאָזיקער פאַראיין איז געווען אַנגעשלאָסן אין „לחם־עניים״ קאָמיטעט און דערנאָך אין דער „פאַראייניקטער לויצקער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע״ און האָט אַרויסגעוויזן אַ לעבהאַפטע טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן פון גזעלשאַפטלעכן לעבן. ביים נייעם פאַראיין האָט אויך עקזיסטירט אַ פרויען־סעקציע. היינט־צו־טאָג, נאָך 46 יאָר אַקטיווער אַרבעט, ווייזט נאָך דער דאָזיקער פאַראיין אַרויס אַ לעבהאַפטע טעטיקייט, אין וועלכער ס׳צייכענען זיך אויס פיל אַלטע מיטגלידער.

לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן עס פאָרזעצן נאָך לאַנגע־לאַנגע יאָרן.

„פאַראייניקטער לויצקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין״

אין יאָר 1930 האָבן זיך אייניקע מיטגלידער פונעם אַלטן פאַראיין אָפּגעטיילט און צוזאַמען מיט נאָך אייניקע נישט־לויצקער געגרינדעט דעם אויבנדערמאָנטן פאַראיין. די אַקטיווע טוער זענען געווען: יוסף ראָט (רויטער), מאָריס סאָסנע, יוסף פינקעלשטיין, ספּעקטאָר, פערשטאַט און נ. גרין.

וואָס אַן אמת האָבן זיי בכלל נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע אַקטיוויקייט, אין די יאָרן 1935—1940 זענען זיי געווען אָנגע־שלאָסן אין „לחם עניים״ און זיך באַטייליקט אין אירע אַרבעטן. דאָס לעצטע איז צושטאַנדגעקומען אַדאַנק יוסף ראָט, וועלכער איז דאַן געווען דער פּרעזידענט פון נייעם פאַראיין. אין אַלגעמיין גענומען האָבן זיי זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין ספּעציעלס און ס׳איז צווייפלהאַפט צי זיי האַלטן ביים היינטיקן טאָג אָפּ זייערע פאַרזאַמלונגען.

לויצקער ברענטש 583 אַרבעטער־רינג

דעם שרייבער פון די שורות וועט זיין גאַנץ שווער אָביעק־טיוו צו שרייבן וועגן דער טעטיקייט פון דער דאָזיקער אָרגאַ־ניזאַציע, ווייל ער געהערט צו די ערשטע אַקטיווע טוער אירע און ווערט, דעריבער, פאַר־רעכנט אַלס פאָטער פון ברענטש, ווו ער האָט אַ סך יאָרן פאַרנומען דעם אַמט פון איר פאָרזיצער. און אַזוי ווי אַ פאָטער פאַרזעט פיל עוולות פון זיין אייגן קינד, אַזוי אויך וועט דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות נישט קאָנען אויסמיידן אָט דעם פעלער. וועלן אים די לעזער מוחל זיין אויב ער וועט, אין אַ געוויסער מאָס, מגזים זיין אין דער שילדערונג וועגן דער טעטיקייט פון ברענטש.

פערל מאַראַנץ

פיר מיטגלידער־חברים זענען מיר געווען: יצחק פינקעל, אברהם פאַגאַן, יעקב גרינשטיין און יואל באָרנבוים. אין יאָר 1916 פלעגן מיר זיך גאַנץ אָפט טרעפן אין הויז פון דער „מאַמען״ פון די לויצקער, פערל מאַראַנץ. איר הויז האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם לעבן פון די אַלטע, ווי אויך

ניי־אָנגעקומענע לויצקער לאַנדסלייט. וועגן דאָזיקן הויז, איר אייגנטימערין מיט אירע 5 שיינע טעכטער האָב איך געווידמעט אַ ספּעציעל אַרטיקל וואָס איז, זיינערצייט, אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן זשורנאַל אַרויסגעגעבן צום 75־יעריקן געבוירנטאָג פון פּערלען. דאָס דאָזיקע אַרטיקל געפינט זיך אין מוזיי פון בת־ים אין יש׳ראל. די אויסגערעכנטע 4 חברים האָבן זיך עפּעס נישט געקאָנט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון דער אַלטער לויצקער סאָסייטי ס׳איז זיי נישט געווען צום האַרצן די גאַנצע פירונג פון דער לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט מיט זייערע קענצייכנס, ספּעציפישע פאַרזאַמלונגען און דייטשמעריש לשון, און זייענדיק מענטשן פון אַ סאָציאַליסטישער אַרבעטער־ריכטונג, האָבן זיי באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אַלס אַ צווייג פון גרויסן אַרבעטער־אָרדן „אַרבעטער־רינג״, ווו זיי האָבן אויסגעלאָדן זייער געזעלשאַפטלעכע ענערגיע. דער דאָזיקער „אַרבעטער־רינג״ איז פאַקטיש געווען אַ פאָרזעצונג פון פּוילישן „בונד״ און געדינט ווי אַ „רויטער קרייץ״ פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דעם רוב מיטגלידער, וועלכע זענען געווען פּאָליטישע פּליטים. מ׳האָט זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין די אידעאָלאָגישע ראַמען פון אַלטן אונטערשטיצונגס־פאַראיין, וועלכער פלעגט דערטיילן הילף אין דער פאָרם פון אַ צדקה... דאַקעגן אין „אַרבעטער־רינג״ איז יעדער מיטגליד געווען פאַרפליכטעט צו נאָרמאַלע וועכנטלעכע צאָלונגען, וועלכע האָבן אים געגעבן אַ רעכט צו באַקומען, אין פאַל פון אַ נויט, נאָרמאַלע פעסטגעשטעלטע אויסצאָלונגען. אין צייט פון פאַרשטאַרקטע עקאָנאָמישע קאַמפן, וואָס די „יוניאָנס״ האָבן געפירט פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון זייערע מיטגלידער, האָט דער „אַרבעטער־רינג״ געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו דערטיילן די עקאָנאָמישע הילף פאַר די שטרייקנדיקע מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס; אין פאַל פון קראַנקייט — געבן מעדיצינישע הילף; אין פאַל פון אַרבעטסלאָזיקייט — געבן די געהעריקע שטיצע א. א. וו.

ווי ס׳איז צו זען, זענען די אויפגאַבן געווען ריין עקאָנאָמישע, פון קעגנזייטיקער שטיצע און פון אַ העכסט דעמאָקראַטישן כאַראַקטער.

מיר האָבן זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט און געשאַפן די נויטיקע 25 מיטגלידער, בכדי אַרויסצובאַקומען דעם געהעריקן „טשאַרטער״ אַלס ברענטש פון „אַרבעטער־רינג״.

און היות ווי דער צענטער פון אונדזער נייער טעטיקייט איז געווען ס׳הויז פון פּערל מאַראַנץ — איז נאַטירלעך, אַז די ערשטע רעקרוטן פון אונדזער פאַראיין זענען געווען אירע דריי איידעמס: איזידאָר מיללער, יואל פּאַפּיר און איזידאָר העלמאַן. דער נייער אימיגראַנטן־עלעמענט איז באַשטאַנען פון מענטשן מיט אַ פיל העכערער אינטעליגענץ, ווי דער אימיגראַנטן־עלעמענט פון די יאָרן 1900—1890. דאָס זענען געווען, ווי שוין דערמאָנט, אַנטלאָפענע צוליב פּאָליטישע רדיפות, פון די פּאָגראָמען א. א. וו. און זיי האָבן געהאַט הינטער זיך, אין דער אַלטער היים, אַ לאַנגיאָריקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און מיר האָבן געשאַפן די נייטיקע 25 מיטגלידער. אַ חוץ די פריער דערמאָנטע 4 חברים און דריי איידעמס, זענען נאָך צוגעקומען: חיים בלעק מיט זיין שוועסטער, איזידאָר קעללער (דווקא אַ קאָוולער, נאָר אַ חתונה געהאַטער מיט דאָוו׳ס טאָכטער פון לויצק), בעני נאַדעל, חוה מענדעלעס, העררי דיכטער, אַבוש אייזנגאַרט, א. זינגער, מעק מאַיערס, די שוועסטער האַמיש, יעקב גרינשטיין און פיל אַנדערע, וועמענס נעמען כ׳האָב שוין פאַרגעסן.

וואָס אָן אמת האָט נאָך פריער עקזיסטירט אַ לויצקער ברענטש, נאָר צוזאַמען מיט עטלעכע קאָוולער, וועלכע האָבן געמיינזאַם אָרגאַניזירט דעם קאָוולער־לויצקער ברענטש. מיטן מאָמענט אָבער ווען ס׳איז אַנטשטאַנען דער נייער לויצקער ברענטש, האָבן זיך עטלעכע לויצקער פון קאָוולער־לויצקער ברענטש אָנגעשלאָסן אינעם נייעם ברענטש.

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען דעם 17־טן מערץ 1917 אין אַ לאָקאַל אויף גרענד־סטריט און איז געווען אַ זייער אימפּאָזאַנטע. ס׳זענען דערהאַלטן געוואָרן באַגריסונגען פונעם אַלגעמיינעם „אַרבעטער־רינג״, ווי אויך פון אַנדערע איינגעלאַדענע געסט פון דער ליטעראַרישער און קינסטלער־וועלט. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ באַנקעט, טאַקע ביי פּערל מאַראַנץ אין הויז, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט אין אַ היימישער און פריילעכער אַטמאָספערע ביזן ווייסן טאָג אַריין. דאַן האָבן מיר זי טאַקע געקרוינט מיטן טיטל „מאַמע פון די לויצקער״, וועלכן זי טראָגט מיט שטאָלץ ביזן היינטיקן טאָג — הלוואי צו לאַנגע־לאַנגע יאָר.

אַזוי ווי פאַרשידענע בענעפיטן און עקאָנאָמישע הצטרכותן ווי אויך די פראַגע פון קרקע איז געלעגן אין דער קאָמפּעטענץ פון אָרדן, האָט שוין דער ניי־געגרינדעטער ברענטש נישט געדאַרפט זיך זאָרגן וועגן די דאָזיקע ענינים און האָט געקאָנט גאַנץ פריי זיך אָפּגעבן מיט דער פּראַקטישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צווישן די לויצקער לאַנדסלייט. ספּעציעל האָט ער זיך געווידמעט דער ספּעציפיש־יידישער טעטיקייט לויטן מוסטער פון דער אַלטער היים... אין יענע טעג האָט דער ברענטש אָרגאַניזירט דעם „פאַראייניקטן לויצקער רעליף״, וועלכער האָט אָנגעהויבן זאַמלען קליידער און מעדיצינישע הילף, וואָס זענען איבערגעשיקט געוואָרן קיין לויצק און פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די מלחמה־קרבנות. נאָך דער מלחמה איז אַ מיטגליד פון ברענטש געשיקט געוואָרן קיין לויצק אַלס דעלעגאַט, אין דער פּערזאָן פון יואל פּאַפּיר, וועלכער האָט מיטגענומען אַ גרויסע סומע געלט פאַר די לויצקער תושבים. דאָס איז געווען אין יאָר 1919.

אין יאָר 1934 איז ווידער באַנייט געוואָרן די הילפס־אַרבעט פאַר לויצק און די ברענטש־מיטגלידער, די גרינשטיינס, באַרענבוים א. א. האָבן ווידער אָרגאַניזירט דעם „לחם־עניים״־קאָמיטעט, וועלכער האָט אין די יאָרן פון צווישן די לעצטע צווי וועלט־מלחמות איבערגעשיקט טויזנטער דאָלאַרן יערלעך פאַר פאַרשידענע לויצקער אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן.

אין יאָר 1942, ווען ס׳האָט זיך אָנגערוקט אויפן פּוילישן יידנטום די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע, איז לויט דער איניציאַטיוו פון די ברענטש־מיטגלידער פינקעל און פירער צושטאַנדגעקומען די פאַראייניקונג פון אַלע לויצקער לאַנדסמאַנשאַפטס־אָרגאַניזאַציעס אין איין פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע, בכדי צו קאָנען ווירקזאַמער טראָגן די מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף די געליטענע ברידער פון מעבר לים.

נאָכן אַנטשטיין פון מדינת ישראל האָט זיך דער ברענטש

פאַראייניגטע
לוצקער רעליעף
קאמיטע
לחם עניים

ווערטהע פריינד און לאנדסלייט:

פיר די לעצטע 6 יאהר זינד עס עקזיסטירט די להם עניים (לוצקער רעליעף קאמיטע) זענען די פריינדע דארא גרינשטיין, רעק. סעק. און דזש. בלושטיין, פינ. סעק. געשטאַנען אויף זייערע פאסטענס מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט און געטריישאַפט ביי דער ארבייט צו זאַמלען שטיצע פיר די נויטליידענדע אין לוצק.

אויף דעם אַלגעמיינעם פערלאַנג פון די מיטגלידער איז באַשלאָסען געווארען צו אראַנדזשירען אַן אַבענד צו אויסדריקען אונזער אַלעמענס אַנערקענונג פאַר זייער גוטער ארבייט.

דער עהרע אַבענד וועט פאַרקומען זונטאג אום 5 אַזייגער 14טען מאַרטש 1937, אין ארעלס רומעניען אינן, 301 ברום סט. (ניער פארסייטה סט.) נ. י. וואו מיר וועלען זיך אַלע צו זאַמען קומען און אויס דריקען אונזער אַנערקענונג צו די בעאַמטע דארא גרינשטיין און דזש. בלושטיין.

די פרייז איז צוגיינגליך, ניט מעהר ווי $1.52 פער פערזאָן. אַ פיינעם סאפער און אינטערטיינמענס.

מיט גרוס,

די אראַנדזשמענט קאָמיטע.

באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין הילף פאַר איר. און כאָטש די ווייט גרעסטע מערהייט פון די ברענטש־מיטגלידער איז נישט ציוניסטיש געשטימט, נאָר שטאַמט פון בונדישע און אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען — דאָך האָבן אַלע פאַר־שטאַנען, אַז מדינת ישראל איז די איינציקע לייזונג פאַר די, וואָס זענען אַרויס פון די וועלדער, קעלערס און היטלעריסטישע לאַגערן.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען צוליב געוויסע סיבות האָט די לויצקער הילפס־אָרגאַניזאַציע געהאַלטן ביים צעפאַלן זיך, זענען טאַקע די לויצקער ברענטש־מיטגלידער געווען די, וואָס האָבן איבערגענומען פאַרשידענע אַגענדן און אויף אייגענער האַנט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט און געשאַפן די געהעריקע געלט־מיטלען פאַרן בית־תרבות אין בת־ים אין ישראל, פאַר דער גמילת־חסד־קאַסע אין ישראל א. א. וו.

די ברענטש־מיטגלידער ווייזן אַרויס אַ זייער לעבעדיקן אינטערעס צו דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אין ישראל. זיי האָבן איינגעשטעלט אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די לויצקער אין ישראל. אין די יאָרן 1955 און 1958 זענען קיין ישראל אַרויס־געשיקט געוואָרן ספּעציעלע דעלעגאַציעס, וועלכע האָבן זיך באַקאַנט מיט די באַדינגונגען אין ישראל און זיך געטראָפן מיט פיל עולים פון לויצק אין מדינת ישראל. דעם זעלבן אינטערעס ווייזן זיי אַרויס פאַר אַלע לויצקער פּליטים, אַן אונטערשייד וווּ זיי זאָלן זיך נישט געפינען.

היינט־צו־טאָג זענען מיר שוין אין אַ פיל פאַרקלענערטער צאָל מיטגלידער. די אַלטע שטאַרבן אויס. קיין נייע אימיגראַנטן קומען נישט. אָבער דאָך, נישט קוקנדיק אויף דער פאַרקלענער־טער צאָל מיטגלידער (קוים 65) איז אונדזער טעטיקייט בכלל נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פאַרקערט, זי איז נאָך היינט־צו־טאָג פיל שטאַרקער, ווי זי איז געווען מיט 44 יאָר צוריק, ווען זי איז געגרינדעט געוואָרן.

לויצקער פרויען־ברענטש ביים 583 אַרבעטער־רינג

אויף דער איניציאַטיוו פון עטלעכע מענער־ברענטש־מיטגלידער איז אין יאָר 1935 געגרינדעט געוואָרן דער פרויען־ברענטש. די פרויען האָבן זיך ספּעציעל געווידמעט דער אַקציע פאַר פאַרשידענע וווילטעטיקע צוועקן און אין זייער הומאַניטאַרער אַרבעט געזאַמלט יערלעך טויזנטער דאָלאַרן פאַר פאַרשידענע אַנשטאַלטן. דער פרויען־ברענטש איז טאַקע געווען די טיר, דורך וועלכער גרעסער הילפס־געזעלשאַפטן האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צוצוקומען צו דער הויז־פרוי. דער פרויען־ברענטש האָט אַריינ־געשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער פינאַנסיעלער טעטיקייט פון פיל אָנגעזעענע אינסטיטוציעס. אין אָנהייב איז, ווי געוויינ־לעך, געגאַנגען די אַרבעט אַ ביסל שווערלעך, אָבער ביסלעכווייז האָבן אונדזערע פרויען אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון טראָגן הילף און האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט דער געהעריקער התלהבות. זיי פאַרנעמען אַ זייער שיינע פּאָזיציע אין דער טעטיקייט פון אַזעלכע אונטערנעמונגען ווי „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״, „דזשאָינט״, „האַיאַס״, „הסתדרות״, „אָרט״, פאַרשידענע קינדער־שולן, קינדערהיימען, היימען פאַר אַלטע לייט, פאַר קראַנקע, סאַנאַטאָריעס א. א. וו. ענלעך צום מענער־ברענטש, ווייזט נאָך היינט־צו־טאָג דער פרויען־ברענטש אַרויס אַן ענערגישע טעטיקייט לטובת דעם אָרעמען און נויט־באַדערפטיקן.

ביים היינטיקן טאָג זענען טעטיק אינעם פרויען־ברענטש פאָלגנדיקע פרויען: אסתר נאַגלער — פאָרזיצערין (אַ שוועס־טער פון די פינקעלס), פעני שניידער — פינאַנס־סעקרעטאַרין, ראָוז אייזענגאַרד — רעקאָרדינג־סעקרעטאַרין, אסתר פירער — קאַסירערין, און פאַרוואַלטונגס־מיטגלידערינס: מרס. באַראַן, מרס. ראָוז פינקעל, מרס. באַסי פינקעל, מרס. מאַנדעל, מרס. לערנער, מרס. סילקע גאָלדבערג און מרס. מאַיאַ דאָלינער.

זיינערצייט איז אויך געווען טעטיק די שוין פאַרשטאָרבענע טעמע באַס ע״ה, וועלכע איז געווען לאַנגע יאָרן רעקאָרדינגס־סעקרעטאַרין.

זאָלן די לעבעדיקע זיין אָפּגעשיידט פון די טויטע אויף לאַנגע־לאַנגע יאָרן!

דער ערשטער „לויצקער רעליף־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק״

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1916 און האָט, אונטערן דאָזיקן נאָמען, עקזיסטירט ביי אַ 5 יאָר. ס׳האָבן זיך דאַן פאַראייניקט אַלע לויצקער פאַראיינען פון ניו־יאָרק, ווער מיט גרעסערע און ווער מיט קלענערע

כוחות. דאָס זענען געווען יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג, ווען מ׳האָט נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט דער אַלטער היימשטאָט. איז דעריבער די הילף דערטיילט געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פונעם „פיפּל רעליף״, וואָס איז געווען אַ הילפס־אָרגאַן פונעם אַמעריקאַנער יידנטום, וועלכער האָט איבערגעשיקט פיל געלט־מיטלען פאַר די מלחמה־קרבנות אין אייראָפּע. טיילווייז האָט מען זיך אויך באַנוצט מיטן „דזשאָינט״.

אין די יאָרן 1922—1931 איז דער דאָזיקער הילפס־קאָמיטעט נישט געווען טעטיק.

אין יאָר 1931 איז אין אַ געוויסער אַמעריקאַנער צייטונג דערשינען אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער שרעקלעכער מאַטעריעלער לאַגע פון דער לויצקער יידישער קהילה און דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. איז טאַקע דאַן אַנטשטאַנען דער „לחם־עניים״־קאָמיטעט, וועמענס איניציאַטאָרן ס׳זענען געווען: יעקב און דאָראַ גרינשטיין, מאָטיע דימענט, ס. זינגער, ב. פידעל א. א.

די דאָזיקע גרופּע איז זיך שנעל צעוואַקסן און אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות זענען איבערגעשיקט געוואָרן יערלעך ביי אַ טויזנט דאָלאַר, וועלכע זענען צעטיילט געוואָרן אין לויצק צווישן פאָלגנדיקע יידישע אינסטיטוציעס:

„ווױלטעטיקע געזעלשאַפט בית־לחם לויצק״, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט צעטיילן ברויט צווישן דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג. די שטיצע פון אַמעריקע האָט באַטראָפן 12% פון זייער בודזשעט.

„בית יתומים פאַר פאַרוואָרלאָזטע קינדער אין לויצק״, וועמענס יערלעכער בודזשעט האָט אויסגעמאַכט ביי אַ 15 טויזנט זלאָטעס. אונדזער אַנטייל איז געווען: 10%.

„ביקור חולים״, וועמענס אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דערטיילן מעדיצינישע הילף דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג אין לויצק. אויך דאָ האָט אונדזער שטיצע באַטראָפן ביי אַ 10% פון זייער יערלעכן בודזשעט.

„גמילת חסד כללי״, ווו אונדזער הילף האָט באַטראָפן 10% פון זייער בודזשעט.

„טאָז״, וועלכער האָט אויסגעהאַלטן אַ קינדער־היים, אין וועלכן ס׳זענען געווען 55 קינדער. ער האָט אויך אויסגעהאַלטן אַן אַמבולאַטאָריע און אַ זומער־קאָלאָניע פאַר קינדער. דער אַמעריקאַנער אָנטייל אין זייער בודזשעט האָט באַטראָפן 15%.

פון דריי קוואַלן האָט דער „לחם עניים״ באַקומען זיין הכנסה און געמלעך:

1. פון יערלעכן אָפּצאָל פון דער מיטגלידערשאַפט.
2. שטיצע פון די פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען, ווי: דער ערשטער לויצקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין, „אינדעפּענדענט לויצקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין״ אין בראָנזוויל, „יאָנג מעיס פּראָגרעסיוו סאָסייטי״, „לויצקער ברענטש 583 אַרבעטער־רינג״ און זייערע פרויען־אַנשטאַלטן.
3. יערלעכע באַלער, וואָס מ׳האָט איינגעאָרדנט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט באַדייטנדיקע סומעס. אַזאַ אוונט איז געווען געווידמעט דער פרוכטבאַרער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון די פריינד דאָראַ גרינשטיין און יוסף בלושטיין.

אויסער די צוויי דערמאָנטע פריינד האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט: באַרנבוים, בנימין פידעל, סעם זינגער, יצחק פינקעל, ב. פארער, מאטע דימאנט א.א.

וועגן דער טעטיקייט פון די לויצקער אין אַנדערע שטעט

לויצקער לאַנדסלייט געפינען זיך אויך אין אַנדערע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אויך דאָרט געפינען זיך אָרגאַניזירטע לאַנדסמאַנשאַפטס־אָרגאַניזאַציעס. דאָס זענען די שטעט ווי באַלטימאָר, אלעבאנו, פיטסבורג, דעטרויט, טשיקאַגאָ. אויסער דער באַלטימאָרער אָרגאַניזאַציע, ווייזן די רעשט נישט אַרויס קיין ספּעציעלע טיכטיקע אַרבעט. מיר וועלן זיך אויף אייניקע פון זיי אָפּשטעלן און זייער טעטיקייט כאַראַקטעריזירן.

אַזוי ווי דער באַלטימאָרער פאַראיין וועט געוויס באַקומען זיין געהעריקן אויסדרוק אינעם „ספר לויצק״, וועלן מיר זיך ברייטער נישט אָפּשטעלן אויף זיין טעטיקייט. אין אַלגעמיין גענומען געפינען מיר זיך מיט אונדזערע באַלטימאָרער לאַנדסלייט אין זייער גוטע באַציונגען. געמיינזאַם אַרבעטן מיר לטובת ישראל און אונדזערע לאַנדסלייט.

אלעבאנו: דער דאָרטיקער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1930. די איניציאַטאָרן זענען געווען: הערי גרינשטיין, יצחק שערמאַן, סעם שניידער, מאיר הונגערמאַן, מ. בורקמאַן א. א. אין דער ערשטער צייט האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט דערטיילן קעגנזייטיקע הילף זייערע אייגענע מיטגלידער. אין יאָר 1940 האָבן מיר מיט זיי אָנגעבונדן אַן ענגערן קאָנטאַקט און דאַן האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַנגאַזשירן אין דער הילפס־טעטיקייט לטובת די מלחמה־קרבנות און, זייט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, דער הילפס־אַקציע לטובת ישראל.

טשיקאַגאָ: אַ סאָסייטי האָט דאָרט עקזיסטירט זייט יאָר 1933. פון די אַקטיוויסטן איז כדאי אויסצורעכענען פאָלגנדיקע פּערזאָנען: יוסף נאַדלער, א. באַרדיטש, דזש. קאהן, אב. קאהן, סעם ביבערזאל, וויקטאָר בערגער א. א. ענלעך צו אַנדערע אַזעלכע קליינע אינסטיטוציעס, האָבן זיי זיך הויפּטזעכלעך געווידמעט דער דערטיילונג פון אַ קעגנזייטיקער שטיצע די אייגענע מיטגלידער, באַזאָרגן זיי מיט אַ קרקע א. א. וו. אין פאַרלויף פון אייניקע יאָרן האָבן זיי באַוויזן צו שיקן געוויסע קליינע סומעס צו פאַרשידענע לויצקער אַנשטאַלטן.

ווען דער פאַראייניקטער לויצקער רעליף־קאָמיטעט איז צוגעטראָטן צו שאַפן מיטלען פאַרן „ספר לוצק״, האָט דער שרייבער פון די שורות זיי באַזוכט. אויפן דאָזיקן צוועק איז געזאַמלט געוואָרן אַ סומע פון צוויי טויזנט דאָלאַר. ווען דער פּראָיעקט איז אויפגעגעבן געוואָרן איז דאָס געלט צוריקגעפאָדערט געוואָרן. ס׳שיינט, אַז, נאָכן איבערווייזן עס צוריק,

איז עס צוריקגעגעבן געוואָרן די געבערס. זייט דאַן האָבן מיר אָנגעווירן מיט זיי דעם קאָנטאַקט. אַלע אונדזערע באַמיונגען זיי צו באַוועגן אַרבעטן לטובת ישראל, אָדער „ספר לוצק״, האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן.

פיטסבורג: צוליבן מאַנגל אין לויצקער איז דאָרט אָרגאַניזירט געוואָרן אַ „וואָלינער רעליף סאָסייטי״, אין וועלכער ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע וואָלינער לאַנדסלייט. ס׳שיינט, אַז די טעטיקסטע מיטגלידער זענען דאָרט טאַקע די לויצקער, ווי צ. ב.: רחל שעכטער — פרעזידענטין, מאָריס לינדער, ל. רודו, ל. בלושטיין און יעקב וויינשטיין. אין יאָר 1949 האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין די „פאַראייניקטע לויצקער אָרגאַניזאַציעס״. מיר האָבן פון זיי שוין לאַנג נישט קיין שום ידיעה. פון די באַריכטן פון דער גמילת־חסדים־קאַסע אין ישראל זעען מיר, אַז זיי האָבן בייגעטראָגן אַ געוויסע סומע געלט צו דער דאָזיקער נוצלעכער אינסטיטוציע.

לאָס אַנדזשעלעס: אין יאָר 1949 איז ביי דער איניציאַטיוו פון אברהם אַרביטער און יוסף טייטעלבוים אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרופּע פון די לויצקער לאַנדסלייט, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל מיטצואַרבעטן ביים אַרויסגעבן דעם געפּלאַנטן „ספר לוצק״. זיי האָבן געזאַמלט אַ געוויסע סומע געלט. קיין סך האָבן זיי נישט באַוויזן אויפצוטאָן.

אַ באַדייטנדיקע ענדערונג איז אַריינגעטראָטן זינט ס׳איז קיין לאָס אַנדזשעלעס געקומען די פרוי אסתר ביילין מיט איר טאָכטער (דאָס איז די פרוי פון ד״ר ביילין פון לויצק). מיט איר ענערגיע האָט זי אַריינגעבראַכט אַ געוויסע אויפלעבונג צווישן די דאָרטיקע לויצקער לאַנדסלייט.

דער איינדרוק איז, אַז צווישן זיי געפינען זיך זייער ווערטפולע מענטשן. אין משך פון דער קורצער צייט פון זייער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט האָבן זיי שוין באַוויזן איבערצושיקן קיין ישראל עטלעכע הונדערט דאָלאַר. צווישן דער דאָזיקער גרופּע צייכענען זיך אויס מיט זייער אַקטיוויטעט: פרוי ד״ר ביילין, אברהם אַרביטער, יוסף טייטעלבוים, רובין, ב. באָקסער, א. דיקשטיין, מעקס אָפּינאָוו (אַליין נישט קיין לויצקער, נאָר אַ חתונה געהאַט מיט אַ לויצקער פרוי), ס. ליבהאַבער, שניידער און נאָך אַנדערע.

קאַנאַדע: מיר ווייסן וועגן דער עקזיסטענץ פון צוויי גרופּן אין קאַנאַדע, איינע אין וויניפּעג און די צווייטע אין מאָנטרעאַל. ס׳עקזיסטירט אויך אַ גרופּע אין טאָראָנטאָ, אָבער פון אַ זייער קליינעם באַדייט.

אין וויניפּעג האָט אין די יאָרן 1938—1940 די גרופּע לויצקער אָרגאַניזירט מאַטעריעלע הילף דורך דער פאַרמיטלונג פון „לויצקער הילפס־קאָמיטעט״ פאַר די יידישע אַנשטאַלטן אין לויצק. זיי האָבן אויך איבערגעשיקט אַ סומע געלט פאַר דער גמילת־חסדים־קאַסע אין ישראל. אין דער לעצטער צייט הערן מיר פון זיי גאָרנישט.

צווישן זיי זענען אַ געוויסע צייט געווען גאַנץ אַקטיוו פאָלגנדיקע פּערזאָנען: ציפּע גלעזער (פאָרזיצערין), חנה מאַמעט, חנה קעטי, די ברידער חיים, שמעון און שמואל לעווי, יעקב פּריזאַמענט, שלמה פּערלמוטער א. א.

לעצטנס האָבן מיר אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט אַן אָרגאַניזאַציע אין מאָנטרעאַל אונטערן נאָמען: „ראָוונער־לויצקער פאַראיין״. צווישן זיי זענען אַקטיוו: מ. שטערנפעלד, סאַלאָמאָן גאַמער, ד. קאַשקעט א. א. מער ידיעות וועגן זייער טעטיקייט האָבן מיר נישט.

מיט אַזאַ טעמפּאָ האָבן מיר געאַרבעט ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר נישט באַקומען קיין שום ידיעה וועגן דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אין אונדזער אַלטער היים, אויף וועלכער ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שוואַרצער פאָרהאַנג פון אַ מיסטעריעז שווייגן. ביסלעכוויז האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען ידיעות, וועלכע האָבן ממש פאַרגליווערט ס׳בלוט אין די אָדערן. אַרום יאָר 1942־43 איז שוין געוואָרן פאַר דער וועלט־עפנטלעכקייט קלאָר ס׳בילד וועגן דער גרויס פונעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דעם אייראָפּעישן יידנטום. דאָס וועלט־יידנטום, און אין דער ערשטער ריי ס׳אַמעריקאַנער, איז געבליבן ווי געפּלעפט און, אין גרויס פאַרלעגנהייט, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ס׳זענען דורכן „דזשאָינט״ געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו לינדערן די ליידן פון די קרבנות. ליידער האָט ער נישט געקאָנט דערגרייכן צו אַ סך פון די געליטענע.

אין יענער צייט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק ביי איניקע לויצקער זיך צוצוגרייטן מיט אַ געהעריקער מאַטעריעלער שטיצע, אין פאַל ווען ס׳וועט שוין דערמעגלעכט ווערן צוצוקומען צו די, וואָס וועלן באַווייזן זיך צו ראַטעווען פון דער שריפה.

ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אויפרוף צו אַלע לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס. אין אויפרוף ווערט פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַ געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיט זאַמלען הילף פאַר די געליטענע. אויפן רוף האָבן זיך אָפּגערופן די אַלטע טוער פונעם „לחם עניים״ און דעלעגאַציעס פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן, און ס׳איז געשאַפן געוואָרן די „פאַראייניקטע לויצקער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע״. אַלס פאָרזיצער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז אויסגעוויילט געוואָרן ה׳ ניסן פירער. ס׳זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אָפּטיילונגען אין ניו־יאָרק, אלעבאַנו, טשיקאַגאָ, באַלטימאָר, פּיטסבורג, לאָס אַנדזשעלעס. ס׳זענען אָנגעקניפּט געוואָרן קאָנטאַקטן מיט קאַנאַדע, אַרגענטינע א. א. לענדער.

די טעטיקסטע גרופּע איז געווען אין ניו־יאָרק. אין גאָר אַ קורצער צייט איז געשאַפן געוואָרן אַ גרעסערע סומע געלט. איז געשטאַנען די פראַגע, וואָס צו טאָן מיטן געלט? ס׳איז פון ערגעץ־ווו אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז מ׳קאָן עפּעס שיקן דורכן רויטן קרייץ פון ראַטנפאַרבאַנד הילף קיין לויצק, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אונטער דער ממשלה פון די סאָוויעטן. מיר האָבן דאַן איינגעצאָלט געלט פאַר 500 שפּייז־פּאַקעטן, אין דער האָפענונג, אַז עפּעס וואָס וועט דאָך אָנקומען צו יידן אין לויצק.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָט אונדז אַ לויצקער, וועלכער איז געווען אין לויצק פאַרן קריג פון 1941, דערציילט, אַז ער האָט עפּעס יאָ געהערט וועגן אַזעלכע פּאַקעטן, אָבער צי האָט עמעצער פון די לויצקער יידן דערפון גענאָסן — ווייסט נישט...

אין אַלגעמיין גענומען האָבן מיר זיך צוגעגרייט צו דעם מאָמענט, ווען מ׳וועט שוין קענען צוקומען צו די, וועמען ס׳האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוראַטעווען פונעם היטלעריסטישן גיהנום. דעם „דזשאָינט״ האָט זיך דעם ערשטן איינגעגעבן צוצוקומען צו די נאַצי־קרבנות. מיר האָבן דעריבער געהאַלטן פאַר אונדזער

פליכט בייצוטראָגן אונדזער בײשטייער דעם „דזשאָינט״, זייענדיק זיכער, אַז צווישן די געראַטעוועטע, וועמען ער דערטיילט הילף, געפינען זיך אויך לויצקער יידן. מיר האָבן איבערגעוויזן אַ סומע פון זיבן טויזנט דאָלאַר.

ערשט אין יאָר 1946 האָבן מיר אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אַ גרופּע געראַטעוועטע לויצקער יידן, וועלכע האָבן זיך דאַן געהאַט גרופּירט אין וורא‌צלאַוו. אויסער דירעקטער הילף צו אייניקע לאַנדסלייט האָבן מיר אויך איבערגעשיקט טויזנט דאָלאַר פאַר דער דאָרטיקער גמילת־חסדים־קאַסע אין ווראַצלאַוו. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַקומען ווענדונגען נאָך הילף פון לויצקער פּליטים אין פּוילן, עסטרייך, דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיי, איטאַליע א. א. לענדער פון אייראָפּע, וווהין ס׳האָט דערגרייכט אונדזער רוף זיך צו ווענדן נאָך הילף. מיר האָבן צווויסן געגעבן די לויצקער לאַנדסלייט דורכן „דזשאָינט״, „האַיאַס״ און מעלדונגען אין דער פּרעסע. יעדן איינעם, אָפּהענגיק פון דער גרויס פון זיין פאַמיליע, האָבן מיר איבערגעשיקט קליידער, שפּייז־פּאַקעטן און געלט.

אין דער זאַמל־אַקציע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אונדזערע פרויען מיט דער „מאַמען״ פון די לויצקער, פּערל מאַראַנץ, וועלכע האָט זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן דער זאַמל־אַקציע פון קליידער, שפּייז א. א. און דאָס איבערגעשיקט די נויטבאַדערפטיקע, ווו זיי זאָלן זיך נישט האָבן געפונען.

געלט האָבן מיר געזאַמלט אויף פאַרשידענע אופנים. ס׳זענען איינגעאָרדנט געוואָרן א. ג. „הונגער־באַנקעטן״, פאַרזאַמלונגען, אזכרות, בענטשן חנוכה־ליכט, פּורים שלח־מנות א. א. וו.

דער ערשטער פאָרזיצער פון דער ניו־יאָרקער אָפּטיילונג איז געווען דער פריצייטיק פאַרשטאָרבענער סעם גוז ע״ה, נאָך וועלכן מ׳האָט אויסגעוויילט יוסף ראַט, און נאָך אים יואל פינקעל.

אין דער זעלבער צייט זענען קיין ניו־יאָרק אָנגעקומען אייניקע לויצקער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון היטלעריסטישן גיהנום. מיר האָבן זיי געהאָלפן מיט געלט־אונטערשטיצונגען, הלוואות און זיי דערמעגלעכט זיך צו שטעלן אויף די פיס און ווערן זעלבשטענדיק.

אינטענסיווער האָט זיך אונדזער אַרבעט אַנטוויקלט נאָך דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. ס׳איז פאַר אונדז אַלע, ציוניסטן און נישט־ציוניסטן, קלאָר געוואָרן, אַז די ריכטיקע ליזונג פונעם פּליטים־פּראָבלעם קאָן געפינען ווערן נאָר אין ישראל, וווהין ס׳דאַרפן געווענדט ווערן די אָנשטרענגונגען פון דער יידישער אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכקייט.

ס׳איז געבוירן געוואָרן אַן אָריגינעלער פּלאַן אויפצושטעלן אין ישראל אַ „כפר לוצק״ און אויפבויען אַ צאָל הייזער פאַר די לויצקער יידן אין אַ געוויסער געגנט. נאָך אַ יאָר אָנגעשטרענגטער זוכעניש זיך צו פאַרבינדן מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכער אינסטאַנץ אין ישראל פון די לויצקער יידן, ווערט דער דאָזיקער פּלאַן אויפגעגעבן און אָנשטאָט דעם ווערט באַשלאָסן אויפצושטעלן אין ישראל אַ קולטור־הויז אין אַ געגנט, ווו ס׳קאָנצענטרירן זיך לויצקער נייע עולים, אַ בית התרבות מיט אַ מוזיי, ווו מ׳זאָל אויפזאַמלען אַלע אַלטערטימלעכקייטן, וואָס זענען איבערגעבליבן נאָך אונדזער באַליבטער היימשטאָט לויצק.

ס׳איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ לויזער קאָנטאַקט מיט אייניקע לויצקער אין ישראל, ווי למשל: אליעזר גאָלדענבערג, בענדערסקי, סערליק א. א. ס׳האָט זיך אָבער געפילט, אַז מ׳וועט נישט קענען אָרגאַניזירן אַ גרעסערע הילף אָן אַ פאַראַנטוואָרטלעכן קאָמיטעט אין ישראל. איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַ פאָרשטייער פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע זאָל באַזוכן ישראל און אויפן אָרט פּרובירן אויפצוקלערן דעם דאָזיקן ענין.

די פאַרוואַלטונג פון יאָר 1951

אין דער ערשטער ריי, פון רעכטס: יואל פינקעל ע״ה, ש. שעוו, יצחק פינקעל, בעני פאָרער, אַלעקס באַראַן. אין דער צווייטער ריי, פון רעכטס: מאַקס נאַגלער, מאַקס שניידער, ניסן פּירער, סעם גריייניטש, מאַריס באַס, א. לוצקי, אהרן קאַרלין.

די ערשטע דעלעגאַציע, וועלכע האָט צוליבן אויבנדערמאָנטן צוועק באַזוכט ישראל, איז באַשטאַנען פון: ה׳ יואל פינקעל און פרוי, ה׳ מאָריס באַס און פרוי, ה׳ ניסן פּירער און פרוי, יצחק פינקעל און פרוי און ד״ר לעשנער. זיי זענען קיין ישראל אָנגעקומען ערב פּסח 1955 יאָר. ס׳זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אייניקע פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען מיט לויצקער לאַנדסלייט. ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטלעכער קאָמיטעט, וועלכער זאָל זיך פאַרנעמען מיט די ענינים פון די לויצקער עולים אין ישראל. ספּעציעל האָט מען געלייגט אַן אַכט אויף דער אָרגאַניזירונג פון אַ גמילת־חסדים־קאַסע אין ישראל, וועלכע זאָל באַדינען די לויצקער לאַנדסלייט. די שטיצע פאַר דער דאָזיקער קאַסע איז טאַקע באַלד אָנגעקומען, אין דער פאָרם פון 10.000 דאָלאַר. די דאָזיקע סומע האָט געשיקט די ניו־יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע. מ׳האָט באַוויזן אויך אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן נאָכצוטאָן דעם דאָזיקן ביישפּיל. אַזוי האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן פון באַלטימאָר, אַלעבאַנו און אַנדערע לענדער אַרויסגעשיקט אַ געלט־שטיצע. אַזוי אַרום איז די סומע אויסגעוואַקסן צו 15.000 דאָלאַר.

אין יאָר 1958 זענען די פּאָרלעך: פּירער, פינקעל און באַס צום צווייטן מאָל געקומען קיין ישראל בכדי אָנצובינדן אַ ווייטערדיקן קאָנטאַקט מיט דער לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל און אָנטיילצונעמען אין חנוכת הבית פון דער קינדער־היים, וואָס מאָריס באַס האָט געהאָלפן בויען אויפן נאָמען פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי טעמע באַס ע״ה, אין בת־ים אין ישראל.

אין דער אונטערשטער שורה זעען מיר ווי אַזוי אָרעמע יידישע אימיגראַנטן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט 60 יאָר צוריק קיין אַמעריקע, זענען אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין אונדזער יידיש לעבן. מיר ווילן נאָך האָפן, אַז מער וועט אונדז שוין נישט אויסקומען זיך צו פאַרנעמען מיט טראָגן הילף די בויטבאַדערפטיקע. אונדזער ווונטש איז: מיר זאָלן זיך קאָנען ווידמען מיט לייב און לעבן דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

נ י ו ־ י אָ ר ק ע ר ק אָ מ י ט ע ט פ אַ ר ן „ס פ ר ל ו צ ק"

פון רעכטס, אין דער ערשטער ריי: ד"ר סאָפּיאַן, י. צינקער, נ. פירער, יצחק פינקעל (פאָרזיצער), מ. באָס, ד"ר לעשנער, מ. באַראַן; אין דער צווייטער ריי: ס. גרעניץ, סילוויא באַרדיטש־גאָלדבערג, ב. פירער, א. אייזענגאָרטן, י. לערנער, מ. נאַגלער

ניסן פירער / ניו־יאָרק

לויצקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו־יאָרק אין די יאָרן 1948–60

די שילדערונגען פון יצחק פינקעל וועגן דער טעטיקייט פון די לויצקער אין די פּאַראײניקטע שטאַטן וועט נישט זיין פול אויב מ׳וועט נישט צוגעבן נאָך אייניקע פּרטים זייט דעם מאָמענט, ווען פינקעל האָט זיך, צוליב געזונטהייטס־טעמים, געמוזט אָפּזאָגן טיילווייז פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דאָס איז געווען אין יאָר 1948, נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינת ישראל. פיל לויצקער אַקטיוויסטן, טעטיקע אויפן געביט פון טראָגן הילף די נויטבאַדערפטיקע לויצקער לאַנדסלייט, אָן אונטערשיד ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען, האָבן געהאַלטן, אַז אייגנטלעך איז שוין זייער אויפגאַבע געענדיקט. ס׳עקזיסטירט שוין אַ מדינת ישראל, וועלכע וועט זיך שוין זאָרגן פאַר די, וואָס נויטיקן זיך אין הילף. ס׳איז פאַראַן אַ „דזשאָינט״, וועלכער וועט זיכער אויף ווייטער נישט פאַרנאַכלעסיקן זיינע פליכטן. איז דעריבער שוין גאָרנישט געבליבן פאַר דער א. ג. געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו וואָס צו טאָן אויף דעם געביט. האָט מען אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן יעטוועדע טעטיקייט. די מיטגלידערשאַפט איז נישט געקומען אויף די באַראַטונגען פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. צום גליק האָבן אָבער די חברים פון „לויצקער ברענטש 583 אַרבעטער־רינג״ אין ניו־יאָרק געהאַלטן, אַז די דאָזיקע מיינונג איז נישט קיין באַרעכטיקטע. צוזאַמען מיטן דעמאָלטדיקן פּאָרזיצער שלמה גוז ע״ה — פון אַן אַנדער לויצקער אָרגאַניזאַציע — און נאָך אייניקע חברים־לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק, האָט מען אָנגעהויבן אַן אַקציע צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער אַלטער היימשטאָט. די דאָזיקע אַקטיוויסטן האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז נאָכנישט געקומען די צייט זיך אַוועקצוזעצן מיט פאַרלייגטע הענט.

ס׳איז דעריבער אויפגעלעבט געוואָרן דער לויצקער הילפס־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שאַפן אַ פאָנד אויפצושטעלן אַ דענקמאָל דער לויצקער יידישער קהילה, אירע אַלטערטימלעכקייטן, אירע אומגעקומענע יידן און דער גלאָררייכער העכער 600 יאָר געשיכטע פון יידן אין לויצק. אַזאַ דענקמאָל, וועלכער וועט אויפגעשטעלט ווערן אין ישראל, וועט דינען ווי אַ לעבעדיקער עדות פון דעם וואָס איז געווען און איז שוין נישטאָ.

צווישן די אויפגאַבן, וועלכע דער באַנייטער הילפס־קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט, איז געווען אויך די אויפגאַבע צו העלפן די נייע עולים, לויצקער יידן, ביים איינאָרדענען זיך אין ישראל.

דאָס האָט געפאָדערט פיל געלט און אַרבעט. לכתחילה איז טאַקע די אַרבעט געגאַנגען נישט אַזוי גרינג. מענטשן זענען שוין געווען מיד פון דער לאַנגיאָריקער אומאויפהערלעכער פילאַנטראָפּישער וואַכזאַמקייט.

לשבח דער קליינער גרופּע אַקטיוויסטן דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז נאָך אַ געוויסער צייט האָט זיך זיי איינגעגעבן ווידער אויפוועקן די יידישע הערצער צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

מ׳האָט זיך ווידער אָנגעהויבן פאַרבינדן מיט די לויצקער לאַנדסלייט אין פאַרשידענע שטעט און לענדער. ס׳זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן הונדערטער בריוו צו די לויצקער לאַנדסלייט־אָרגאַניזאַציעס אין קאַנאַדע, בראַזיל, אַרגענטינע, פּאַריז א. א. וו., אין וועלכע די לאַנדסלייט זענען גערופן געוואָרן צו פאַראייביקן די „קדושי לוצק״ דורכן אויפשטעלן אַ געהעריקן מאָנומענט פאַר דער אומגעקומענער קהילה.

אין גאַנג פונעם אינטענסיוון בריוו־אויסטויש איז אויפגעשווומען אַ פּראָיעקט אויפצושטעלן אַ צענטראַלע לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע זאָל אָנפירן מיט אָט דער געפּלאַנטער אַקציע. צו דעם צוועק איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, אין דיפּלאָמאַט־האָטעל, מאַי 1949. ס׳זענען געווען דעלעגאַטן פון באַלטימאָר, אלעבאַנו, ניו־יאָרק. באַגריסונגען זענען דערהאַלטן געוואָרן פון טשיקאַגאָ, לאָס־אַנדזשעלעס, פּיטסבורג און קאַנאַדע. אין דער קאָנפערענץ האָט אויך אָנטיילגענומען הרב זלמן סאָראָטשקין, לעצטער רב הכולל פון לויצק, וועלכער האָט דאַן געווײלט אין ניו־יאָרק אין שליחות פון „ועד הישיבות״ אין ישראל.

די דיסקוסיע אויף דער קאָנפערענץ האָט זיך געפירט אַרום דעם פּראָיעקט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע קדושים. קיין שום קאָנקרעטס פון ישראל האָט מען נישט געהאַט. ס׳זענען נישט געווען קיין שום פאַרבינדונגען מיט אַ וואָסער ס׳זאָל נישט זיין אינסטאַנץ פון די לויצקער אין ישראל. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו שאַפן אַ פאָנד פון 50.000 דאָלאַר, בכדי דערמיט צו העלפן אויפבויען אַ שטאָט, שטעטל, אָדער דערפל, וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען פון אונדזער שטאָט לויצק. דער באַשלוס וועגן רופן די דאָזיקע אָרטשאַפט „כפר לוצק״ איז געוואָרן באַצייכנט דורכן הרב סאָראָטשקין מיט די ווערטער: „כפר לוצק״ וועט זיין ווי בלומען אויף די קברים פון די לויצקער קדושים״.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות מיטן סעקרעטאַר ווײַנטראַוב אַרבעטן אויס אַ גענויעם פּלאַן ווי אַזוי זיך צו פאַרבינדן מיט לאַנדסלייט אין ישראל. ווײַנטראַוב נעמט זיך אונטער אַרויסצוגעבן יעדן חודש אַ ביולעטין. די פאַרבינדונג מיט די לויצקער לאַנדסלייט אין ישראל ווערט פאַר אונדז אַ פּראָבלעם. מיר גיבן זיך אָפּ אַ גענויעם דין־וחשבון, אַז אָן דער מיטאַרבעט אויפן אָרט, אין ישראל, קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן רעאַליזירן אונדזער פּראָיעקט. מיר פאַרבינדן זיך מיט אליעזר גאָלענדבערג אין ישראל, וועלכער ווייזט אַרויס אַ גרויסע איניציאַטיוו און באַמיט זיך אויפצושטעלן אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכע אינסטאַנץ פון די לויצקער אין ישראל. ס׳גייט אַדורך אַ לענגערע צייט פון אומאויפהערלעכן בריוו־אויסטויש מיט אייניקע לאַנדס־

לייט אין ישראל. ווייַנטראָוב האָט ליידער נישט קיין סך צו אינפאָרמירן אין זיינע ביולעטינען, וועלכע ער גיט אַרויס, ווייל די גאַנצע אַרבעט דרייט זיך אַרום וועקן און רופן די לויצקער אין ישראל אויפצושטעלן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אינסטאַנץ, וועל־כע זאָל רעאַליזירן דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ.

ס׳האָט זיך געהאַנדלט, אַז מ׳זאָל דעם געהעריקן מאָמענט נישט פאַרשלאָפן. ס׳קומט פאָר אַ גאַנצע סדרה פון פאַרשידענע קאָנפערענצן און באַראַטונגען; נאָך יעדער באַראַטונג ווערט די לאַגע אַלץ ערגער.

אַזוי האָט זיך געצויגן ביי אַ צוויי יאָר. נישט קוקנדיק אויף די אַלע שטערונגען און שוועריקייטן, איז דאָך די קליינע גרופּע, מיטגלידער פון לויצקער ברענטש צוזאַמען מיט נאָך איינציקע חברים פון לויצקער הילפס־קאָמיטעט, נישט אָפּגעשטאַנען אין זייער אַרבעט. מיט די אייגענע כוחות איז אויפגעזאַמלט געוואָרן אַ סומע פון 7.000 דאָלאַר. מיט אָט דער קליינער סומע ווילן זיי און שטרעבן מיט אַלע כוחות צו רעאַליזירן זייער טרוים: אויפשטעלן אַ ווירדיקע מצבה די דערמאָרדעטע קדושי לוצק. ס׳זענען פאַראַן 3 פּראָיעקטן.

1. איבערוווייזן דאָס געלט די לויצקער אין ישראל, אַז זיי זאָלן דאָרט אויפשטעלן אַ קלוב, אָדער בית־לוצק אין תל־אביב.
2. זיך פאַרשטענדיקן מיטן „דזשאָינט דיסטריבושן קאָמי־טע״ וועגן אויפבויען אַ בשותּפותדיקן צענטער.
3. בשותפות מיט דער הסתדרות אין ישראל אויפבויען אַ צענטער אויפן נאָמען פון די „קדושי־לוצק״.

אויף אַ פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן צוזאַמען מיט דער הסתדרות אַ בית־התרבות ע״ש „קדושי לוצק״ אין ישראל. די סומע פון 7.000 דאָלאַר איז איינגעצאָלט געוואָרן און מ׳האָט זיך פאַרפליכטעט נאָך צוצוגעבן אַ סומע פון 3.000 דאָלאַר. נישט אַלע אין ישראל זענען דערמיט געווען צופרידן, אָבער דאָך גייען זיי סוף־כל־סוף איין אויפן דאָזיקן פּראָיעקט און גיבן צו זייער ווונטש, אַז דער דאָזיקער צענטער דאַרף זיך געפינען נישט אין תל־אביב גופא, נאָר נישט ווייט פון תל־אביב. מיר פון אונדזער זייט פאַרלאַנגען פון דער הסתדרות אַ התחייבות, אַז נעבן דעם דאָזיקן קולטור־צענטער זאָל זיך אויך געפינען אַ צימער, וואָס זאָל דינען אַלס מוזיי פאַר די אַלטערטימלעכקייטן פון לויצק און זאָל טראָגן דעם נאָמען „מוזעאום לוצק ע״ש קדושי לוצק״. דער דאָזיקער באַדינג ווערט אָנגענומען.

דינסטיק, דעם 17־טן פעברואַר 1953, איז אין בת־ים גע־לייגט געוואָרן דער ווינקל־שטיין פאַרן בית־תרבות ע״ש קדושי לוצק. מיטוואָך, דעם 28טן אַפּריל 1954, איז פאָרגעקומען דאָס חנוכת הבית פונעם בית־התרבות.

קיין ישראל פאָרט אַרויס אַ דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון יואל פינקעל ז״ל, זיין פרוי בתיה פינקעל, יצחק און ראָזע פינקעל, ניסן און אסתר פירער, משה באָס און טעמע באָס ע״ה, מענדל איידלשטיין מיט זיין פרוי און ד״ר לעשנער. פאַרן אַרויס־פאָר ווערט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעל בוך געווידמעט דער אויס־געשאָכטענער לויצקער קהילה, אויסגעפירט דורכן קינסטלער יעקב זעלדין. אינעם דאָזיקן בוך דערשיינען זכרונות און באַ־שרייבונגען פון צענדליקער לויצקער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק, וועלכע ווילן דערמיט פאַראייביקן זייערע דערמאָרדעטע קרובים, משפחות און באַקאַנטע. ס׳ווערט אויפגעזאַמלט אַ גרויסער אוצר פון פאַרשידענע בילדער און דאָקומענטן, וועלכע זאָלן אַריינגיין אינעם געפּלאַנטן „ספר לוצק״ און וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ יקר המציאות. אין דאָזיקן אוסף געפינען זיך בילדער און דאָקומענטן פון גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג. די קאָמיסיע נעמט מיט זיך מיט אַ גרויס בילד פון די לויצקער אינסטיטו־ציעס, עסקנים, גרויסע שול א.א.וו., וואָס איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אין מוזיי אין בת־ים.

קבלת פנים פאַר די געסט פון אַמעריקע

צוזאַמען מיט אליעזר גאָלדענבערג און ישעיהו פרידמאַן פון ישראל באַשטעלט די ניו־יאָרקער קאָמיסיע אַלץ וואָס מ׳דאַרף אויף אויסצושטאַטן דעם מוזיי און אים פאַרוואַנדלען אין אַן אינסטיטוציע, אין וועלכער ס׳זאָלן אויפגעזאַמלט ווערן אַלע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן נאָר אַ שייכות צו אונדזער היימשטאָט לויצק.

זונטיק, דעם 24־טן אַפּריל 1955, קומט פאָר, מיטן אָנטייל פון דער קאָמיסיע און אַ גרויסן עולם לויצקער אין ישראל, די פייערלעכע דערעפענונג פונעם מוזיי.

די קאָמיסיע האָט אָפּגעהאַלטן פיל באַראַטונגען מיט די לויצקער אין ישראל. ס׳האָבן זיך שוין געמאָלדן פיל נייע חברים. ס׳זענען צוגעקומען דער יונגער פרידמאַן, דער פאַרשטאָרבענער א. לאַנדסבערג ז״ל, ד״ר מ. גריפּעל, שמואל וואָרקאָוויצקי, יעקב שאַמפּאַניער, מענדל בן־יצחק, קלאַרא רויטער, משה גינדעל, סאָניע צוקערמאַן, בעלאַ פרידמאַן, ד״ר קוניצאַ, שייקע קרוין, דוד בענדערסקי און נאָך אַנדערע אַקטיווע מיטאַרבעטער.

זינט דעמאָלט האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון די ישראלים, מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן, זייער לעבנס־שטייגער. ס׳אַנטשטייט אַ פּראָיעקט וועגן שאַפן אַ לייַ־קאַסע פאַר די לויצקער אין ישראל. דעם דאָזיקן פּראָיעקט באַהאַנדלט מען אויף פיל זיצונגען און פאַר־זאַמלונגען.

פאַר דער אָפּרייזע פון דער קאָמיסיע קומט פאָר אַ זיצונג, וווּ ס׳ווערט באַשלאָסן מיט אַלע כוחות העלפן שאַפן געלט־מיטלען פאַר דער פּראָיעקטירטער לייַ־קאַסע. ס׳ווערט אויך באַשלאָסן אַריינצוציען אין אָט דער אַקציע נישט נאָר די לאַנדס־לייט פון ניו־יאָרק, נאָר אויך פון אַנדערע שטעט. מ׳שטעלט זיי

אָבער איין באַדינג: אַז זיי זאָלן האָבן אַן אויפריכטיקע אויפזיכט איבערן „מוזיי לוצק" אין בת־ים.

נאָכן טויט פון אונדזער טייערער חברה טעמע באַס ז"ל איז אין ניו־יאָרק געשאַפן געוואָרן צו פאַראייביקן איר נאָמען אַ „טעמע באַס סאָציאַלער פאָנד" אין ישראל. גלייכצייטיק האָט משה באַס אויפגעבויט אין ישראל אַ היים פאַר דער אַרבעטנדיקער מוטער, וועלכע געפינט זיך נישט ווייט פונעם לויצקער מוזיי אין בת־ים.

אין דער קינדערהיים א. נ. פון טעמע באַס
אין צענטער — מאָריס באַס

צוזאַמען מיט יצחק פינקעל זענען מיר געווען אַרומגענומען מיט אַ געפיל פון באַאומרויקונג, אַז ס'וועט, חס וחלילה, נישט איבערבלייבן נאָך אונדזער דור קיין שום זכר. דער אַלטער דור ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ קלענער און עס וועט נישט בלייבן אַפילו איינער, וועלכער זאָל קענען דערמאָנען ס'אַמאָליקע שטעטל לויצק. אין געוויסע מאָמענטן האָבן מיר שוין אויך אָנגעהויבן פילן אַ מידקייט, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט לטובת אונדזערע לאַנדסלייט, וועלכע זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע עקן וועלט. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן נישט צו רוען און דערפירן ס'דערשיינען פונעם געפלאַנטן „ספר לוצק" ביז צום גליקלעכן סוף. צו דעם צוועק האָבן מיר זיך געקליבן נאָכאַמאָל אַרויסצופאָרן אין אַ דעלעגאַציע קיין ישראל. פאַר דער געפלאַנטער רייזע האָבן מיר ווידער זיך גענומען צו אַן אינטענסיוון בריוו־אויסטויש מיט די לאַנדסלייט, וואָס געפינען זיך אין ביידע אַמעריקעס. מיר האָבן באַזוכט באַלטימאָר וועגן „ספר לוצק".

דער אָפּרוף, אין דעם פאַל, פון אונדזערע לאַנדסלייט, איז שוין געווען אַ פּאָזיטיווער. מיר האָבן באַשלאָסן צו רופן אַ קאָנפערענץ קיין ישראל, וווהין ס'זאָלן קומען די לאַנדסלייט פון פאַרשידענע לענדער בכדי זיך באַראַטן וועגן געפלאַנטן ענין. ערב פסח 1958 איז טאַקע אַזאַ באַראַטונג פאָרגעקומען אין בת־ים. ס'זענען פון אויסלאַנד אָנוועזנדיק געווען פירער און פינקעל מיט זייערע פרויען, די סיאמא ליבערמאַנס און דיקשטיינס פון בראַזיל, פרוי געלין פון אַרגענטינע, אַ משפחה פון קאַנאַדע און אַ גרויסע דעלעגאַציע פון די לויצקער אין ישראל. ס'זענען אויך בייגעווען איינגעלאַדענע געסט.

צו דער באַראַטונג זענען געקומען פיל נייע עולים פון פוילן, וועלכע האָבן נישט לאַנג צוריק באַזוכט לויצק. דער באַריכט, וואָס זיי גיבן איבער וועגן דער טייערער היימשטאָט איז זייער אַ טרויעריקער און מאַכט אויף אַלעמען אַ שווערן איינדרוק.

ח' שמואל וואַרקאָוויצקי האָט געעפנט די זיצונג און אָפּגעגעבן אַ קורצן באַריכט וועגן דער לאַגע אין ישראל ביי די נייע עולים און וועגן די אויסזיכטן פאַרן „ספר לוצק". ניסן פירער פון ניו־יאָרק גיט אָפּ אַ באַריכט פון דער ניו־יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפט און אירע באַמיִונגען פאַרן דערמאָנטן ספר. ער דערציילט וועגן די באַזוכן אין פראַנקרייך, ווו די דאָרטיקע לויצקער זענען באַגייסטערט פאַר דער אידעע פונעם בוך. יצחק פינקעל רעדט באריכות וועגן דער אויפגאַבע פון אונדזער דור ביים פאַראייביקן די פאַרגאַנגענהייט פון אונדזער היימשטאָט. ער רופט די לאַנדסלייט אין ישראל נישט נאָר אָנטיילצונעמען אין דער מיטאַרבעט פונעם „ספר לוצק", נאָר בכלל איבערנעמען די גאַנצע אחריות פאַר דער דערשיינונג פונעם ספר. אין דער דיסקוסיע ווערט אויסגעדריקט די באַגייסטערונג פאַרן ריכטיקן געדאַנק. מען האָט אויסגעוויילט אַן אָנפירערשאַפט. אַלס פאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַרן „ספר לוצק" איז אויסגעוויילט געוואָרן נחום שטראַכמאַן.

ווילט זיך גלויבן, אַז ס'וועט נישט פאַרלוירן גיין דער הייליקער אָנדענק פון אונדזערע קדושים וטהורים, וואָס זענען געפאַלן על קידוש השם אין די קעלערן פון ליובאַרט־שלאָס און אין לויצקער געטאָ. מיט זייער בלוט האָבן זיי אונדז אויפגעפאָדערט קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן אין די געפאַלענע.

1960

א. לוצקי

א מיטינג ביי די לויצקער

צו דער געלעגנהייט פון דער יובל־פייערונג
30 יאָר לויצקער ברענטש 583

וועך איז דער טשערמאַן?
בעני פאַרער.
ער זיצט אויבנאָן מיט אַ יום־טובדיק פנים,
און בעט צו רעדן — קורץ און קלאָרער.

ווער שרייבט די בריוו
מיט אַ וואָזשנעם באַטרעף?
דער איידעלער, שטרענגער,
סעקרעטאַר שעוו.

באָסס, דער דיקער,
פירט זיך ברייטלעך,
געלט צו געבן —
תמיד גרייטלעך.

און גראַניין דער גראַבער —
וואַכט מיט צאָרן.
ער היט די קאַסע —
מיר דאַרפן שפּאָרן.

פּראָטאָקאָל נאָגלער,
אינמיטן פאַרשרייב —
באַטראַכט די פּאַניענקע,
זיין איינן ווייב.

דער ספּריטנער פירער,
וויל זיין סטאַטיש.
פירט ער אַ רעדע —
דיפּלאָמאַטיש.

סאָל דאָלינער —
האַלט זיך באַשיידן,
אים ליבער צו הערן —
איידער צו ריידן.

ווער האַלט די גראַנדע?
יצחק פינקעל.

ווער האַלט די דרשות?
יצחק פינקעל.

ווער איז דער גבאי?
יואל פינקעל.
ווער דעקט מיט געלטער?
יואל פינקעל.

ער פילט זיך באַהאַוונט,
פאַרטיפט ווי אַ זיידע.
לערנט ער חכמה —
דער לויצקער עדה.

ביי לויצקער אַ מיטינג — אַ וואָזשנע הוליאַנקע,
אַלע פאַרפּוצטע אין עסיק און האָניק.
גלייך פון ראָזירער באַשפּריצטע מיט טאָניק,
אַ שטאַרקער „לחיים” מיט הערינג און חלה,
דערמאָנט זיי די יאָרן פון חתן און כלה.

ביי אונדזערע לויצקער בליען די פרויען,
אַלעמאָל מונטער, אַלעמאָל טעטיק
ראַשען רעליף, און הילף תל־אביב,
זיי פלירטן און הנדלען און פירן זיך עטיק.

די ווייבערלעך מיידלען,
די מענערלעך ייִנגלען,
די אייגעלעך בלישטשען,
די צינגעלעך קלינגען.

גייט מען אַ טענצל אין סאַמע מיטן,
פלינקערע מענער די ווייבער פאַרביטן.
הוליעט די חברה ביז שפּעט ביינאַכט,
דערנאָך הערט דער דרויסן —
אַ גוטע נאַכט!
מיט הילכיקע ווונטשן:
צום קומענדן מיטינג —
נאָך בעסער פאַרבראַכט.

אלתר באַרדיטש / באַלטימאָר

לויצקער רעליף־סאָסייטי אין באַלטימאָר

אין יאָר 1931, ווען מיר אין אַמעריקע האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, באַפרייענדיק זיך פון די נעגל פון דער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע, זענען צו אונדז דערגאַנגען זייער נישט קיין פריילעכע ידיעות פון דער אַלטער היים, פון לויצק. די דאָזיקע ידיעות האָבן אונדז דערציילט וועגן שרעקלעכן עקאָנאָמישן קריזיס, וועגן אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען און באַיקאָטן קעגן אונדזערע ברידער און שוועסטער.

די דערהאַלטענע ידיעות פון פוילן האָבן אונדז געצוווּנגען זיך ערנסטער צו פאַרנעמען מיט די ענינים פון אונדזער אַלטער היים, און סוף יאָר 1931 איז אין הויז פון יהושע גילדען פאַרגעקומען די ערשטע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אונדזער לויצקער „רעליף סאָסייטי אָף באַלטימאָר". די געגרינדעטע לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו טראָגן הילף די איבערגעבליבענע קרובים און נאָענטסטע אין דער אַלטער היימשטאָט לויצק און, צווייטנס — שאַפן פאַר די לויצקער אין באַלטימאָר אַ היימישע חברישע סביבה.

אין דער אויסגעוויילטער צייטווייליקער קאָמיסיע זענען אַריין: פאָרזיצער — סעם פּאָללאַק ע"ה, קאַסירער — פרענק ווייַנבערג ע"ה, און אלתר באַרדיטש אַלס פינאַנס־סעקרעטאַר און באַפולמעכטיקטער אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן די באַלטימאָרער לאַנדסלייט און דער היימשטאָט לויצק.

די געשאַפענע סאָסייטי האָט צוזאַמענגעשמידט די לויצקער אין באַלטימאָר. ביז דאַן זענען מיר געווען אָפּגעריסן איינער פון צווייטן. אַדאַנק איניקע טיכטיקע און ענערגישע לויצקער לאַנדסלייט, ווי בענע און סאָניע גרינבלאַט, יהושע גילדען, סעם און ראָזע פּאָללאַק, זשעק נודעל א. א., איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ לעבעדיקער און חברישער קאָנטאַקט צווישן די לויצקער אין באַלטימאָר.

אויף דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זענען, אויסער די אויבנאויסגערעכנטע פּערזאָנען, אויך אָנוועזנדיק געווען: משה פערעמיל און פרוי ברכה, אייזיק סעגאַל און פרוי קלאַראַ, דוד טיימאַן און פרוי לובאַ, אַדאָלף טיימאַן און פרוי דאָראַ, מענדל ווייַנשטיין און פרוי זעלדע, משה בערמאַן און פרוי יעטאַ, הערי און פרוי ציליע, בן־ציון ראָזענבלאַט און פרוי מינאַ.

פאַרשטענדלעך, אַז נישט אַלע לויצקער אין באַלטימאָר זענען געוואָרן מיטגלידער פון דער געשאַפענער סאָסייטי. פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען נאָך ביזן הייַנטיקן טאָג נישט צוגעשטאַנען צו אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט. אָבער די ווייט גרעסטע טייל האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער געשאַפענער לאַנדסמאַנשאַפט און איז טעטיק אויף פיל געביטן פון איר אַרבעט.

זשעק נודעל, וועלכער איז דער איצטיקער פּאָרזיצער פון אונדזער פאַראיין, מיט זיין פרוי; לואיס פערמיל אַלס קאַסירער און זיין פרוי בעטי אַלס האָספּיטאַלערין; סעם ווייַנטרויב, געוועזענער פאָרזיצער פון דער סאָסייטי און פון הילפס־פאָנד אין יאָר 1945, צוזאַמען מיט זיין פרוי סאָניע; זייערע חשובע עלטערן דוד און חוה ווייַנטרויב; מאָריס שניידער און פרוי ע"ה; טויבה שניידער און פרוי; זשעק שניידער און פרוי שוירלי — עקס־קאַסירער; אייב פיין און פרוי, רעקאָרדינג־סעקרעטאַר אין משך פון אַ סך יאָרן; זיין מוטער סאָסיע זשעק. אָט די אַלע אויסגערעכנטע האָבן אויף אַ פאַרשידנאַרטיקן אופן אַרויסגעוויזן אַן אַקטיווע טעטיקייט אין אונדזער סאָסייטי. אַפילו שוירלי גאָדל, וועלכער איז אַליין אַ סוויניר, בלויז געלערנט אין דער לויצקער ישיבה, האָט זיך אויך אַרייַנגעצויגן אין דער אַקטיווער אַרבעט לטובת אונדזער פאַראיין און געווען איניקע יאָר וויצע־פּאָרזיצער.

אין עטלעכע יאָר אַרום זענען צוגעקומען נאָך אַנדערע לויצקער לאַנדסלייט און זיך אַקטיוויזירט אין אונדזער פאַראיין. דאָס זענען: ברוך און שרה קעטש — ברוך איז הייַנט רעקאָרדינגס־סעקרעטאַר; זייער מוטער לאה מאַרליס; זשין און סיליע פייט — איצט וויצע־פּרעזידענט פון דער סאָסייטי; הערי און בעקי פּאָקס — קאָמיטעט־מיטגליד פאַרן שולבלאַט אין דער נ—ר ישיבה לזכר קדושי לוצק.

אין יאָר 1932 האָט מען לעגאַליזירט אונדזער פאַראיין און דער פינאַנס־סעקרעטאַר (דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות) האָט דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין שווער און שוואָגער, שלום־לייב און זיינוול גאַרבאַטש ע"ה, זיך פאַרבונדן מיטן רעדאַקטאָר פון דער „וואָלינער פרעסע" שמואל כאַזאַן ע"ה, און דורך זיין פאַרמיטלונג — מיט אַלע אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס אין לויצק. זינט דאַן איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ נאָרמאַלער קאָנטאַקט צווישן די לויצקער פון ביידע זייטן אָקעאַן.

אויף צו שאַפן אַ רעליף־פאָנד איז אין יאָר 1932 אָרגאַניזירט געוואָרן אַ שפּאַציר אויף אַ דאַמפער איבער די בלויע וואַסערן פון מערילאַנדס טשעסאָפּיל בעי. ס'זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן לאָטעריע־שפּילן, וועלכע האָבן אַרייַנגעבראַכט געלט פאַרן פאָנד.

אויף אונדזערע ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען און יערלעכע בעלער האָבן אונדז באַזוכט פון צייט צו צייט איניקע ניו־יאָרקער לאַנדסלייט, ווי פערל מאָראַנץ, ניסן פירער, מאָטי דימענט ע"ה, און מיין פאָטער יחיאל באַרדיטש; פון וואַשינגטאָן פלעגט צו אונדז קומען מיין קוזין הרב יהודה יואל, חייקע פּאַפּיר, יעקב און דבורה גרינשטיין א. א. ביי זיין ערשטן באַזוך האָט אונדז מאָטי דימענט באַקאַנט געמאַכט מיט דער טעטיקייט פון בית־לחם און בית־יתומים אין לויצק. מיר האָבן דאַן גלייך איבערגעשיקט פאַר די דערמאָנטע אינסטיטוציעס אַ באַשיידענע סומע, וועלכע מיר האָבן דאַן באַוויזן צו שאַפן.

דעם 26־טן פעברואַר 1933 איז פאָרגעקומען ביי אונדז

THE LUTZKER RELIEF SOCIETY 2-2-60
BALTIMORE, MARYLAND

דער ערשטער לויצקער רעליף־באַל אונטער דער אָנפירער־שאַפט פון אייזיק סעגאַל. אין באַל האָבן אָנטיילגענומען אַלע לויצקער לאַנדסלייט אין באַלטימאָר. דער דאָזיקער באַל איז אַדורך מיט אַ גרויסן מאָראַלישן און פינאַנסיעלן דערפאָלג. אַ באַריכט וועגן דעם איז איבערגעגעבן געוואָרן דער אָרטיקער פרעסע ווי אויך דער „וואָלינער פרעסע" דורך איר דעמאָלטדיקן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט. די געזאַמלטע סומע איז גלייך איבערגעוויזן געוואָרן צו זעקס יידישע אַנשטאַלטן אין לויצק.

אויפן זעלבן אופן זענען פאָרגעקומען אַלע יאָר־בעלער, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט די מיטלען, וואָס האָבן אונדז דער־מעגלעכט צו דערטיילן נאָרמאַלע פינאַנסיעלע הילף פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס אין לויצק:

בית־לחם, בית־יתומים, קוראַטאָריום פון יידישן שפּיטאָל, תלמוד־תורה, לינת הצדק, „טאָז", ביקור־חולים, גמילת חסדים, האַנטווערקער־פאַראיין און פרויען־פאַראיין נאָוואָסטראָיעניע — אויסער נאָרמאַלע באַשטייערונגען פאַר די נאַציאָנאַלע און אַנדערע קאָמפּיינס אין באַלטימאָר.

די צוגרייטונגען צו יעדן יערלעכן רעליעף־באַל האָבן פאַר־נומען ביי אַ דריי חדשים צייט. מ'האָט געדאַרפט זיך פאַרבינדן מיט די לאַנדסלייט און זייערע פרויען, זיי אַריינציען אין אָקטי־ווער מיטאַרבעט ביי די הכנות צום באַל. ס'איז אויך נייטיק געווען צוצוגרייטן דאָס געהעריקע מאַטעריאַל פאַרן זשורנאַל, וועלכן מ'האָט אַרויסגעגעבן צו דער געלעגנהייט. שאַפן פאַר אים אַנאָנסן און באַגריסונגען — אַפילו פון קריסטלעכע אינ־סטיטוציעס, מיט וועלכע איניקע לויצקער לאַנדסלייט זענען געשטאַנען אין האַנדלס־באַציונגען; דינגען אַ פּאַסיקן זאַל מיט טאַנץ־מוזיק; זיך פאַרבינדן מיט דער יידישער פּרעסע און מיט די ראַדיאָ־אוידיציעס; צוגרייטן אַ געהעריקן בופעט אויפן אָוונט — אונדזערע פרויען האָבן אַליין צוגעגרייט פאַרשידענע מעדנים און אויפן אָוונט זענען זיי געווען די פאַרקויפערינס. די אַלע, וועלכע לייגן אַריין זייערע באַמיונגען אין די יאָר־בעלער זענען פון זייער טעטיקייט צופרידן. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער יערלעכער באַל איז אַ געשעעניש פאַר די באַלטימאָרער יידן. די בעלער זענען שוין געוואָרן אַ טראַ־דיציע.

אין יאָר 1935, ווען דאָס קוראַטאָריום פון לויצקער יידישן שפּיטאָל האָט זיך צו אונדז געווענדעט נאָך דרינגענדיקער הילף אויפצושטעלן אין שפּיטאָל אַן אָפּטיילונג פאַר געווינערינס — איז גלייך געשאַפן געוואָרן די געהעריקע סומע. די דאָזיקע אָפּטיילונג איז טאַקע אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן נאָמען פון

אונדזער סאָסייטי, וועלכע האָט אויסגעשטאַט אַ גאַנץ צימער מיט בעטן. ס'איז אויך אַדורכגעפירט געוואָרן אַ זאַמל־אַקציע פון אַלטע קליידער. אין אָט דער אַקציע האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט די פרויען ראָזע פּאָללאַק, סאבער, סאָניע גרינ־בלאַט א. א. די געזאַמלטע קליידער זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין דער רעדאַקציע פון דער „וואָלינער פּרעסע" און זיי זענען דורך איר רעדאַקטאָר שמואל כאַזאַן ע"ה צעטיילט געוואָרן צווישן די לויצקער יידישע נויטבאַדערפטיקע.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען איבערגעריסן געוואָרן אַלע קאָנטאַקטן צווישן אונדז און דער היימשטאָט לויצק. אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין אַ תקופה פון צוגרייטונג צו דער מלחמה. אונדזערע קינדער זענען מאָבי־ליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי. אַלע עקאָנאָמישע רעסורסן זענען געשטעלט געוואָרן אין רשות פון דער הילף פאַר די אַלאירטע. דערפאַר איז אויך אונדזער געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייט צייטווייליק אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

מיר, די לויצקער לאַנדסלייט אין באַלטימאָר, פלעגן זיך פון צייט צו צייט פאַרזאַמלען אין אונדזערע פּריוואַטע הייזער און ווי אָנגעהעריקע צו איין משפחה — זיך געטיילט מיט די שרעק־לעכע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון יענער זייט ים, ווו ס'זענען איבערגעבליבן אונדזערע טייערסטע און נאָענטסטע. מיר האָבן געלעבט מיט דער איינציקער האָפענונג צו דערלעבן היטלערס מפּלה.

נאָכן נצחון איבער היטלערן איז אונטערן פאָרזיץ פון אונ־דזער אומדערמידלעכן געזעלשאַפטלעכן טוער סעם ווייַנטרויב געשאַפן געוואָרן אַן אַמערדזשענסי הילפס־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך דורך דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע געווענדעט צו אַלע לעבנגעבליבענע לויצקער יידן, אַז זיי זאָלן זיך וואָס שנעלער מיט אים שטעלן אין פאַרבינדונג.

אין גאָר אַ קורצער צייט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען הונ־דערטער בריוו פון געראַטעוועטע יידן פון לויצק. די בריוו זענען אַדורכגעלייענט געוואָרן אויף די קאָמיטעט־זיצונגען און באַגאָסן געוואָרן מיט הייסע טרערן צוליבן שרעקלעכן גורל, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק און אויך אונדזער אַלטע היימשטאָט לויצק. מיט אַ יידישן אימפּעט איז אָרגאַניזירט גע־וואָרן אַ שנעלע הילפס־אַקציע, אין וועלכער ס'האָבן זיך אַקטיוו אויסגעצייכנט אונדזערע אַקטיווע מיטאַרבעטער פון דער לויצקער סאָסייטי: סעם ווייַנטרויב, זשעק נודעל, סעם פּאָללאַק ע"ה, אַדאָלף טיימאַן, זשעק שניידער, לואיס פּערעמיל, טוביה שניידער, ברוך קעטש, זשיו פייט, זשעק גאָלד ע"ה, דער שרייבער פון די שורות — מיט אַקטיוון אָנטייל פון אַלע לויצקער לאַנדסלייט

און זייערע פרויען. קיין אייראָפּע זענען איבערגעשיקט געוואָרן שפּייז־פּאַקעטן, קליידער, געלט און מעדיקאַמענטן. מיר האָבן זיך אויך פאַרנומען מיטן אויפזוכן קרובים.

די טראַדיציאָנעלע בעלער זענען ווידער באַנייט געוואָרן. זיי זענען געוואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון אונדזערע באַמיונגען צו פאַרגרעסערן אונדזער הילפס־פאָנד. הילף איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין פאָלגנדיקע לענדער: פראַנקרייך, איטאַליע, יאַפּאַן, שוועדן, דייטשלאַנד, עסטרייך און פוילן. פאַר די לעצטע 11 יאָר ווערט אונדזער הילף געשיקט קיין ישראל צו פּריוואַטע לאַנדסלייט אין דער פאָרם פון געלט, שפּייז־פּאַקעטן און מעדיקאַמענטן.

אין יאָר 1954 האָבן מיר, אין פאַרבינדונג מיט דער ניו־יאָרקער סאָסייטי, אַריבערגעבראַכט פון ישראל קיין אַמעריקע אונדזערע חשובע לאַנדסלייט, די אָנערקענטע קינסטלער חיים און שרה פערשקאָ מיט זייער פריינדין עלזאַ. זיי זענען אויפגעטראָטן פאַר מיליאָנען צושויער אין טעלעוויזיע און אויף פאַרשידענע קאָנצערטן. זיי האָבן באַוויזן זיך איינצושאַפן אָנערקענונג אין די קינסטלערישע קרייזן אויך אין קאַנאַדע און אין מעקסיקע.

מיר זענען שטאָלץ צו זיין פאַרבונדן מיט דער געשאַפענער דורכן ארגון יוצאי לוצק אין ישראל — קופּת גמילת חסדים ע״ש קדושי לוצק. מיר ווילן האָפן, אַז דער אָנגעבונדענער קאָנטאַקט וועט פיל העלפן ממשיך צו זיין אונדזער איבערגעגעבענע אַרבעט לטובת הכלל.

מיר דאָ, אין באַלטימאָר, האָבן באַשלאָסן צו פאַראייביקן דעם הייליקן אָנדענק פון אונדזערע קדושים דורך אַריינמויערן אַ בראָנדזענעם טאָוול אין דער ישיבה נר ישראל ראַביניקל, וועלכע געהערט צו איינע פון די באַרימטסטע ישיבות אין אַמעריקע און קאַנאַדע. אויף אָט דעם אָנדענק־טאָוול וועלן זיך אייך געפינען די נעמען פון די פאַרשטאָרבענע לאַנדסלייט, די בויער און שאַפער פון אונדזער סאָסייטי. יעדעס יאָר וועט אין דער דערמאָנטער ישיבה אָפּגעהאַלטן ווערן אַן אזכרה מיטן אָנטייל פון באַוווסטע רבנים.

לײדער ווערט אונדזער סאָסייטי נישט פאַרגרעסערט, נאָר, פאַרקערט, פאַרקלענערט. קיין יונגע כוחות קומען נישט צו. אָבער דאָס קליינע הייפעלע איבערגעבליבענע לאַנדסלייט וועט זיכער נישט אָפּשטיין אין איר אַרבעט און ווייטער פאָרזעצן איר וויכטיקע טעטיקייט.

1960

מ. שטערנפעלד / קאַנאַדע

לויצקער יידן אין פּאָרטוגאַל

אין יאָר 1932 האָב איך פאַרלאָזט מיין היימשטאָט לויצק און זיך געלאָזט אין פרעמדע לענדער, מיט אַנדערע זיטן, מנהגים, שפּראַך און קלימאַט. דאָרט האָב איך זיך אויך צוזאַמענגעטראָפן מיט נאָך לויצקער יידן עמיגראַנטן און צוזאַמען געטיילט די ליידן און פריידן אין די נייע באַדינגונגען.

אין פּאָרטוגאַל האָט זיך געפילט די אַנדערשקייט אומעטום. אין רעסטאָראַן האָט מען זיך אַנדערש, ווי ביי אונדז אין לויצק, געמוזט ווענדן צום קעלנער. דאָס זעלבע — אין דער באַציונג כלפּי פרויען, וועלכע מ׳האָט בכלל נישט געטראָפן אין גאַס אָן אַ באַגלייטער. אָט די משונהדיקע מנהגים האָבן זיך אַ נייַ אָנגעקומענעם שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן. אָבער אַדאַנק דער קליינער דאָרטיקער יידישער קאָלאָניע — און אין דער ערשטער ריי איניקע לויצקער יידן, וועלכע זענען געקומען מיך אויפנעמען — איז מיר ווי עס איז דערלייכטערט געוואָרן זיך צו אַקלימאַטיזירן.

די ערשטע לאַנדסלייט, וועלכע זענען געקומען מיך באַזוכן אויף דער אויפנאַמע, וואָס מיין ברודער האָט פאַר מיר איינגעאָרדנט, זענען געווען אַזעלכע באַקאַנטע ווי י. מ. שטשערבאַטע, חיים וואַלדמאַן, זיין זון יוסף, אלתר צימערמאַן, יוסף שטודען, מאָטל קאַרדאַש, כאַסקל זינדליום, דוד קיט, יוסף קאָפּייקע, ברוך מינדעלעס, זיין זון אשר, לייב עקבער, מעכל בוימל, גערטנער און דיקשטיין. דער דאָזיקער אָוונט איז געווען פאַר מיר אַן אָנגענעמע איבעראַשונג, ווייל טרעפנדיק זיך מיט אַזויפיל היימישע מענטשן, האָב איך זיך ווידער ווי דערפילט אין לויצק אויף מצרים־גאַס, וווּ מ׳האָט יעדע רגע זיך געטראָפן מיט אַן אַנדער פריינד, אָדער באַקאַנטן.

ליסאַבאָן איז אַ שיינע און מאָדערנע שטאָט. דער ייד אין אונדז האָט אָבער נישט געלאָזט פאַרגעסן, אַז אין דער זעלבער שטאָט האָט די אינקוויזיציע איבער די יידן געפייערט אירע גרעסטע נצחונות. אָט פונקט אין צענטער פון שטאָט, אויף דער ראָקיאָ־גאַס, וווּ ס׳געפינט זיך היינט דאָס נאַציאָנאַלע טעאַטער, איז נישט איינמאָל אויפגעשטעלט געוואָרן אַן „אויטאָ־דאַ־פע״, אויף וועלכן מ׳האָט פאַרפייניקט פיל יידישע אנוסים, באַשולדיקטע אינעם שרעקלעכן „פאַרברעכן״, אַז זיי היטן אָפּ די יידישע מנהגים. מען שפּאַצירט איבער די גאַסן פון ליסאַבאָן, וווּ מ׳באַגעגנט מענטשן, ענלעכע צו אונדזערע יידן אין בערדיטשעוו, אָדער אין וואַרשע, מוז מען אַ טראַכט טאָן, אַז דאָס זענען אפשר די אָפּשטאַמיקע פון די אַמאָליקע מאַראַנען.

לאַנג טראַכטן וועגן דעם איז נישטאָ קיין צייט. די טאָג־

טעגלעכע זאָרגן פאַרשלינגען דעם נײ־אָנגעקומענעם. ביסלעכווײז האָב איך אויפגעשטעלט פאַר מיר אַ נײַע הײם, װעלכע האָט זיך, אין די צײַטן פון דער פאַרשטאַרקטער היטלעריסטישער אַגרעסיע און יידנפאַרניכטונג, אַרויסגעוויזן אַלס אַ גן־עדן התחתון. פּאָרטוגאַל האָט זיך נישט געלאָזט אַרײַנשלעפּן אין היטלערס אַוואַנטוריסטישע פּלענער און געבליבן נײטראַל. זענען דעריבער דאָרט ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט טויזנטער יידן, אַנטלאָפענע פון פראַנקרײַך, בעלגיע און האָלאַנד.

צוליב דעם, וואָס גאַנץ אייראָפּע איז געווען אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זענען פאַרניכטעט געוואָרן — האָט דער „דזשאָינט", וואָס זײַן פריערדיקער זיץ־אָרט איז געווען אין פּאַריז, זיך איבערגעטראָגן קיין ליסאַבאָן, און אַזוי אַרום ווײַטער געקאָנט פאָרזעצן זײַן הילפס־טעטיקייט לטובת די געקומענע פּליטים. מיט דער הילף פון אונדזערע אַלט־אײַנגעזעסענע תושבים, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ כשרע קיך, ווו די נײַ־געקומענע האָבן באַקומען אומזיסטע מיטאָגן.

די וועלכע זענען געקומען קיין פּאָרטוגאַל מיט עטלעכע יאָר פריער, האָבן זיך שוין געהאַט עקאָנאָמיש פאַרפעסטיקט. זיי זענען אַרײַן אין האַנדל, פאַבריקס־וועזן, אָדער זיך פאַרנומען מיט עקספּאָרט־אימפּאָרט ענינים. האָט מען זיך שוין אויך אָנגעהויבן זאָרגן וועגן רוחניות. ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אַכשנזישע שול אינעם קוואַרטאַל ווו יידן האָבן זיך באַזעצט. די ספרדישע יידן האָבן פאַרמאָגט אַ שײנע סינאַגאָגע, אָבער זי האָט זיך געפונען אין אַ ווײַטער געגנט און זײַערע תפילות זענען נישט געווען ענלעך צו אונדזערע. ס'איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ קלוב פאַר דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „חבר". אַ געוויסער הער קאַנטאָר האָט פּרובירט צו אָרגאַניזירן אַ ברית־ציון אָרגאַניזאַציע, אָבער מ'האָט דערשמעקט, אַז ער איז אַ רעוויזיאָניסט און זײַן אויפגאַבע איז נישט דערפילט געוואָרן.

לויט מײַן איניציאַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידיש־פּוילישער פאַרבאַנד, וועלכער האָט אַ לאַנגע צײַט אָנגעפירט מיט דער קולטורעלער טעטיקייט צווישן יידן אין ליסאַבאָן. מיר האָבן געשאַפן די ערשטע יידישע ביבליאָטעק אין ליסאַבאָן. די ערשטע 200 יידישע ביכער האָבן מיר אײַנגעקויפט אין אַמעריקע. מיר האָבן אײַנגעאָרדנט פאַרשידענע רעפעראַטן און אויך אָרגאַניזירט פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונגען. אונדזער פאַרבאַנד איז אַ לאַנגע צײַט געווען דער אַדרעס פאַר פאַרשידענע יידישע שליחים פון אַמעריקע, ישראל א.א.וו. דער פּרעזידענט פונעם פאַרבאַנד, ה' משה ריטען, איז געווען אַ לוצקער. אַ געטרײַער ציוניסט. מיר האָבן אַדורכגעפירט פאַרשידענע הילפס־אַקציעס פאַר ישראל און אויך געשיקט קיין פּאַריז מלבושים פאַר יידישע אָפּגעראַטעוועטע קינדער, און שיך קיין איטאַליע — אין די דאָרטיקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו יידן זענען געווען.

מיט אײן וואָרט: יידן זענען, אין אַן עת צרה, נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און געהאָלפן מיט אַלעם מעגלעכן זײַערע ברידער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין היטלעריסטישן קלעם. באַזונדערס האָבן זיך אויף דעם דאָזיקן געביט אויסגעצייכנט לוצקער לאַנדסלײַט. די ערשטע גבאים אין דער אשכנזער שול זענען געווען די לוצקער לאַנדסלײַט חיים וואַלדמאַן און ברוך מינדעלעס.

אין דער מלחמה־צײַט האָב איך באַקומען פון שאַנכײַ אַ בריוו פון עטלעכע לוצקער יונגעלײַט, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די צוויי זין פון הרב סאָראָטשקין, יעקב עדערמאַן און אַ זון פון זבולון פּערקאַל. זיי האָבן דאַן געבעטן הילף. מיר האָבן באַלד אָרגאַניזירט אַ הילפס־אַקציע, זיי אַרויסגעשיקט אײניקע מאָל געלט. לויט דעם, וואָס זיי האָבן מיר דאַן געשריבן, איז די מאַטעריעלע הילף, וואָס זיי האָבן באַקומען פון זײַערע לוצקער לאַנדסלײַט געווען נישט אַזוי פון מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט וויכטיק, ווי פון מאָראַלישן. זיי האָבן זיך ווידער דערפילט, אַז זיי זענען נישט פאַרבליבן פאַראײנזאַמט.

באַקומענדיק די ערשטע ידיעות וועגן די געטאָס, היטלער־לאַגערן און גאַז־קאַמערן האָבן מיר ווי נישט געגלויבט אין דעם אַלעמען. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ באַרבאַריזם איז אויסגעפירט געוואָרן אין אונדזער צײַט. לײדער האָט זיך אַלץ באַשטעטיקט. ס'איז אונדז באַפאַלן אַ שרעק, ווען מיר זענען געוואָר געוואָרן, אַז די דײַטשן בויען אין ליסאַבאָן אַזעלכע כעמישע לאַבאָראַטאָריעס, וואָס זײַער ציל איז גאַז־קאַמערן. די פּאַניק צווישן דער יידישער קאָלאָניע אין ליסאַבאָן איז דאַן געוואָרן גרויס. האָט דעריבער יעדער געוואָלט פאָרן וווהין ער האָט געקאָנט. מ'האָט זיך באַמיט וואָס שנעלער אַרויסצובאַקומען אַ פּאַספּאָרט מיט אַ וויזע און זיך אָפּטראָגן פון דער פאַרפעסטעטער אייראָפּע. זעט אויס, אַז ס'איז געשען אַ נס און די דײַטשן האָבן נישט באַוויזן אַרײַנצומאַרשירן קיין פּאָרטוגאַל און אַזוי אַרום זענען די יידן אין פּאָרטוגאַל ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

מיטן סוף פון קריג האָט זיך די יידישע קאָלאָניע אין ליסאַבאָן אָנגעהויבן שטאַרק פאַרקלענערן. יידן האָבן אָנגעהויבן אויסוואַנדערן פון פּאָרטוגאַל — ווער קיין אַמעריקע, ווער קיין ישראל און ווער קיין לאַטײַן־אַמעריקע. האָבן אויך אײניקע לוצקער עמיגרירט. די דאָזיקע עמיגראַציע האָט שוין נישט געטראָגן קיין פּאַנישן כאַראַקטער, ווי אין די מלחמה־טעג, ווען מ'האָט נאָר אין זינען געהאַט צו ראַטעווען די נשמה פון די היטלעריסטישע נעגל.

דער יידישער ישוב אין ליסאַבאָן בעת דער מלחמה איז געווען זײער אַ קלײנער — ער האָט נישט געציילט מען ווי טויזנט נפשות. אָבער פּליטים זענען געווען מען ווי 10 טויזנט. און אַלע זענען דאַן געראַטעוועט געוואָרן פון די היטלעריסטישע נעגל און פון הונגער־טויט.

לויצקער אין די פאַראייניקטע שטאַטן

פערל מאַראַנץ

פערל מאַראַנץ איז איינע פון די פּאָפּולערסטע און איידלסטע געשטאַלטן פון לויצקער יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זי ווערט מיט רעכט אָנגערופן „די מוטער פון די לויצקער אין ניו־יאָרק". זי קאָן אויך מיט רעכט אָנגערופן ווערן איינע פון די פּיאָנערן פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון די לויצקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו־יאָרק.

געבוירן אין קאָוועל, איז זי געקומען קיין לויצק נאָך אַלס קינד. דאָרט האָט זי געהייראַט מיט אלעזר מאַראַנץ, אַ זון פון אַן אַלטער און פאַרצווייגטער משפחה. נאָך אַ געוויסער צייט עמיגרירט אלעזר קיין אַמעריקע, אַ קורצע צייט נאָך דעם פאָרן אויך אַוועק די 2 עלטערע טעכטער.

אין 1910 פאַרלירט זי פּריציייטיק די טאָכטער ליזאַ אין לויצק און דעם מאַן אלעזר אין אַמעריקע.

פערל נעמט זיך אָן מיט מוט, און מיט אייגענע מיטלען לאָזט זי זיך אַוועק קיין אַמעריקע מיט אירע 4 קינדער און 2 אייניקלעך יתומים. זי מאַכט דאָרט דורך אַן אומגעהויער שווערע צייט; זי ווייזט אָבער אַרויס ממש מעשים פון גבורה. אַליין, מיט אירע אייגענע כוחות, באַווייזט זי נישט בלויז צו דערנערן אירע 6 קינדער, נאָר אויך זיי געבן בילדונג — אַ זאַך, וואָס אין יענע יאָרן איז עס געווען נישט אַזוי לייכט. אָבער נאָך מער איז כדאי אונטערצושטרייכן, וואָס שוין אַפילו דאַן געפינט זי צייט און כוח זיך אָפּצוגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צווישן די לויצקער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק. כמעט יעדער לויצקער אימיגראַנט האָט ביי פערל מאַראַנץ געפונען אַ היים, אַ טרייסט, הילף, דערמוטיקונג — ביז יענער האָט זיך געשטעלט אויף אייגענע פיס.

איר הויז ווערט אַ צענטער פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג פון די לויצקער אין ניו־יאָרק. אין איר הויז ווערן אָרגאַניזירט און געפירט אין משך פון אַ לענגערער צייט די פאַרשידענע לויצקער אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, ווי צום ביישפּיל: די „סאָסייטעס", דער „לויצקער ברענטש אַרבעטער־רינג", דער „רעליף־קאָמיטעט" א.א.וו. אירע קינדער זענען איר בייהילפיק אין דער אַרבעט און איבערגעגעבן די לויצקער ענינים.

נאָך איר צוריקקער אין יאָר 1935 פון אַ באַזוך אין לויצק פאַרשטאַרקט זי נאָך מער איר טעטיקייט צווישן די לאַנדסלייט אין אַמעריקע לטובת די נויטליידנדיקע אין דער אַלטער היים.

אין דער אַרבעט פון שיקן פעקלעך אין פאַרשידענע לאַ־גערן, און אויך קיין ישראל, העלפט איר דער זון יוסף. אָבער אַלע קינדער העלפן איר זאַמלען קליידער, שפּייז און געלט. צום מערסטן צייכנט זיך אויס די גאָר געראָטענע טאָכטער ראַזלין. זי העלפט מיט גרעסערע סומען געלט פאַר דער קאַסע און אויך פאַר דעם בוך.

אָט די איבערגעגעבענע טעטיקייט פון פערל מאַראַנץ דויערט שוין איבער 50 יאָר.

סעם (שלמה מאיר) גוז ע"ה

געבוירן אין לויצק אין יאָר 1897. געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער. אַ קורצע צייט נאָך זיין קומען ווערט ער אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער ערשטער לויצקער סאָסייטי, וווּ ער ווערט אויסגעטיילט אַלס איר פאָרזיצער אין משך פון דריי קאָ־דענצן. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה ווערט ער אַקטיוו, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע לויצקער לאַנדסלייט, אינעם אויפ־געלעבטן רעליף־קאָמיטעט. ער העלפט שאַפן גרעסערע פאָנדן, אַדאַנק וועלכע ס'איז געוואָרן מעגלעך אַרויסצושיקן אַ באַדייטנ־דיקע הילף דער געראַטעוועטער שארית־הפליטה פון לויצק. ער העלפט שיקן הילף אין די ד.פּ. לאַגערן און קיין פּוילן. ס'ווערן געשיקט פיל קליידער־פּאַקעטן, עסנוואַרג און אפילו תשמישי־קודש. אין סאַמע מיטן ברען פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטי־קייט ווערט ער אין יאָר 1951 פון אונדז אַוועקגעריסן.

דער פאַרשטאָרבענער האָט אַריינגעשריבן אַ הערלעך בלעטל אין דער געשיכטע פון די לויצקער כלל־טוער אין אַמעריקע.

יעקב גרינשטיין ע"ה

געבוירן אין לויצק אין יאָר 1885. באַקומט אַ יידישע טראַ־דיציאָנעלע דערציונג און לערנט זיך אויס אַ פאַך, טיפּאָגראַף. האַרט פאַרן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג פאָרט יעקב אָפּ קיין אַמעריקע, אין זיין פרוי, דבורה, מיט די צוויי קינדער בלייבן איבער אין לויצק. אין יאָר 1920 געלינגט אים זיי אַראָפּ־צוברענגען קיין אַמעריקע. אין יאָר 1932 ווערן יעקב מיט זיין פרוי טעטיק אין „לויצקער לחם־עניים־קאָמיטעט", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין זייער וווינונג. דבורה ווערט די פּראָטאָ־קאָל־סעקרעטאַרין, און ער ווערט אויסגעוויילט אַלס קאַסירער. יעקב איז אַ מיטגליד פונעם לויצקער פינפטלינג: ב. פּאָרער, ס. זינגער, י. גרינשטיין, י. באַרענבוים און ג. פירער, וועלכע פאָרן אַרום יעדן זונטיק, יאָר־איין, יאָר־אויס, באַזוכן די לויצקער לאַנדסלייט און זאַמלען געלט פאַרן רעליף ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה.

יעקב גרינשטיין איז געשטאָרבן אין יאָר 1955, ווינטערצייט.

בנימין פידעל ע"ה

אַ לויצקער געבוירענער פון אַ באַלעבאַטישער היים. קומט אין די לעצטע יאָרן פאַרן ערשטן וועלט־קריג קיין אַמעריקע. לערנט זיך אויס אַ פאַך ביים נייען קינדער־קליידער. ווערט קראַנק און מוז פאַרלאָזן זיין פאַך. ער ווערט דאַן אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט. אין יאָר 1932 ווערט ער טעטיק אין דער „לויצקער לחם־עניים־סאָסייטי". פאַרנאַכלעסיקט דערביי זיינע אייגענע ביזנעס און גיט זיך אָפּ דער אידעע פון שאַפן הילף פאַר זיינע אומגליקלעכע לויצקער לאַנדס־לייט אין לויצק.

ער ווערט שטאַרק קראַנק און שטאַרבט אין יאָר 1951. די סאָסייטי שטעלט אים אויף אַ מצבה.

יוסף (דזשאָי) ראַט ע"ה

געבוירן אין לויצק אַרום יאָר 1872. אַ זון פון דעם לעגענדאַרן שלמהלע רויטער, דעם „ניקאָלאַיעווער" סאָלדאַט (פאַרשלעפּט געוואָרן אַלס קינד ערגעץ קיין טיף רוסלאַנד און צוריקגעקומען נאָך 25 יאָר אָפּדינען דעם צאַר; נישט קענענדיק קיין יידיש, דאָך אויפגעהאַלטן זיין יידישקייט). יוסף ראַט קומט קיין אַמעריקע אין די יאָרן 1903־4. לערנט זיך אויס אַ פאַך: שטובן־מאַלעריי. אַ מענטש מיט אינטעליגענץ, בקי אין די „קליינע אותיות", מיט אָראַטאָרישע פעיקייטן, ווערט ער גאָר שנעל אַ פירנדיקע קראַפט צווישן די לויצקער אין ניו־יאָרק. איז אַקטיוו לטובת זיינע לאַנדסלייט, וואָס געפינען זיך אין אַמעריקע, שטענדיק גרייט צו העלפן אַ פריינד אין נויט. איז ספּעציעל טעטיק געווען נאָכן צווייטן וועלט־קריג און געוואָרן פאַרזיצער פון צוריק אויפגעלעבטן לויצקער רעליף־קאָמיטעט. די 50 יאָר טעטיקייט צווישן זיינע לויצקער לאַנדסלייט, מאַכן אים שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט.

געשטאָרבן אין יאָר 1952.

מאָטי (מרדכי) דימענט ע"ה

געקומען פון לויצק קיין אַמעריקע אין יאָר 1932. נישט צוליב נויט, נאָר אין שליחות פון זיינע הונגעריקע ברידער און שוועסטער, וואָס זענען איבערגעבליבן אין לויצק. פון פאַך — אַ זייגערמאַכער. באַלד דעם צווייטן טאָג נאָך זיין אָנקומען זוכט ער אָפּ עטלעכע לויצקער ווי: שיקע זינגער, יוסף בלושטיין, דבורה און יענקל גרינשטיין, בנימין פידעל א.א. און גייט צוזאַמען מיט זיי פון טיר צו טיר זוכן לויצקער און שאַפן באַלדיקע הילף פאַר די וואָס נייטיקן זיך אין איר. נאָך לאַנגע באַמיונגען איז דער איניציאַטיוו־גרופּע געלונגען צו רופן די ערשטע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און שאַפן די „לויצקער לחם־עניים־סאָסייטי", וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שיקן הילף דעם „בית־לחם" אין לויצק. אַ יאָר צייט דויערן זיינע מיפּולע לייסטונגען, כדי צו קאָנצענטרירן די הילפס־אַרבעט אין איין גוט אָרגאַניזירטער הילפס־אָרגאַניזאַציע. דאָס געלינגט אים סוף כל סוף און צוזאַמען מיט דער הילף פון דעם „לויצקער אַרבעטער־ברענטש" ווערט טאַקע די דאָזיקע טעטיקייט פיל אויסגעברייטערט.

אין יאָר 1938 קומט ער אויף אַ באַזוך קיין לויצק. ער ווערט דאָ שטאַרק באַאיינדרוקט פון די צרות און דער הערשנדיקער נויט אין דער אַלטער היים און באַמיט זיך, צוריקקומענדיק קיין אַמעריקע, צו באַווירקן זיינע לאַנדסלייט.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלט־קריג, האָט ער זיך שטאַרק איבערגענומען מיט די צרות, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן אויף די קעפּ פון זיינע איבערגעבליבענע ברידער און שוועסטער אין דער אַלטער היים. ער איז זייער קראַנק געוואָרן. ווען כ'האָב אים באַזוכט אין שטאָטישן שפּיטאָל, אין ברוקלין, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גרויסע זאָרג וועגן די יידן אין לויצק.

— ווער ווייסט — האָט ער געזאָגט — צי ס'איז נאָך עמעצער איבערגעבליבן ביים לעבן נאָכן היטלעריסטישן גיהנום? און צי וועט מיך נאָך עמעצער געדענקען?

יאָ, מיר וועלן אַזאַ טייערן חבר און פריינד נישט פאַרגעסן!

סעם (שיקע) זינגער ע"ה

סעם זינגער ע"ה איז געבוירן אין לויצק אין יאָר 1879. איז געקומען קיין אַמעריקע מיט דער פאַמיליע אין יאָר 1903. זיינע קינדער האָבן ביי אים באַקומען אַ יידישע דערציונג. שיקע איז אַלע יאָרן געווען אַקטיוו אין לויצקער געזעלשאַפטלעכן לעבן. געווען אַ מיטגליד אין „ערשטער לויצקער סאָסייטי" זיינע אַלע 48 יאָר, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אין אַמעריקע. אין יאָר 1932 זייער טעטיק אין דער „לחם־עניים־סאָסייטי פאַר לויצק". פון דערמאָנטן יאָר און ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג איז ער דער שטענדיקער פאַרזיצער פון דער דאָזיקער סאָסייטי. נאָכן קריג ווערט ער ווידער טעטיק אינעם אויפגעלעבטן רעליף־קאָמיטעט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. זייער פיל צייט ווידמעט ער דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אַרום דער הילפס־אַרבעט פאַר די לויצקער, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

מ. גייער / בראַזיל

לויצקער אין סאַן־פּאולאָ

אין די יאָרן פון צווייטן און דריטן יאָרצענדליק פון הייַנטיקן יאָרהונדערט, האָט זיך פאַרשאַרפט דער עקאָנאָמישער קריזיס צווישן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן אויף די פּוילישע קרעסן. צווישן אַנדערע איז עס אויך געווען אַ רעזולטאַט פון דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק פון דער פּוילישער סאַנאַציע־רעגירונג, וועלכע האָט זיך באַמיט, מיט אַלע מיטלען, וואָס זענען געשטאַנען צו איר דיספּאָזיציע, אַרויסצושטויסן די יידן פון די פאַרנומענע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, נישט געבנדיק די אַרויסגעשטויסענע קיין מעגלעכקייט איבערצוגיין צו אַנדערע פּרנסה־קוועלן. יידן אין וואָלין זענען געווען שטאַרק פאַרטראָטן אינעם תבואה־מסחר. מ׳האָט ביי די אָרטיקע פּויערים אויפגעקויפט זייער תבואה, בכדי זי דערנאָך צו שיקן מעבר לים. צוליב די אומגעהויערע גרויסע שטייערן, וועלכע האָבן זיך, מיט זייער שווערקייט, געלייגט אויף די שוואַכע פּלייצעס פונעם קליינהענדלער און דערמיט אים אוממעגלעך געמאַכט די ווייטערדיקע עקזיסטענץ, זענען יידן געווען געצוווּנגען ווידער צו נעמען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט און אויסוואַנדערן פון דער אַלטער היים אין די פרעמדע לענדער, ווו זיי האָבן געהאָפט צו באַקומען אַ מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַ דערטרעגלעך לעבן פאַר זיך און דער משפחה.

אין יענע יאָרן איז געווען נישט שווער צו באַקומען אַ וויזע קיין בראַזיל, האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג פון קליינהענדלער קיין בראַזיל. אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן האָט זיך אין בראַזיל אָנגעהויבן באַווייזן אַ גאָר נייער איינוואַנדערער: ס׳זענען קיין בראַזיל געקומען פיל געזעלשאַפטלעכע טוער פון לויצק און אומגעגנט, וועלכע זענען געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זייער היימשטאָט צוליב פּאָליטישע טעמים. די פּאָליטישע רדיפות פון די סאַנאַטאָרישע מאַכט־אָרגאַנען כלפּי אַנדערש־דענקענדיקע מענטשן האָבן זיך פאַרשטאַרקט און צוזאַמען דערמיט האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט די עמיגראַציע פון דאָזיקן געזעלשאַפטלעך־אַקטיוון עלעמענט.

מיט איין וואָרט: די אַנטיסעמיטישע כוואַליע, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו פאַרכאַפּן גאַנץ סאַנאַציע־פּוילן, האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט. ספּעציעל האָט זיך אָט די כוואַליע אויסגעגאָסן אויף די א. ג. פּוילישע קרעסן, ווו די געזעלשאַפטלעכע מאַסן־באַזע פאַר דער הערשנדיקער סאַנאַציע איז געווען זייער אַ שמאָלע, ווייל די ווייט־גרעסטע טייל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע איז דאָך באַשטאַנען פון די אוקראַיִנער און ווייסרוסן, איז געווען פייַנטלעך געשטימט כלפּי די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען. האָט די הערשנדיקע קליקע געהאָפט מיט דער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע צוצוציען אויף איר זייט פיל אַנטיסעמיטיש־געשטימטע עלעמענטן, בכדי זיי איינצושפּאַנען אין איר מלוכה־רייטוואָגן און מאַכן פון זיי אַ געווער פאַר אירע אינטערעסן. דאָס איז איינס.

צווייטנס, האָט זיך דער פּאָליטישער טעראָר ספּעציעל פאַרשטאַרקט אויף די קרעסן און אָנגענומען מאַקאַברישע פאָרמען, וועלכע האָבן ממש געשטיקט די לופט און נישט דערמעגלעכט דעם געזעלשאַפטלעך־אַקטיוון עלעמענט נאָרמאַל צו אָטעמען.

זענען דעריבער יידן, פון אַלע שיכטן אין לויצק, מאַסנווייז געלאָפן פון זייערע היימען. אין די בראַזיליאַנער שטעט האָבן זיי נישט אָנגעטראָפן אויף קיין איבעריק גוטע באַדינגונגען. דער אַרבעטס־לוין איז געווען אַ זייער נידעריקער און האָט נישט געקלעקט פאַר אַ געהעריקן לעבנס־ניוואָ. דער נידעריקער לוין איז געווען צוגעפּאַסט צו די מינימאַלע באַדערפעניש פונעם אָרטיקן בראַזיליאַנער אַרבעטער, אָבער נישט פאַרן עלעמענט, וועלכער איז אָנגעקומען קיין בראַזיל מיט אַ גענוג גרויסן באַגאַזש פון קולטורעלע און פּריוואַטע באַדערפענישן. פאַכלייט האָבן זיך טאַקע נישט געקאָנט איינאָרדענען ביי זייערע פאַכן. זענען דעריבער יידן געווען געצוווּנגען זיך צו נעמען צו פּעדלעריי — אַ צווייג, ווו ס׳זענען נאָך געווען געוויסע מעגלעכקייטן צו פאַרדינען, זיך איינאָרדענען און אויך בייהילפיק זיין דער איבערגעבליבענער פאַמיליע אין דער אַלטער היים.

אין דער גרויסער שטאָט זענען די נייע אימיגראַנטן געווען געצוווּנגען צו וואַנדערן יעדן טאָג פון טיר צו טיר און אָנקלאַפּן און אָנבאָטן זייער סחורה די אָרטיקע איינוווינער. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע, ממש אַ קאַטאָרזשנע, ווייל די סחורה האָט מען געמוזט טראָגן מיט זיך, אויף די אַקסל און אין די הענט. די סחורה האָט מען געגעבן אויסצוצאָלן אויף לאַנגטערמיניקע ראַטעס.

האָבן פיל פון די נייע פּעדלערס פאַרשאָלטן זייער באַשלוס צו קומען קיין בראַזיל. ווען זיי וואָלטן געוווּסט, אַז זיי וועלן זיך אָנטרעפן אויף אַזעלכע שווועריקייטן, וואָלטן זיי זיך זיכער געווען אָפּגעהאַלטן פון עמיגרירן. פיל האָבן דעריבער פאַרלאָזט די גרויסע שטאָט און זיך איבערגעטראָגן אויף דער פּראָווינץ אין די קליינע שטעט און שטעטלעך, ווו זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אינעם מסחר, אויף בעסערע באַדינגונגען, ווי אין סאַן־פּאולאָ. דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ מעגלעכקייט אויפצופּעפּנען זיך געשעפטן און האַנדלען. זיי האָבן געבראַכט סחורה פון ריאָ־דע־זשאַנעירע, אָדער סאַן־פּאולאָ און מיט דער צייט זיך עקאָנאָמיש נישקשהדיק פאַרפעסטיקט. אויך דאָרט, אויף דער פּראָווינץ, איז דער האַנדל געווען באַזירט אויף באָרג, און דאָס — אויף לאַנגטערמיניקע ראַטעס. די לעבנס־באַדינגונגען אויף דער פּראָווינץ זענען געווען זייער אָפּ־

געשטאַנענע. נישט געווען קיין עלעקטרישע באַלייכטונג און נישט קיין וואַסער־לייטונג. מ׳האָט אָבער די דאָזיקע שוועריקייטן אָנגענומען פאַר ליב צוליב איין און איינציקן טעם: די פּרנסה־קוואַלן זענען געווען פיל לייכטערע ווי אין דער גרויסער שטאָט און האָבן דערנענטערט דעם מאָמענט, אַז מ׳זאָל קאָנען אַראָפּ־נעמען די אייגענע פאַמיליעס, נאָך וועלכע מ׳האָט שטאַרק געבענקט און וועלכע האָבן זיך שטאַרק גענייטיקט אין זייערע באַשפּייזער, וואָס האָבן זיי פאַרלאָזט.

און אַז מ׳האָט שוין יאָ אַראָפּגעבראַכט די פאַמיליעס אין די בראַזיליאַנער קליינע שטעט און שטעטלעך, ווו ס׳זענען נישט געווען נישט קיין ברוקירטע גאַסן און אַלץ איז געווען אַזוי נישט־צוגעפּאַסט צו די נאָרמאַלע באַדערפענישן פון אַן אייראָ־פּעישן מענטשן, זענען אַנטשטאַנען נאָך אַנדערע שוועריקייטן. די פאַמיליעס האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פרעמדער פאַר זיי סביבה, מיט וועלכער מ׳האָט אַפילו זיך נישט געקאָנט פאַר־שטענדיקן. אין די דאָזיקע שטעטלעך זענען ביז דאַן נישט געווען קיין יידן. די נייע אימיגראַנטן האָבן נישט געקענט די אָרטיקע פּאָרטוגעזישע שפּראַך און זיי זענען געווען צעוואָרפן איבערן גרויסן בראַזיליאַנער שטח צו צוויי־דריי משפחות אויף אַן אָרט, פיל מאָל אויך צו איין יידישער משפחה אין אַ שטעטל. איז אויב מיט דער פּרנסה־פראַגע איז שוין געווען מער־ווייניק אין אָרדענונג, איז מיט דער מענטשלעך־געזעלשאַפטלעכער זייט געווען זייער און זייער טראַגיש. ס׳איז פּשוט נישט געווען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן.

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד, וואָס האָט מיט מיר פּאַ־סירט באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין בראַזיל, אין סאַן־פּאַולאָ. אָפּזייענדיק עטלעכע טעג אין שטאָט, בין איך מיט מיין פעטער ז״ל אַרויסגעפאָרן צו אים אין זיין שטעטל, וואָס איז געווען ביי אַ 400 קילאָמעטער ווייט פון סאַן־פּאַולאָ. געפאָרן זענען מיר מיט דער באַן 15 שעה. אָנגעקומען צום פעטער, זיך אַ ביסל אויסגערוט און דאַן באַשלאָסן צו באַזוכן דאָס שטעטל, וואָס האָט פאַרמאָגט נישט מער ווי אַ קנאַפּע 3000 איינוווינער. ווען כ׳בין זיך אַדורכגעגאַנגען ס׳שטעטל און צוריקגעקומען אין געשעפט פון פעטער האָב איך געפרעגט: און ווו טרעפט מען עפּעס אַ יידן? דערויף האָב איך באַקומען אַן ענטפער: נישט ווייט פון דאַנען, אין אַן אַנדער שטעטל, ביי אַ 20 קילאָמעטער פון אונדזער שטעטל, געפינט זיך דער און דער, און אַ ביסל ווייטער — וווינען שוין דריי יידישע משפחות. פאַרוואָס זענען יידן אַזוי צעוואָרפן? דערויף האָט ער מיר געענטפערט: ווען אַ ייד באַשליסט זיך צו באַזעצן אויף דער פּראָווינץ, ווערט ער פריער געוווּיער צי ס׳וווינט דאָרט אַ ייד. ווען ס׳רוקט זיך אים אונטער אַזאַ שטעטל, ווו ס׳איז נישט בנמצא קיין איין ייד, באַשליסט ער טאַקע זיך דאָרט צו באַזעצן. מען האָט מורא, אַז מער ווי פאַר איין יידישער משפּחה וועט נישט זיין קיין פּרנסה!...

ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוווינט צו די נייע קליינ־שטעטלדיקע באַדינגונגען. די דאָזיקע ישובים זענען אויך נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. זיי האָבן זיך אַדמיניסטראַטיוו אַנט־וויקלט, ווי געהעריק פונאַנדערגעוואַקסן, דער פּראָגרעס האָט אָנגעהויבן אַריינצושיינען אין זיי. צוזאַמען דערמיט האָט זיך געהויבן דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון דער יידישער משפּחה, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו פּראָספּערירן. ביסלעכווייז האָט מען דערלערנט די פּאָרטוגעזישע שפּראַך. מ׳האָט זיך אויס־געבויט שיינע און באַקוועמע וווינונגען, פאַרגרעסערט און פאַר־שענערט די געשעפטן, זיי מאָדערניזירט.

מיט דער צייט זענען צוגעקומען נייע זאָרגן און דאגות. אָט וואַקסן אונטער די אייגענע קינדער. זיי געפינען זיך אין אַ פרעמדער קריסטלעכער סביבה. איז פאַראַן אַ סכנה, אַז די אונטערוואַקסנדיקע וועלן אינגאַנצן פאַרפרעמדט ווערן פון יידישן גייסט. אין דער זעלבער צייט איז זיך דער יידישער ישוב אין סאַן־פּאַולאָ פונאַנדערגעוואַקסן. ס׳זענען דאָרט אַנטשטאַנען פיל יידישע אינסטיטוציעס און יידישע שולן, ווו יידישע קינדער באַקומען אַ נאָרמאַל־יידישע דערציונג. ס׳האָרץ האָט אָנגעהויבן צו ווייטיקן צוקוקנדיק ווי די סכנה פון אַ פאַרפרעמדונג לויערט אויפן יידישן קינד אין דער פאַרוואָרפענער און אָפּגעזונדערטער בראַזיליאַנער פּראָווינץ. און דווקא ווען מ׳האָט שוין באַוויזן זיך עקאָנאָמיש צו פאַרפעסטיקן און ס׳לעבן איז שוין געוואָרן פיל לייכטער — דאַרף מען דאָס אַלץ ווידער ליקווידירן, פאַרלאָזן די איינגעזעסענע פּלעצער און זיך אַריבערפּעקלען קיין סאַן־פּאַולאָ.

אין די פערציקער יאָרן זענען טאַקע פיל לויצקער ביסלעכווייז אַריבערגעפאָרן קיין סאַן־פּאַולאָ. אין די יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג האָט זיך אין סאַן־פּאַולאָ קאָנצענטרירט אַ היפּשע צאָל לויצקער און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַר־באַנד פון די וואָלינער, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו העלפן די פאַרפייניקטע ברידער און שוועסטער אין דער אַלטער היים. אין יאָר 1945 איז דער פאַרבאַנד געווען זייער טעטיק. יידן האָבן דאָך געהאָפט צו געפינען צווישן די געראַטעוועטע זייערע אייגענע. מ׳האָט געשיקט פיל הילף קיין פּוילן, אין די ד.פּ.־לאַגערן אין עסטרייך, דייטשלאַנד און איטאַליע. מ׳האָט געהאָפט און זיך איבערגעגעבן דער אילוזיע, אַז מ׳וועט דאָך אויסגעפינען עמעצן פון די קרובים, באַקאַנטע און פריינד. צום גרעסטן טייל האָבן זיך די אַלע האָפענונגען געענדיקט מיט אַן אַנטוישונג. זייער ווייניק זענען איבערגעבליבן פון די וואָ־לינער נאָכן גרויסן חורבן. איז דעריבער געפאַלן די פאַר־אינטערעסירונג פון די וואָלינער מיט זייער פאַרבאַנד, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו גוססן ביז ער האָט זיך אינגאַנצן ליקווי־דירט.

וואָלינער פאַרבאַנד אין סאַן־פּאַולאָ שיקט אַרויס פּעקלעך קיין פּוילן

די לויצקער קאָלאָניע אין סאַן־פּאַולאָ האָט געהאַלטן זיך אין איין פאַרגרעסערן. פון דער פּראָווינץ זענען אָנגעקומען אַלץ נייע לויצקער און זיך באַזעצט אין דער גרויסער שטאָט. איז דעריבער אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ וואָלינער, און ספּעציעל אַ לויצקער פאַרבאַנד, וועלכער זאָל קאָנען אין אַן עת־צרה ברענגען מאַטעריעלע הילף די נויטבאַדערפטיקע. מיר זענען ספּעציעל אויפגעפאָדערט געוואָרן דערצו דורך אונדזער פריינד ניסן פירער פון צפון־אַמעריקע, וועלכער האָט דאַן, אין יאָר 1956, געמאַכט אַ רייזע קיין ישראל און אויפן אָרט זיך באַקענט מיט די נויטן פון די ניי־אָנגעקומענע לויצקער עולים. מיר האָבן זיך דאַן פאַרבונדן מיט אונדזער לאַנדסמאַן אין ישראל א. לאַנדסבערג ז״ל, וועלכער איז געווען פון די אַקטיווסטע טוער צווישן די לויצקער לאַנדסלייט. מיר האָבן פון אים דערהאַלטן פיל בריוו, פון וועלכע ס׳האָט זיך אַרויסגעפילט אַ גרויסע פאָטערלעכע זאָרג פאַר די נייע עולים און זייערע ספּעציפישע פּראָבלעמען.

אויף דער באַראַטונג וועגן גרינדן אַ לאַנדסמאַנשאַפט־פאַרבאַנד אין סאַן־פּאַולאָ, האָט אויף אונדז צום מיינסטן געווירקט די ווענדונג פון א. לאַנדסבערג ז״ל. ער האָט צו אונדז אין זיינע בריוו גערעדט מיט אַ זייער פאַרשטענדלעכער שפּראַך. ס׳זענען דאַן אַנטשטאַנען פיל מיינונגס־פאַרשידנהייטן. געהאַנדלט האָט זיך אין דעם, צי מ׳זאָל אָרגאַניזירן אַ וואָלינער פאַרבאַנד אָדער נאָר אַ לויצקער. אַ גאָר גרויסע אַקטיוויטעט האָט דאַן אַרויסגעוויזן גוטע פירער, וועלכע האָט דאַן געוווינט אין סאַן־פּאַולאָ און אַנטיילגענומען אין אַלע אונדזערע באַראַטונגען. אַזעלכע ווי ר׳ מאָטל שענקער, חיים־הערש שוואַרץ, משה זילבערבערג, שלמה גורמאַן, מעכל פלעקס, פּסח זאַטאָרקאַ און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָבן געהאַלטן, אַז ביי די געענדערטע באַדינגונגען, ווען אין ישראל זענען אַנטשטאַנען לאַנדמאַנשאַפטן פון יעדער שטאָט און שטעטל און נישט פון געגנטן, איז טאַקע געווונטשן, צוליב דער נויטווענדיקייט צו קומען קאָנקרעט צו־הילף, אויפצושטעלן אַ לויצקער פאַרבאַנד. ענדלעך איז מען געקומען צום געמיינזאַמען באַשלוס צו גרינדן אַ פאַרבאַנד און אים אַ נאָמען געבן: לאַנדסמאַנשאַפט־פאַרבאַנד פון לויצקער און אומגעגנט אין סאַן־פּאַולאָ.

מאָטל שענקער

דעם 20־טן פעברואַר 1957 איז פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג מיטן אָנטייל פון 22 פּערזאָן אין דער וווינונג פון אונדזער חשובן לאַנדסמאַן פּסח זאַטאָרקאַ. גוטע פירער גיט איבער אַ באַריכט פון דער טעטיקייט פון אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל און צפון־אַמעריקע; דער שרייבער פון די שורות האָט רעפערירט וועגן די אויפגאַבן פון פאַרבאַנד. נאָך אַ לעבהאַפטן וויכוח ווערט אויסגעוויילט די ערשטע פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד אין די פּערזאָנען: ר׳ מאָטל שענקער אַלס ערן־פּאָרזיצער, מאָטיע גייער — סעקרעטאַר, משה זילבערבערג אַלס קאַסירער, חיים־הערש שוואַרץ, פּסח זאַטאָרקאַ, שלמה גורמאַן, מעכל פלעקס און מאָטל דייטש — אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער. ס׳איז אונטערגענומען געוואָרן אַן אַקציע צו שאַפן מיטגלידער פאַר דער נייער לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע.

אין אַפּריל ווערט טאַקע אַרויסגעשיקט די ערשטע סומע פון 500 דאָלאַר קיין ישראל פאַר דער גמילות־חסדים קאַסע ע״ש קדושי לויצק. ס׳זענען צוגעקאָאָפּטירט געוואָרן נאָך 2 מיטגלידער צו דער פאַרוואַלטונג אין די פּערזאָנען יידל לוצקי און לייב בילדער. דעם 7־טן אלול האָבן מיר איינגעאָרדנט אַן אַזכרה נאָך די קדושי לויצק. ביזן סוף 1957 זענען שוין געווען 90 מיטגלידער אינעם פאַרבאַנד.

אין יאָר 1958 האָט אונדזער לאַנדסמאַן אברהם דיקשטיין באַזוכט ישראל און זיך נענטער באַקאַנט מיט די לעבנסבאַדינגונגען פון אונדזערע לאַנדסלייט. ער האָט, נאָכן צוריקקערן זיך פון דער רייזע, אָפּגעבן אַ באַריכט און איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַקטיווער מיטאַרבעט אין אונדזער פאַרבאַנד.

אונדזער טעטיקייט באַקומט אַן אַלץ גרעסערן אָנזען ביי אונדזערע לאַנדסלייט. דעם 7־טן אלול 1958 איז שוין די אזכרה פאָרגעקומען אין זאַל פון דער יידישער קהילה, וווּ ס׳זענען אָנוועזנדיק געווען צוויי הונדערט לויצקער לאַנדסלייט. דעם 17 מערץ 1959 קומט פאָר די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מ׳האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון פאַרבאַנד און ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג אין באַשטאַנדטייל פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: ר׳ מאָטל שענקער, שלמה גורמאַן, אברהם דיקשטיין, מאָטיע גייער, פּסח זאַטאָרקא, חיים־הערש שוואַרץ, יידל לוצקי, יוסף קעפּעלמאַן, לייבוש קאָטליאַר, מאָטל דייטש, לייבל ביסקער, משה זילבערבערג, מעכל פלעקס און לייב בילדער. די פאַרוואַלטונג האָט זיך קאָנסטיטואירט אויפן פאָלגנדיקן אופן: ערן־פאָרזיצער: ר׳ מאָטל שענקער, פאָרזיצער: אברהם דיקשטיין, וויצע־פאָרזיצער: פּסח זאטאָרקאַ, קאַסירער: ר׳ מאָטל שענקער און מאָטל דייטש, סעקרעטאַר: מאָטיע גייער, וויצע־סעקרעטאַר: משה זילבערבערג.

פאַרוואַלטונג פון לויצקער פאַרבאַנד
אין סאַן־פּאַולאָ אין 60—1959

פון רעכטס, ערשטע ריי: מ. פליקס, א. דיקשטיין, מ. שענקער, מ. גייער, ח. זאטערקע, מ. דייטש; צווייטע ריי: ש. גורמאַן, מ. אַלסטערמאַן, ג. ליפשיץ, י. לוצקי, ל. ביסקער; דריטע ריי: ל. קאָטליאַר, מ. זילבערבערג, י. סוקעניק, י. קאָפּעלמאַן

דעם 7־טן אלול 1959 איז פאַרגעקומען די יערלעכע אזכרה אין זאַל פון דער אשכנזער קהילה. דער באַקאַנטער רעציטאַטאָר אברהם גרין האָט רעציטירט אייניקע שאַפונגען, צוגעפּאַסטע צו דער טעמע פון טאָג. די זינגערין ראָזאַ פּאַראַזאָווסקי האָט געזונגען צוגעפּאַסטע לידער. נאָכן רעליגיעזן טייל פון אָוונט האָבן ר׳ מאָטל שענקער, אברהם דיקשטיין און מאָטיע גייער געריידט וועגן די אויפגאַבן צו פאַראייביקן דעם אנדענק פון אונדזערע קדושים. אויפן אָוונט איז אויך באַשלאָסן געוואָרן זיך צו אַנגאַזשירן לטובת דעם „ספר־לוצק״ און אַבאָנירן 100 עקזעמפּליאַרן.

פיל לאָזט זיך דערציילן וועגן דער אַקטיווער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט פון לויצקער אין סאַן־פּאַולאָ. מיר זעען דאָ טעטיק אין דער עזרת לינת־הצדק, אין שול־וועזן, אין פאַרשיי־דענע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַוועגונגען. פיל לויצקער זענען אַקטיוו טעטיק אין דער קרן־קימת אַקציע. ספּעציעל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די אַקטיווע טעטיקייט פון אונדזער חשובן לאַנדסמאַן דעם סעניאָר פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט, ר׳ מאָטל שענקער, וואָס איז, טראָץ זיין טיפן עלטער, טעטיק אויף פיל געביטן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער טוט עס מיט גרויס ליבע און איבערגעגעבנקייט. ער איז טעטיק אין קרן־קימת, האָט אָרגאַניזירט אַ גמילות־חסדים קאַסע אין זיין בית־המדרש און ווידמעט זייער פיל צייט און ענערגיע אונדזער לאַנדסמאַנשאַפטס־פאַרבאַנד.

פונקט ווי אין דער אַלטער היים, אַזוי אויך דאָ, אין סאַן־פּאַולאָ, זעען מיר אַ רירעווודיק־געזעלשאַפטלעכער עלעמענט און רוקן זיך אַרויס אין פאָדערגרונט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיך שוין דערוואָרבן ביי דער סאַן־פּאַולאָער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אַ גרויסן אָנזען און ווערט פאַררעכנט אַלס איינע פון די בעסטע לאַנדסמאַנשאַפטן אין שטאָט.

ד״ר י. שאַמפּאַניער

לויצקער שארית הפליטה

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך אָנגעהויבן צוריק אויפזואַמלען די צעשפּליטערטע טיילן פון די יידישע קיבוצים. דאָס זענען געווען נישטיקע רעשטלעך פון אַמאָליקע גרויסע יידישע צענטערס. אַזוי איז אויך געשען מיט די איבערגעבליבענע לויצקער יידן. פון טיף רוסלאַנד, פון די וועלדער, פון די בונקערס און אַנדערע באַהעלטענישן, האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצוקומען די שארית־הפליטה פון דער לויצקער יידישער קהילה. דאָס זענען געווען יחידים, וועמען ס׳איז געלונגען דורך אַ נס זיך אַרויסצורייסן פון די טויט־נעגל. אַ סך יוגנטלעכע האָבן מיט זייער אויסזען דערמאָנט אין זקנים. מענטשן אין פאַרשיי־דענעם עלטער האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן באַווייזן אין זייער היימשטאָט לויצק. די צוריקגעקומענע האָבן זיך באַמיט צו האַלטן צוזאַמען, זיך טוליען איינער צום צווייטן.

די אַטמאָספער אין לויצק איז געווען שטאַרק פאַרסמט. דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַזוי איינגעוואָרצלט ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג און איבערהויפּט ביים פּויערטום, אַז ס׳איז געווען געפערלעך צו בלייבן אַליין אין דער דאָזיקער סביבה. יעדער פּויער, וועלכן מ׳האָט געטראָפן, האָט געזען אין יידן אַ שונא.

האָבן טאַקע אַ סך פון די צוריקגעקומענע געהאַלטן, אַז אויפשטעלן אַ ניי יידיש לעבן אין לויצק איז שוין אוממעגלעך. יעדער איינער פון די געראַטעוועטע האָט נאָך געהאַט אַן אילו־זיע, אַז אפשר איז דאָך עמעצער פון זיינע נאָענטסטע געבליבן ביים לעבן. מ׳האָט פריער געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז טראָץ אַלעמען האָט זיך עמעצער פון די נאָענטע און טייערע זיך געראַטעוועט. געקומען איז מען אָבער און געטראָפן די היימשטאָט יידנריין. זעלטן ווער פון די אייגענע איז געבליבן לעבן.

האָט מען זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו געזעגענען מיט די דערינערונגען פון דער אַמאָליקער היימשטאָט. שטילערהייט האָט מען זיך געשיידט מיט די קברים, און איינציקווייז, אָדער אין אַ גרופּע, זיך איבערגעטראָגן קיין פּוילן.

אין פּוילן זענען אַנטשטאַנען יידישע קאָמיטעטן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט אויפזוכן קרובים און אויסטיילן מאַ־טעריעלע און מאָראַלישע הילף די לעבנגעבליבענע. אויף די ווענט פון די יידישע קאָמיטעטן זענען געווען אויסגעהאַנגען זוכצעטלען און אויך מעלדונגען פון לעבנגעבליבענע. נישט איין מאָל איז געשען, אַז דער זוכער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן ענלעכן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען, אָבער פון אַן אַנדער שטאָט און פון אַן אַנדערן פאָטער. אויף אַ ווילע פלעגן אויפ־פלאַמען האָפענונגען וועגן געפינען אַ נאָענטן און אייגענעם, אָבער גאָר שנעל האָבן זיך די האָפענונגען אויסגעלאָשן.

מ׳וואַנדערט אויס קיין עסטרייך און נאָכער קיין דייטשלאַנד. פאַרשטענדלעך, אַז קיינער קלערט נישט דאָרט צו בלייבן, מ׳שטרעבט צו עמיגרירן ווייטער. דאָס איז אָבער נישט אַנגע־קומען אַזוי לייכט. קאָנצענטרירט מען זיך דערווייל אין די ד. פּ.־לאַגערן, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער אַלע עקן פון דייטשלאַנד. יעדער איינער גייט ווייטער אָן מיט זיינע קרובים־זוכענישן. ווו נישט ווו טרעפט מען אַ לויצקער לאַנדסמאַן. דערווייל ווערט מען געוואָר, אַז אויך אין אַנדערע לאַגערן געפינען זיך לויצקער יידן.

לויצקער יידן, מיט דער איניציאַטיוו פון צוויי שכנישע לאַגערן, פאַרשטענדיקן זיך, קלויבן אויס פון זיך אַ צייטווייליקן קאָמיטעט אין באַשטאַנדטייל פון פאָלגנדיקע חברים: צוקער, שאַמפּאַניער, ברידער צירולניק, בערעזע, קאַבריץ און דריג־שפּאַן. דער קאָמיטעט באַשליסט צו שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט אַלע לעבנגעבליבענע לויצקער יידן, בכדי זיי צו קאָנצענט־רירן אין איין אָרגאַניזירטער מחנה. די אויפגאַבע איז געווען נישט קיין לייכטע. צו אונדזער דיספּאָזיציע זענען נישט גע־

לויצקער אין װראָצלאַװ (1948)

שטאַנען קיין ספּעציעלע געלט־מיטלען. מיר האָבן גובר געווען אַלע שוועריקייטן און אויפגעזוכט אַלע לויצקער יידן. מיר האָבן עס געטאָן דורך מעלדונגען אין דער פּרעסע, דורך אויפרופן און פּריוואַטע ווענדונגען — ווו נאָר אַ ייד האָט זיך געפונען. מיט דרוקזאַכן איז אויך נישט געווען אַזוי לייכט. קיין יידישע שריפט איז נישט געווען, האָט מען געמוזט זיך באַנוצן מיט לאַטייניש. ווי אַזוי דאָס האָט אויסגעזען — קאָן מען זיך פאָרשטעלן. און דאָס איז אויך אָנגעקומען מיט גאָר גרויסער מי. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן גאַנץ אומלעגאַל און איז באַצאָלט געוואָרן מיט לעבנסמיטל, ציגאַרעטן א.א.

ס'איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ גרויסע אַרבעט און ס'איז צונויפגערופן געוואָרן אין באַד־רייכענהאַל דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער לויצקער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד. צום ערשטן מאָל זינט דעם צווייטן וועלט־קריג איז דאַן אָפּגעריכט געוואָרן אַן אזכרה נאָך די קדושי לויצק. צום ערשטן מאָל האָבן יידן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זאָגן קדיש בציבור. מ'קאָן זיך פאָרשטעלן די האַרצרייסנדיקע סצענעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביים ערשטן קדיש. אַלע אַנוועזנדיקע האָבן זיך דאַן דערמאָנט אין זייערע אייגענע, וואָס זענען אַזוי גרויזאַם אַוועקגעשניטן געוואָרן. פיל פרויען האָבן דאַן געחלשט און זיך צוזאַמענגעבראָכן.

דער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט צוויי טעג און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ לאַנדסמאַנשאַפטס־קאָמיטעט אין באַשטאַנדטייל פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: צונקער — פאָרזיצער, לייזער צירולניק — סעקרעטאַר, שאַמפּאַניער — קאַסירער.

דער אויסגעוויילטער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט אַלע לויצקער לאַנדסמאַנשאַפטס־אָרגאַניזאַציעס אין גאָר דער וועלט. דער דאָזיקער קאָמיטעט איז געווען לעגאַל־אָנערקענט דורך דער אָקופּאַציע־מאַכט.

ביסלעכווייז האָט יעדער איינער פון אונדז פאַרלאָזט די פאַרשאָלטענע דייטשע ערד און יעדער איינער האָט זיך אויסגעקליבן זיין נייע היים אין איינקלאַנג מיט זיינע שטרעבונגען און איבערצייגונגען.

לויצקער אין דייטשלאַנד

ישעיהו פרידמאַן / לאָנדאָן

„ארגון יוצאי לוצק בישראל"

דער דאָזיקער מאמר איז געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין פאָטער ר׳ יונה. די כוונה צו דערמאָנען און באַערן זיין נאָמען איז געווען איינע פון די באַוועג־כוחות פאַר מיין טעטיקייט אין ארגון.

„לאַנדסמאַנשאַפט" און „מיזוג הגלויות" — זענען אַ מין תרתי דסתרי. די ערשטע באַמיט זיך צו פאַרשטאַרקן די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען צווישן די אָפּשטאַמיקע פון דעם זעלבן לאַנד אָדער דער זעלבער שטאָט אין דעם נייעם אימיגראַציע־לאַנד, צוליב דעם באַזונדערן סענטימענטאַלן פאָדעם, וואָס פאַרבינדט זיי מיט דער געמיינזאַמער פאַרגאַנגענהייט. דאַקעגן דער אידעאַל פון „מיזוג הגלויות" איז צו פאַרטושן די אונטערשיידן, מבטל מאַכן די אָפּזונדערונג צווישן די אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע לענדער און אָנשטאָט דעם צו שאַפן אַ מער ברייטע נאַציאָנאַלע באַזע. פונקט ווי די פאַראייניקטע שטאַטן אַמאָל, שטייט איצט ישראל פאַר אָט דעם פּראָבלעם און ס׳איז נאַטירלעך, אַז דער מלוכה־אינטערעס איז מחייב די צווייטע לייזונג. די איינציקע מסקנה פאַר יעדן בירגער מיט אַ נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין דאַרף זיין, אַז אין ישראל איז היינט נישטאָ קיין אָרט פאַר סעפּעראַטע אָרגאַניזאַציעס אויפן יסוד פון עדה־אָנגעהעריקייט, אויפן יסוד פון בשותפותדיקער אָפּשטאַמיקייט — די פאַרשידענע „לאַנדסמאַנשאַפטן".

אָבער די דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן וואָס שייך אַ ריי לאַנדסמאַנשאַפטן, און אין אונדזער פאַל מיטן ארגון יוצאי לוצק — באַווייזט אונדז, אַז עס איז פּאַקטיש נישטאָ קיין סתירה צווישן די ביידע טענדענצן. אַזוי, למשל, זענען די אָפּשטאַמיקע פון לויצק אין ישראל, צעשפּרייטע איבערן גאַנצן לאַנד, איינגעגלידערט אינעם לעבן פון דער מדינה און באַטייליקן זיך אין איר בוי און אַנטוויקלונג, יעדער איינער לויט זיין אויפגאַבע, נישט דווקא אַלס לויצקער, נאָר ווי בירגער פון ישראל. פון דער צווייטער זייט, באַמיט זיך דער ארגון יוצאי לוצק צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קדושים, צו העלפן די נייע עולים, אָפּגעראַטעוועטע פונעם חורבן, און צו פעסטיקן די געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען צווישן פאָלק אינעם לאַנד. ער ווייזט נישט אַרויס קיין שום באַזונדערע עקסקלוסיווקייט און פאַרנעמט זיך נישט מיט יענע געביטן, וווּהין די מדינה קאָן נאַטירלעך גרייכן בלויז אויף אַן אַלגעמיינעם אופן. די טעטיקייטן פון די־אָ פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס קאָן בלויז דערגענצן די מלוכהשע טעטיקייט.

קיינער קאָן נישט אָפּלייקענען דעם גרויסן דערציערישן ווערט פון די אַלגעמיינע אָנדענק־טעג צום חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער איידער צייט, ווען אין די מלוכהשע אָנדענק־טעג קומט צום אויסדרוק דאָס דעמאָנסטרירן די קאָלעקטיוו־נאַציאָנאַלע געפילן — על פי רוב אויף אַן אַלגעמיינעם שטייגער — איז אָבער אין די ספּעציעלע אָנדענק־טעג פון די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פאַראַן עפּעס מער אינטימס, מער רירנדיקס און טיפערס. נישט געקוקט אויף דער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע געפילן, איז על פי רוב דער „לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם" קאָנקרעטער און שטאַרקער, און אויב ער איז נישט אין סתירה צום נאַציאָנאַלן געפיל — דאַרף מען אים נאָר באַגריסן.

דער צווייטער ביישפּיל ווי אַזוי די לאַנדסמאַנשאַפטן דערגענצן די טעטיקייט פון דער מדינה, זעען מיר אויפן געביט פון אַבסאָרבירן די עליה. עס קאָנען זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן טענהן, אַז די לאַנדסמאַנשאַפט איז געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט בלויז אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון אַמעריקע. ווי באַוווּסט, האָט די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיך נישט פאַרנומען מיטן איינאָרדענען די מאַסן אימיגראַנטן, און דערפאַר איז אומבאַדינגט נייטיק געווען די מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף פון די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן געדינט אַלס טריבונע פאַר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן און אויך אַלס דאַמבע קעגן דער אַסימילאַציע אינעם נייעם לאַנד. אָבער וואָס פאַראַ באַרעכטיקונג קאָן זיין פאַר זייער עקזיסטענץ אין ישראל? די ישראל־רעגירונג האָט דאָך אויף זיך אַליין גענומען דעם עול און די שווערע אויפגאַבע צו אַבסאָרבירן די עליה און צו פאַרנעמען זיך מיטן איינאָרדענען אַלע עולים אָן אונטערשיד פון וועלכן אָרט זיי קומען. ס׳איז אָבער נישט שווער צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע. ווער עס האָט אַנאַליזירט און נאָכגעפאָלגט די טעטיקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל, דער ווייסט, אַז זיי האָבן נישט בדעה און זענען אַפילו נישט בכוח צו פאַרטרעטן די מלוכהשע טעטיקייט, נאָר זי צו דערגענצן. אין די ראַמען פון דער מאַסן־אַבסאָרבציע האָט דער אַמטן־אַפּאַראַט נישט שטענדיק די מעגלעכקייט אויסצופאָרשן און צו לייגן אַ פּערזענלעכע אויפמערקזאַמקייט אויף יעדן פאַל, און נישט ווילנדיק איז אַ טעות אַ מענטשלעכע זאַך". אַנדערש איז אָבער מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע קענען דעם מענטשן, זיין פאַרגאַנגענהייט און חשיבות, און דעריבער קאָנען זיי באַשטימען די פּאַסיקע פאָרם פון באַהאַנדלונג. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז די אינטערווענץ און די עצה פון דער פאַראינטערעסירטער אָרגאַניזאַציע לגבי די אַבסאָרבציע־אינסטיטוציעס נישט איין מאָל לטובה סיי פאַרן עולה, סיי פאַרן ענין גופא. אין אַ סך אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירן פאָנדן פאַר הלוואות און שטיצע, וועלכע

האָבן אַ מאַטעריעלע און מאָראַלישע באַדייטונג ביים העלפן די נייע עולים. מען דאַרף אויך נישט גרינגשעצן די אויסלענדישע וואַלוטע, וועלכע פליסט אַריין אין לאַנד דורך זייער טעטיקייט.

און איבער אַלץ דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז דער פּראָצעס פון איינאָרדענען און איינוואָרצלען זיך אין לאַנד איז נישט קיין מעכאַנישער פּראָצעס. דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט איז איינער פון די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן, וואָס האָט אַ סוביעקטיוון באַדייט ביים אויספאָרמירן דעם ווילן פון יחיד זיך איינצואָרדענען. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט ווערן די זאָרגן און שוועריקייטן פון די עולים זייער אַ סך פאַרלייכטערט דורך דער פריינדלעכער אַטמאָספערע פון די שטאָט־אָפּשטאַמיקע. די מדינה־פאָרשטייער שטרייכן נישט איינמאָל אונטער די באַדערפעניש אין חלוציזם פון די אַלטגעזעסענע לטובת די נייע עולים, ווי אַ נאַציאָנאַל־חלוצישע פליכט. מען האָט נאָך ביז איצט נישט ווי געהעריק געשריבן און אָפּגעשאַצט, וואָס עס האָבן אויף דעם געביט אויפגעטאָן די פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע זענען זייער לוין שוין אין דעם דערפילן דעם דאָזיקן געבאָט.

✶

די מערהייט לאַנדסמאַנשאַפטן איז אַנטשטאַנען בעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט זיך געשאַפן די וויטיקלעכע נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן די געמיינזאַמע אזכרות און די באַדערפעניש צו געבן הילף די ערשטע עולים פון צווישן די פּליטים. די לויצקער זענען נישט געווען די לעצטע אויפן דאָזיקן געביט. עס זענען געשאַפן געוואָרן קאָמיטעטן, געוויילטע אָדער ספּאָנטאַנע, אין תל־אביב, חיפה, ירושלים א״א. אין תל־אביב זענען די זיצונגען פאָרגעקומען על פּי רוב אין דער וווינונג פון בנימין גרושעווסקי, אַ באַקאַנטע שטוב פון תמיד אָן פאַר די לויצקער. אין חיפה — אין דער וווינונג פון משה גינדעל. אין רחובות און אין ירושלים זענען י. קרוין און צונק געווען די עיקרדיקע אַקטיוויסטן אויף דעם געביט. מען דאַרף אויך דערמאָנען אליעזר גאָלענדבערגן, וועלכער האָט יאָר־יערלעך געזאָרגט פאַרן איינאָרדענען די אזכרות. אָט די יערלעכע טרויער־פאַרזאַמלונגען זענען געוואָרן מאַסנווייז באַזוכט און מען האָט דאָרט געקאָנט זען אויך אַ סך לויצקער פון די ווייטע ווינקעלעך אין לאַנד. אַ טיפער טרויער האָט איינגעהילט די באַטייליקטע און אָפט האָט זיך געהערט אַ ביטער געוויין. דער פאַרשטאָרבענער ד״ר רבקאי און זיי צו לאַנגע יאָרן — הרב הגאון זלמן סאָראָטשקין, ד״ר גריפעל, ד״ר קוניצאַ און אַנדערע רעדנער, געראַטעוועטע פון אומקום, האָבן אויפגעבראַכט דעם זכר פון דער לויצקער קהילה, פון אַלע קדושים און דעם אָנדענק פון די אָנגעזעענע יידישע פּערזענלעכקייטן אין לויצק.

אין דער זעלבער צייט האָט די לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע איז אַנטשטאַנען אַ סך יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, זייער פיל אויפגעטאָן ביים זאַמלען געלט אויף די צילן פון פאַראייביקונג און פון הילף.*

דעם 18־טן יאַנואַר 1955 איז אין תל־אביב, אין בנין פון קק״ל, גערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע לויצ־

געוועזן חברים פון ירושלים און פון חיפה, וועלכע האָבן זיך פריער איזאָלירט אין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. ד״ר מ. גריפעל, וועלכער האָט געפירט די פאַרזאַמלונג, האָט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט פון אייניקייט ביי אַלע לויצקער אין ישראל און די באַדערפעניש צו אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמען פאַרבאַנד. דער שרייבער פון די שורות האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער אָפּטרעטנדיקער פאַרוואַלטונג און האָט זיך באַזונדער אָפּגעשטעלט אויף דער באַטייליקונג אין „יער הקדושים״, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ ווירדיקן מאָנומענט נאָך די אומגעקומענע קדושים. אָבער בעיקר האָט ער געווידמעט זיין אַרויסטריט דער נויטווענדיקייט פון פאַראייניקן און רע־אָרגאַניזירן די לויצקער ערב דעם נאָענטן באַזוך פון די לאַנדס־לייט פון אַמעריקע און, אין שייכות דערמיט, די מעגלעכקייטן צו אָרגאַניזירן וויכטיקע אונטערנעמונגען.

פאַרוואַלטונג פון „ארגון יוצאי לוצק בישראל״

קער אין ישראל. די צאָל פון די באַטייליקטע אין דער פאַר־זאַמלונג איז געווען אַ גרויסע און עס זענען אויך אַנוועזנדיק

די אַנדערע חברים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע — א. לאַנדסבערג ז״ל, און זיי צו לאַנגע יאָר: ש. וואַרקאָוויצקי, שטערנבוים, גרושעווסקי, גינדעל א״א — האָבן אַריינגעטראָגן פּאָזיטיווע און פּראַקטישע פאָרשלאַגן. מיטן אויס־ווילן אַ בשותפותדיקע פאַרוואַלטונג איז דער „ארגון יוצאי לוצק בישראל״ אין לאַנד־מאָסשטאַב געוואָרן אַ פאַקט. אין דער פאַר־וואַלטונג זענען אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגנדיקע פּערזאָנען: ד״ר מ. גריפעל (ירושלים) — פאָרזיצער, י. קרוין (רחובות, שפּעטער איז ער געוואָרן וויצע־פאָרזיצער), י. פרידמאַן (תל־אביב) — סעקרעטאַר, א. גאָלענדבערג (תל־אביב) און י. שאַמ־פּאַניער (חיפה). אין ראַט זענען געוויילט געוואָרן: מ. גינדעל (חיפה), ד. בענדערסקי (תל־אביב), בעלאַ פרידמאַן (תל־אביב), מ. בן־יצחק (חיפה), א. לאַנדסבערג (ראשון־לציון) און ב. גרו־שעווסקי (תל־אביב), וועלכער האָט אין אַ צייט אַרום רעזיגנירט און אויף זיין אָרט איז אויסגעוויילט געוואָרן ש. וואַרקאָוויצקי (תל־אביב). אין רעווידיר־קאָמיטעט זענען אַריין נחמה דאַוו

* וועגן דער טעטיקייט פון דער לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז פאַראַן אין דעם ספר אַ ספּעציעלער אַרטיקל פון י. פינקעל.

דאָס פלאַנצן ביימער אין „יער הקדושים"

(תל־אביב), א. לאַנדסבערג און מ. גינדעל. *

די נייע פאַרוואַלטונג האָט זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט. עס איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אַ צירקולאַר צו די מיטגלידער אין ישראל און עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די קאָרעספּאָנדענץ־פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד, בעיקר מיט דער אַמעריקאַנער פאָרשטייערשאַפט. עס איז געזאַמלט געוואָרן אַ געהעריקע סומע צו פלאַנצן אַ וואַלד א.נ. פון די קדושי לוצק אין די ראַמען פונעם „יער הקדושים" אין די הרי יהודה. פאָרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך באַטייליקט אין דער פייערלעכקייט. מען האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן און אויסמעבלירן דעם מוזיי א.נ. פון די קדושי לוצק אין בת־ים, עפענען אַ גמילת־חסדים קאַסע, אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט אינסטיטוציעס און צוגרייטן דעם קבלת־פנים פאַר די געסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט פון אַ סך חברים, האָט דער שרייבער פון די שורות ממשיך געווען די פאַקטישע צוגרייטונגען צום אָרגאַניזירן דעם מוזיי אין בת־ים: עס איז באַשטעלט געוואָרן אַ מאַרמאָרענע מצבה מיט אַ נר־תמיד צום זכר פון די קדושים, מען האָט רעפּראָדוצירט פראַגמענטן פון דער גרויסער שול און פון ברידער־קבר אין לויצק, מען האָט באַשטעלט פּאַסיק מעבל א.אַז.וו., כדי דער מוזיי זאָל זיין פאַרטיק צו דער עפענונג.

דאָס אָרגאַניזירן די גמילת־חסדים קאַסע האָט פון אָנהייב נישט געהאַט קיין דערפאָלג. נישט געקוקט אויפן צירקולאַר (500 עקז.), וועלכער איז צעשיקט געוואָרן דורך א. לאַנדסבערג ז"ל — איז געזאַמלט געוואָרן נישט מער ווי 324 ל"י. מיט אַזאַ סומע איז אוממעגלעך געווען צו עפענען די גמילת־חסדים קאַסע. די אינסטיטוציע, וועגן וועלכער מ'האָט אַזוי פיל גערעדט און וועלכע האָט אין דער צוקונפט אַזוי פיל אויפגעטאָן — איז אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל און איז געווען באַדראָט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ מפּלינג — ווען נישט די צוזאַמענאַרבעט מיט די לאַנדסלייט מעבר לים.

אין אָנהייב אַפּריל 1955 איז געקומען קיין ישראל ה' נ. פירער אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי. אויף דער ערשטער געמיינזאַמער זיצונג, אין דער וווינונג פון ד. בענדערסקי, איז פאָרגעקומען אַ מיינונגס־אויסטויש וועגן דער פאָרם פון צוזאַמענאַרבעט אין דער צוקונפט. נאָך אַן איבערבליק וועגן דער טעטיקייט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק, אָנהייבנדיק פון יאָר 1917, האָט נ. פירער אויסגעדריקט זיין אַנטוישונג צוליב דער שוואַכער טעטיקייט פון די לויצקער אין ישראל. די גראַנדיעזע פּלענער וועגן אַ „כפר לוצק", אַ „שכון לוצק" און אַפילו אַ „בית לוצק" האָבן נישט אַרויסגערופן קיין צוטרוי, ווייל הינטער זיי איז נישט געשטאַנען קיין אָרגאַניזירטער צבור און די בריוו פון אַמעריקע זענען געבליבן אָן ענטפער. צוליב דעם האָבן די אַמעריקאַנער געזוכט אַ צוזאַמענאַרבעט מיטן הסתדרות. די לויצקער אין אַמעריקע — האָט געטענהט נ. פירער — זענען איבערצייגט, אַז אַ קולטור־הויז אין אַזאַ אָרט ווי בת־ים, וואָס וועט העלפן דער קולטור־געזעלשאַפטלע־

דער קולטור צענטער „בית תרבות על שם קדושי לוצק" איז אויפגעבויט דורך דער קאאפעראציע פון די לוצקער יידן אין דער שטאט ניו-יארק, אמעריקע, פון דער הסתדרות העובדים, און פון די לוצקער אין ישראל.

◇

פאלגנדע ארגאניזאציעס האבן זיך באטייליקט:

„די ערשטע לוצקער אונטערשטיצונגס פאריין"

„די יונייטעד לוצקער יאנג־מענס לידיס סאסייעטי"

„לוצקער בדענטש 583 ארבעטער־רינג"

„לוצקער פרויען קלוב, בר. 583־בי ארבעטער־רינג"

◇

אקטיווע טוער ביים אויפבוי פון „בית תרבות על שם קדושי לוצק" אין בת־ים:

משה און טעמי באס	אלעקס און מרת באראן
ניסן און אסתר פירער	בעני פארער
יצחק און ראוז פינקעל	מעקס און אסתר נאגלער
יואל און בעסי פינקעל	קאס און מרת וויטער
אביש און ראוז אייזענגארט	אליעזר דויטש
סאל און מרת שעף	יצחק נייווער
שמואל און פעסי גראניק	ירחמיאל בערמאן
וויקטאר און מרת מאנדעלס	מאקס און פעני שניידער
פערל מאראנץ	סאל און מייע דאלינער

ד"ר טעאדאר און מרת לעשנער

◇

בלעטער פונעם פנקס הזכרון

---

* אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין בת־ים, דעם 14־טן אויגוסט 1956, זענען אַריינגעפירט געוואָרן געוויסע ענדערונגען אין באַשטאַנד פון די אינסטאַנצן. אט איז זייער צוזאַמענשטעל:

מיטגלידער פון ראַט: א. גאָלענדבערג, ד. בענדערסקי, ש. וואַרקאָוויצקי, בעלאַ פרידמאַן, סאָניאַ פרידמאַן, סאָניאַ צוקערמאַן, קלאַראַ רויטער, ר. ראָזמאַרין, מלכה שטיין.

מיטגלידער פון רעווידיר־קאָמיטעט: נחמה ראָטשטיין־צונגער (דאַף), ד. בענדערסקי, אַדוו. בן־אמיתי, ד"ר קוניצאַ־גאָלדשטיין.

מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג: ד"ר מ. גריפּעל, י. קרוין, י. פרידמאַן, מ. בן־יצחק, א. גאָלוב, מלכה מאַרמור, י. שאַמפּאַניער.

אָנפירונג פון דער גמילת־חסדים קאַסע: א. לאַנדסבערג, י. שאַמפּאַניער, ש. וואַרקאָוויצקי, ד"ר מ. גריפּעל, י. קרוין.

לויצקער קאָמיטעט ביים בית־תרבות אין בת־ים

פון רעכטס: ב. ערליכגערייכט, י. סערליק, מ. בורשטין, ראש העיר בן־ארי, טאַלער, א. גאָלענדבערג, ב. שטערענבוים, כאַסקין, אַ פאַרשטייער פון הסתדרות, י. פרידמאַן, ד. בענדורסקי, אַ פאַרשטייער פון הסתדרות.

כער קליטה פון די נייע עולים — וועט זיין אַ מער פּאַסיקער פאַראייביקונגס־ווערק, ווי אַ קלוב פאַר לויצקער אין תל־אביב. אדרבא, דערוואַקסענע און קינדער, אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע גלותן, מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל וועגן לויצק נישט געהערט — וועלן באַערן זייער אָנדענק טאָג־טעגלעך. די לויצקער פון ישראל האָבן נישט לייכט מסכים געווען מיטן גאַסט און זיי האָבן ווייטער אויסגעדריקט זייער ווונטש וועגן אַ „צענטער אין תל־אביב", אָבער סוף כל סוף האָט אויסגעזען, אַז עס וועלן זיגן די רעאַליטעט און דער פאַרנונפט.

מיטן אָנקום פון די אַנדערע ניו־יאָרקער חברים: יואל פינקעל ז"ל מיט זיין פרוי, זיין ברודער יצחק פינקעל מיט דער פרוי, משה בעס מיט זיין פאַרשטאָרבענער פרוי טעמע ע"ה און ד"ר לעשנער — האָבן די חילוקי דעות זיך פאַרשאַרפט. און סוף כל סוף איז געקומען צו אַן ענדגילטיקער דעציזיע אויף דער זיצונג דעם 10־טן אַפּריל 1955, אין דער וווינונג פון ד"ר גריפעל. נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע איז מען געקומען צו אַ פשרה, אַז די לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל איז מסכים אויף דעם אָרגאַניזירן דאָס קולטור־הויז אין בת־ים און פון דער צווייטער זייט פאַרפליכטן זיך די אַמעריקאַנער צו העלפן דער אַנטוויקלונג פון דער גמילת־חסדים קאַסע ביים ארגון.

דער לויצקער בית־תרבות אין בת־ים

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דעם 24־טן אַפּריל אין קולטור־הויז א. נ. פון די קדושי לוצק אין בת־ים, וועלכע איז גלייכצייטיק געווען אַ פייערלעכער קבלת־פנים פאַר די געסט — איז געקומען צום אויסדרוק דער אָנהייב פון דער צוזאַמענאַרבעט צווישן די לויצקער פון ישראל און פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט אַ סך מענטשן, דער זאַל איז געווען באַצירט און די פייערלעכע אַטמאָספערע האָט איבערגעלאָזט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק אויף די אַנוועזנדיקע. נאָך אַ קורצן אַריינפיר־וואָרט פון פאָרזיצער און נאָך די באַגריסונגען מצד די פאָרשטייער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, האָט דער שרייבער פון די שורות, אַלס סעקרעטאַר פון ארגון, אָפּגעגעבן אַ באַריכט איבער דער טעטיקייט פון דער פאַרוואַלטונג און וועגן דעם הסכם מיט די געסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט געלייענט די פאָרשלאַגרעזאָלוציעס, וועלכע זענען איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן דורך דער פאַרזאַמלונג. אין דעם פאָרשלאַג איז אויסגעדריקט געוואָרן די אָנערקענונג פאַר דער פרוכטבאַרער טעטיקייט פון די לויצקער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק און אויך די התחייבות מצד די לויצקער אין ישראל צו נעמען אויף זיך די אחריות פאַר דער אויפזיכט איבערן מוזיי א. נ. פון די קדושי לוצק. עס איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן דער „פנקס לוצק", וועלכער געפינט זיך אין מוזיי אַלס ספר פאַרן פערזענלעכן פאַרשרייבן די לויצקער קדושים דורך זייערע משפחות אין ישראל. לסוף איז באַשטעטיקט געוואָרן די ווענדונג בייצושטייערן פאַר דער גמילת־חסדים קאַסע, אַלס דעם מכשיר פאַר קאָנסטרוקטיווער הילף די נייע עולים און די באַדערפטיקע. נאָכן אָננעמען די באַשלוסן איז דערקלערט געוואָרן די פייערלעכע דערעפענונג פון מוזיי א. נ. פון די קדושי לוצק. די פאַרזאַמלטע האָבן אין שטילשווייגן זיך מתיחד געווען מיטן זכר פון די אומגעקומענע.

די עפענונג פון בית־תרבות — ער רעדט דער ראש העיר בן־ארי

אין דעם בית־תרבות אין בת־ים ווערן אָפּגעריכט די יער־לעכע אזכרות * און די זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג. דער מוזיי איז אָפן פאַר באַזוכער איין מאָל אין וואָך. אָבער צוגאָב־לעכער מאַטעריאַל קומט אָן קנאַפּ (אפשר ווייל ער איז נישט בנמצא ?) ; אין „פנקס לוצק" ווערן איינגעשריבן די קדושים דורך די קרובים ; עס זענען געמאַכט געוואָרן דערגענצונגען אין „יער הקדושים" ; מיט דער הסכמה פון שטאָטראַט אין בת־ים איז אַ גאַס אין קוואַרטאַל „עמידר" אָנגערופן געוואָרן א. נ. פון די קדושי לוצק. די פייערלעכקייט איז פאָרגעקומען ביי דער אָנוועזנדיקייט פון ה' בן־ארי און פון אַ סך לויצקער.

די פאַרוואַלטונג איז געשטאַנען אין אַ סטאַבילער פאַרבינ־דונג מיט די לויצקער דורך אינפאָרמאַטיווע צירקולאַרן און יערלעכע פאַרזאַמלונגען. מיט אַ סך ענערגיע האָט זי געהאָלפן מאַטעריעל און מאָראַליש די נייע עולים — לויצקער. אויסער די הלוואות פון דער גמילת־חסדים קאַסע האָבן די עולים נישט איין מאָל באַקומען הילף אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס (אין שטאָטראַט פון בת־ים, יידישע אַגענץ, „עמידר" א"א) אדאנק דער אינטערווענץ און רעקאָמענדאַציע פון דער ארגון־פאַרוואַל־טונג. דער סעקרעטאַריאַט איז געווען אין אַן ענגער בריוולעכער פאַרבינדונג מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו־יאָרק, באַלטימאָר און אַנדערע ערטער, און אַלס רעזולטאַט דערפון איז געשטאַרקט געוואָרן די פריינדשאַפט און צוזאַמענאַרבעט און עס זענען מאָביליזירט געוואָרן גרויסע סומעס לטובת דער גמילת־חסדים קאַסע. צוויי צירקולאַרן אין יאָר, איינער ערב דער אזכרה, און דער אַנדערע ערב פסח, זענען סיסטעמאַטיש געשיקט געוואָרן צו צענדליקער לאַנדסלייט און לויצקער אָרגאַניזאַציעס אין אויס־לאַנד. זיי האָבן אַרויסגערופן אַ באַדייטנדיקן אָפּקלאַנג, אַן אינ־טערעס צו דער טעטיקייט אין ישראל און גרייטקייט צו הילף. דער „ארגון יוצאי לוצק בישראל" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין צענטער פון אַלע לויצקער פון גאָר דער וועלט.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער ארגון זאָל זיך פאַרנעמען נישט בלויז מיט אַקציעס פון פאַראייביקונג און פון הילף, נאָר אויך מיט אַנטוויקלען געזעלשאַפטלעכע באַציונגען אינערהאַלב דעם לעבן פון אונדזערע לאַנדסלייט. פאַרן דאָזיקן ציל האָבן געדינט די חנוכה־ און פורים־אָוונטן, וועלכע האָבן צו־געצויגן אַ גרויסן עולם. (די הכנסות פון די אָוונטן זענען באַ־שטימט געוואָרן טיילווייז פאַר דער גמילת־חסדים קאַסע און פאַרן ארגון, וואָרעם די באַשטייערונגען ביים איינגאַנג צו דער אזכרה האָבן על פי רוב נישט געדעקט די אַדמיניסטראַטיווע אויסגאַבן). פון צייט צו צייט, בעת אַ גאַסט פון אויסלאַנד האָט באַזוכט ישראל, איז לכבוד אים אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קבלת־פנים. מען קאָן זאָגן, אַז בלויז געציילטע לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל זענען געווען אַזוי אַקטיוו, ווי דער „ארגון יוצאי לוצק בישראל".

אַ בלאַט פונעם פנקס הזכרון אין מוזיי פון בת־ים

* דער טאָג פון דער יערלעכער אזכרה איז באַשטימט אויף די טעג ז—ח אלול.

די קהלה קדושה לוצק

דאז יידישע לעבן האט געבליט במשך פון זיבן יארהונדערטער איז פארניכטעט געווארן פון די נאציס ימח שמם — צוזאמען מיט די זעקס מיליאן קדושים פון אונזער פאלק

כי דורש דמים אותם זכר

כבוד זייער אנדענק

◇

לזכרון עולם

די נעמען פון די אומגעקומענע על קדוש השם, פון די פארשניטענע לעבנס און פון די וואס האבן אויסגעלעבט זייערע יארן אין לוצק און אומגעגנט פון לאנדס-לייט וואס זיינען געשטארבן אין ישראל און אין די לענדער פון צפון, דרום אמעריקע און אין אנדערע לענדער, זיינען פארצייכנט אויף די בלעטער פון דאזיקן בוך דורך זייערע משפחות און פריינד, יבדלו לחיים.

◇

תשי"ד ◦ 1954

וויינער אַרט סטודיאָ

אָבער צום רעקאָרד פון זיינע דערגרייכונגען איז דער ארגון דערגאַנגען אין דער טעטיקייט פון דער גמילת־חסדים קאַסע אונטער דער אָנפירונג פון אברהם לאַנדסבערג ז״ל, וועלכער איז געווען איבערגעגעבן זיין אַרבעט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, מיט זיין גאַנצער נשמה־וואַרעמקייט. אין זיין טעטיקייט איז נישט געווען קיין שמץ פון ענגער כלל־טוערײַ, נאָר דער באַוווסטזיין פון אַ שליחות און די פרייד פון העלפן יידן, אַלץ איינס צי ער האָט זיי פערזענלעך געקענט אָדער נישט — אָבער לויצקער יידן. הונדערטער חברים האָבן באַקומען הילף פון דער גמילת־חסדים קאַסע. דער סכום פון דער הלוואה, וואָס אַ יחיד האָט באַקומען איז טאַקע נישט געווען קיין גרויסער, אָבער די באַדינגונגען זענען געווען פרעצעדענסלאָז לייכטע און אויף אַן אופן, וואָס האָט נישט אָנגערירט דעם כבוד פון פעטענט.

בשעתו איז געוואָרן באַשטימט די קוואָטע פון 200 ל״י אַלס הלוואה פאַר אַ יחיד, אויב ער איז שוין אַ לענגערע צייט אין לאַנד, און 300 ל״י פאַר אַ נייעם עולה, ביי דער מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן די סומע ביז 600 ל״י, אויבביידע משפּחה־עלטסטע זענען לויצקער. די ראַטעס זענען באַשטימט געוואָרן אויף 5—10 ל״י אַ חודש און אָן פראָצענט. די אָנפירונג האָט אויסגעפירט איר אויפגאַבע מיט אחריות און ערלעכקייט נישט בלויז לגבי די באַדערפטיקע, נאָר אויך לגבי דער קאַסע גופא. יעדע ווענדונג נאָך הילף איז פריער געוואָרן פּעדאַנטיש קאָנטראָלירט דורכן פאָרשטייער פון דער קאַסע אויפן אָרט (אין חיפה — שאַמפּאַניער, אין דרום־טייל פון לאַנד — קרוין א.אַז.וו.) און נאָך אַ קאָנקרעטער באַהאַנדלונג אויף אַ געשלאָסענער זיצונג איז די ווענדונג געוואָרן באַשטעטיקט, אויב זי איז געווען פאַרזען מיט געהעריקע זשיראַנטן. אין באַזונדערע פאַלן זענען עולים אָדער ווייניק באַמיטלטע געצוווּנגען אָנצוקומען צו איינמאָליקער הילף. צו דעם צוועק האָט געדינט דער הילפס־פאָנד א.נ. פון טעמע באָס ע״ה, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן דורך איר מאַן ש. באָס פון ניו־יאָרק.

אַ גרויסע אבידה האָבן די גמילת־חסדים קאַסע, דער ארגון און אַלע לויצקער אין ישראל בכלל געליטן מיטן טויט פון א. לאַנדסבערג ז״ל. אָבער די אָנפירונג פון דער גמילת־חסדים קאַסע האָט זיך נישט אויפגעלייזט און ווייטער פאָרגעזעצט איר טעטיקייט. עס זענען צוגעקאָאָפּטירט געוואָרן נייע חברים: י. פרידמאַן און סאָניאַ צוקערמאַן. פאַר פאָרזיצער פון דער קאַסע איז אויסגעוויילט געוואָרן י. שאַמפּאַניער; שמואל וואַרקאָוויצקי איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאַסירער.

אין אָקטאָבער 1957 איז דער שרייבער פון די שורות געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זיין אַרבעט אין ארגון צוליב זיין נסיעה קיין אויסלאַנד אויף פאָרשונג־צוועקן. אָבער ערב דער נסיעה האָט ער געזאָרגט פאַרן מאָביליזירן נייע חברים צו דער אַרבעט. מען דאַרף מיט צופרידנהייט אונטערשטרייכן, אַז די אַרבעט ווערט ווייטער בדרך כלל געפירט מיט דערפאָלג. אין חבר נחום שטראַכמאַן (שרון) האָט זיך געפונען די פערזאָן, וועלכע האָט מיט דער הילף פון אַנדערע רעדאַקציע־מיטגלידער פאַרווירקלעכט דעם פּלאַן, וואָס איז נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג זינט דעם אַנטשטיין פון ארגון, און דאָס איז דער „ספר לוצק״, וועלכע איז די פיינע אכסניה פאַר אָט דעם מאמר.

אַדוו. אַלעקסאַנדער קאָטליאַר, וועלכער האָט פריער אויסגעפירט דעם אַמט פון סעקרעטאַר און דערנאָך איז ער געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער אויפן אָרט פון ד״ר מ. גריפעל — איז ממשיך מיט זיין איבערגעגעבענער און פיינער טעטיקייט. די אַרבעט גיט שוין אירע רעזולטאַטן. אָבער וועגן דעם וועט ווערן דערציילט אין אַן אַנדער מאמר.

אַדוו. אַלעקסאַנדער קאָטליאַר / תל־אביב

דער „ארגון יוצאי לוצק״ אין די יאָרן 1958—61

מיטן טויט פון אברהם לאַנדסבערג ז״ל האָט דער ארגון געליטן אַ שווערע אבידה. די אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, באַזונדערס נאָך דעם ווי איינער פון אירע טיכטיקסטע מיטגלידער, ישעיהו פרידמאַן, איז אויף אַ געוויסער צייט אַוועקגעפאָרן פון ישראל צוליב פאָרשונג־צוועקן.

דער דאָזיקער פעריאָד האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אין מאַי 1958 האָבן באַזוכט ישראל צוויי איבערגעגעבענע פריינד פון די לויצקער אין ישראל — יצחק פינקעל און ניסן פירער פון ניו־יאָרק. אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ גרופּע פאָרשטייער פון די לויצקער אין ישראל, האָבן די געסט פאָרגעשלאָגן, אַז דער ארגון זאָל אָרגאַניזירט ווערן פון דאָס ניי אין דער פאָרם פון אַ יורידישער קערפּערשאַפט, צו וועלכער אַלע לויצקער יידן אין ישראל זאָלן, פאַר אַ מינימאַלן מאָנאַטלעכן אָפּצאָל, האָבן דאָס רעכט צו געהערן.

דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן און עס איז גערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די לויצקער לאַנדסלייט. אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ איניציאַטיוו־קאָמיטעט, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו רעאָרגאַניזירן דעם ארגון. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון 17 מיטגלידער. אויף זיין ערשטער זיצונג איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ צייטווייליקע פאַרוואַלטונג מיט אַדוו. אַלעקסאַנדער קאָטליאַר אַלס פאָרזיצער, שמואל וואַרקאָוויצקי און יעקב שאַמפּאַניער אַלס וויצעפאָרזיצער.

די צייטווייליקע פאַרוואַלטונג איז תיכף צוגעטרעטן צו דער

טעטיקייט. עס איז באַאַרבעט געוואָרן דער סטאַטוט, אין וועלכן עס זענען פּרעציזירט געוואָרן די אויפגאַבעס און צילן פונעם ארגון. דער סטאַטוט איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער מאַכט און דער ארגון איז פאַררעגיסטרירט געוואָרן אַלס יורידישע קערפּערשאַפט אין הסכם מיט די געזעצן פון לאַנד.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע פון ווערבירן מיטגלידער. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ צירקולאַר מיט די הויפּטפּונקטן פונעם סטאַטוט און דער צירקולאַר איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אַלע לויצקער אין ישראל צוזאַמען מיט אַן אויפרוף זיך צו פאַרשרייבן אַלס מיטגלידער פונעם ארגון. אָט די אַקציע האָט געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. עס האָבן אָנגעהויבן אַריינפליסן אונטערגעשריבענע דעקלאַראַציעס און מיטגליד־אָפּצאָל. ביים היינטיקן טאָג ציילט דער ארגון קנאַפּע 200 מיטגלידער (נישט אַלע לויצקער האָבן אויסגעפירט דעם דאָזיקן חוב).

נאָך דער אויבנדערמאָנטער אַקציע האָט דער ארגון זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די לויצקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַנדערע לענדער. עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן בערך 100 בריוו צו לאַנדסמאַנשאַפטן און יחידים אין פאַרשידענע לענדער. אין די בריוו איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אויף די צילן און אויפגאַבעס, וואָס דער פאַרבאַנד האָט פאַר זיך געשטעלט. אין די בריוו איז געווען אַ ווענדונג אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דעם ארגון אין ישראל און העלפן אים אין דער רעאַליזאַציע פון זיינע אויפגאַבעס.

דער „ארגון יוצאי לוצק בישראל" איז אַריינגעטראָטן אַלס מיטגליד אין „פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין ישראל" און באַקומען אַ געהעריקע רעפּרעזענטאַנץ אין דער פאַרוואַלטונג. דער פאַרבאַנד האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אַלס אַקציאָנער און מיטגליד אין דער הלוואה־קאַסע ביים „פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן" — אַ זאַך, וואָס דערמעגלעכט צו באַקומען הלוואות פאַר די לויצקער לאַנדסלייט אין פאַל ווען די לויצקער גמילת־חסדים קאַסע איז נישט אימשטאַנד אַזאַ הלוואה צו דערטיילן. ביים היינטיקן טאָג געניסט דער ארגון פון אַזעלכע הלוואות אויף אַ סכום פון 4000 ל"י בערך.

דער ארגון דערלאַנגט אויך די ערשטע מאַטעריעלע הילף פאַר די נייע עולים; וועלכע קומען אַהער אָפט ממש אָן אַ גראָשן געלט. צוזאַמען מיטן פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן העלפט מען זיי אויך צו באַקומען אַ דירה און הלוואות, וועלכע זענען דערצו נייטיק. אויף וויפל ס'איז נאָר מעגלעך העלפט מען אויך די נייע עולים איינאָרדענען זיך מיט פּרנסה.

די קאָמיסיע פאַר סאָציאַלער הילף א. נ. פון טעמע באָס ע"ה העלפט אויך מאַטעריעל די נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט, בעיקר פאַר די יום־טובים.

אין „פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן" ווערט דער „ארגון יוצאי לוצק" פאַררעכנט פאַר איינעם פון די טיכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס פון דעם מין. לאָמיר האָפן און לאָמיר זיך ווינטשן, אַז די פאַרצווייגטע טעטיקייט פונעם „ארגון יוצאי לוצק בישראל" וועט אויף להבא ווערן נאָך רייכער און ווירקזאַמער, כדי מיר זאָלן קאָנען דינען אַלס מוסטער און ביישפּיל פאַר אַנדערע.

די רעדאַקציע פון „ספר לוצק" אין ישראל

עס זיצן פון רעכטס: אינזש. מיכאל פּטיץ, אדוו. אַלעקסאַנדער קאָטליאַר, נחום שרון (שטראַכמאַן) — הויפּט־רעדאַקטאָר, ישראל סערליק. עס שטייען: משה ראַפּאַפּאָרט, מנחם בן־יצחק (גענזיוק), גוטאַ פּירער, יואל פּערעל, יעקב שאַמפּאַניער.

ש. וואַרקאַוויצקי, ד״ר י. שאַמפּאַניער

די גמילת־חסדים־קאַסע
א. נ. פון די לויצקער קדושים

אין ישראל האָט זיך קאָנצענטרירט אַ באַדייטנדיקע גרופּע לויצקער, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין ארץ־ישראל נאָך דעם שרעקלעכן חורבן. נאָך היטלערס מפּלה, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון די אומגעבראַכטע לויצקער יידן, זענען זייערע אויגן געווענדט געווען מערסטנטייל קיין ישראל, ווו זיי האָבן געזען פאַר זיך די איינציקע מעגלעכקייט אויסצולעבן זיך פיזיש, גייסטיק און נאַציאָנאַל.

קיין ישראל האָבן אָנגעהויבן שטראָמען כוואַליעס נייע עולים, און צווישן זיי אויך לויצקער יידן. צוזאַמען מיט די ניי־אָנגעקומענע עולים זענען געוואַקסן די פּראָבלעמען פון שנעלער און ווירקזאַמער הילף פאַר זיי.

די געזעלשאַפטלעכע טוער צווישן די לויצקער האָבן געמוזט נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו אַט די שנעלע און ווירקזאַמע הילף צו אָרגאַניזירן.

לכתחילה איז די אַרבעט געווען נישט קאָאָרדינירט. סיי אין תל־אביב, סיי אין חיפה, אין רחובות און אין אַנדערע פּלעצער זענען געשאַפן געוואָרן גרופּעס, וועלכע פלעגן אין נייטיקע פאַלן שאַפן קלענערע און גרעסערע סכומים.

אָבער די צאָל פון נייע עולים איז אומאויפהערלעך געוואַקסן. איינצלנע פּערזאָנען אין קלענערע גרופּעס האָבן נישט געקענט לייזן און פאַרענטפערן די פּראָבלעמען פון געזעלשאַפטלעכער און סאָציאַלער הילף.

דער געדאַנק צו שאַפן אַ צענטראַלן הילפס־אָרגאַן פאַר לויצקער יידן איז געוואָרן אַלץ דרינגענדיקער.

דעם 21.8.1954 איז אין חיפה פאָרגעקומען אַ אזכרה נאָך די לויצקער קדושים מיט דער באַטייליקונג פון גאַסט פון אַמעריקע, חזן יעקב עדערמאַן, דעם וואָלקער רבס אַ זון. אויף דער אזכרה האָבן די חיפהער חברים געבעטן דעם ה׳ עדערמאַן פאַרמיטלען צווישן די חיפהער און תל־אביבער חברים וועגן פאַראייניקן די אַרבעט און שאַפן אַ גמילת־חסדים־קאַסע פאַר לויצקער.

אויף מאָרגן, דעם 22.8, איז פאָרגעקומען די אזכרה נאָך די לויצקער קדושים אין תל־אביב — אויך מיט דער באַטייליקונג פון חזן י. עדערמאַן. נאָך דער אזכרה האָט י. עדערמאַן אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג צו שאַפן אַ גמילת־חסדים־קאַסע און ער האָט אויף דעם צוועק געשפּענדעט די ערשטע 25 פונט. איפן אָרט איז צווישן די אָנוועזנדיקע געזאַמלט געוואָרן נאָך 25 פונט.

דאָס געזאַמלטע געלט איז דורכן פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג איבערגעגעבן געוואָרן דעם ה׳ ש. וואַרקאַוויצקי, אויף וועלכן ס׳איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צוזאַמען מיטן ה׳ א. גאָלענדבערג רופן די ערשטע פאַראייניקטע אָרגאַניזיר־זיצונג פון אַקטיוויסטן פון תל־אביב, חיפה און ירושלים, כדי אויסוויילן די אָנפיר־אָרגאַנען פון דער ג״ח־קאַסע און אויך פאַרשטאַרקן די טעטיקייט פונעם ארגון יוצאי לויצק אין ישראל.

דעם 9.11.54 איז גערופן געוואָרן די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע זיצונג פון דער ג״ח־קאַסע אין תל־אביב. די זיצונג איז פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פון פאָלגנדיקע חברים: ד״ר מ. גריפעל — ירושלים, א. קרוין — רחובות, א. לאַנדסבערג ז״ל — ראשון־לציון, מ. גינדעל — חיפה, ד״ר י. שאַמפּאַניער — חיפה, מ. בן־יצחק — חיפה, ג. מירסקי — תל־אביב, ב. גרושעווסקי — ת״א, ש. וואַרקאַוויצקי — ת״א, א. אייזנבינדער — ת״א, נחמה ראָטשטיין־דאַוו — ת״א, א. גאָלענדבערג — ת״א, דוד בענדערסקי — ת״א.

אויף דער זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן אָנרופן די ג״ח־קאַסע אויפן נאָמען פון די לויצקער קדושים. ס׳איז געוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון 5 פּערזאָן: פאָרזיצער — א. לאַנדסבערג ז״ל, סעקרעטאַר — ד״ר י. שאַמפּאַניער, קאַסיר — ש. וואַרקאַוויצקי. מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג — ד״ר מ. גריפּעל און א. קרוין.

אין אויפזיכטס־ראַט זענען געוויילט געוואָרן ג. דאַוו — פאָרזיצער, סעקרעטאַר — י. פרידמאַן, מיטגלידער — ד. בענ־

פאַרוואַלטונג פון דער ג״ח־קאַסע

ערשטע ריי, פון רעכטס: א. גאָלענדבערג, ס. צוקערמאַן (קוליגער), בעלאַ פרידמאַן, א. לאַנדסבערג ז״ל, נ. דאַוו, ש. וואַרקאַוויצקי. צווייטע ריי, פון רעכטס: ד. בן־צבי, גינדעל, ד״ר י. שאַמפּאַניער, ד. בענדערסקי, מ. בן־יצחק (גענזיוק), י. פרידמאַן.

דערסקי, מ. בן־יצחק, א. איינבינדער און א. גאלענדבערג. אין דער רעווידיר־קאָמיסיע: מ. גינדעל, נ. דאַוו און ב. גרוי־שעווסקי.

די פאַרוואַלטונג מיטן ראַט זענען באַפולמעכטיקט געוואָרן אויסצואַרבעטן אַ סטאַטוט פון דער ג״ח־קאַסע, רעגיסטרירן אים ביי די מאַכט־אָרגאַנען און אָנהייבן אַ זאַמל־אַקציע פאַר דער ג״ח־קאַסע צווישן די לויצקער אין ישראל.

די ניי־אויסגעוויילטע פאַרוואַלטונג איז גלייך געשטעלט געוואָרן פאַר גרעסערע שוועריקייטן. די נייע עולים און די נויט־באַדערפטיקע האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער אַנטשטייונג פון דער ג״ח־קאַסע, דאַן ווען זי האָט נאָך צו איר דיספּאָזיציע נישט געהאַט קיין שום מיטלען.

נישט איין מאָל זענען די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג געווען געצווּנגען נעמען צו זיך אַהיים די אָנגעקומענע נייע עולים, שאַפן פאַר זיי פּלעצער אין האָטעלן, אַרויסגעבן הילף אויף ערשטע קליינע הוצאות א. א. וו.

די געשאַפענע 50 פונט האָבן נישט געסטייעט אַפילו אויף פּאָסט־הוצאות און דרוק־קאָסטן פאַר די ערשטע צירקולאַרן און אויפרופן, וועלכע זענען צעשיקט געוואָרן צו פיל הונדערטער לויצקער אין ישראל. אין תל־אביב און חיפה זענען אַדורכגע־פירט געוואָרן זאַמלונגען פאַר דער ג״ח־קאַסע. די זאַמלונגען זענען אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן, ווייל די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע אין ישראל איז נאָך נישט געווען סטאַביליי־זירט און ס׳איז געווען שווער אַרויסצונעמען יעדן פונט. דאָך האָט מען געקאָנט און אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט פאַרצייכענען באַדייטנדיקע רעזולטאַטן.

אין יולי 1955 האָט שוין די ג״ח־קאַסע געהאַט געזאַמלט אויסשליסלעך אין לאַנד 1330 פונט. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן די ערשטע הלוואות פון 50 ביז 100 פונט. אין יענער צייט זענען דאָס געווען סכומים, מיט וועלכע מ׳האָט געקאָנט עפּעס אויפטאָן. דאַן זענען אויך באַשטעטיקט געוואָרן איינמאָליקע שטיצעס פאַר נייע עולים, וועלכע נייטיקן זיך אין דעם, צו 30 פונט אויף אַ משפחה.

די זאַמל־אַקציע אין לאַנד איז געגאַנגען ווייטער. זי האָט געפאָדערט פון דער פאַרוואַלטונג אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט. די קאַסע איז געוואַקסן, ס׳זענען געזאַמלט געוואָרן באַשטייערונ־גען פון הונדערטער לויצקער. מ׳האָט געשיקט צירקולאַרן, גערופן זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, צוזאַמענקונפטן, מ׳האָט באַזוכט לויצקער און אָנגעהויבן אויך פאַרבינדן זיך מיט לויצקער לאַנדס־מאַנשאַפטן אויף דער גאָרער וועלט.

מ׳האָט געמוזט איינפירן אַ ביוראָ און אַ בוכפירונג. דער צענטער איז געוואָרן ראשון־לציון, ווו דער טייערער חבר אברהם לאַנדסבערג ז״ל האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער וויכ־טיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט מיט לייב און לעבן. ער האָט אַ סך געטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ג״ח־קאַסע, פאַר אַ האַרציקער און וואַרעמער באַציונג און פאַר אַ נאָענטן חברישן קאָנטאַקט מיט די ניי־אָנגעקומענע און נויטבאַדערפטיקע. ער איז געווען דער וואָס האָט געשריבן די בריוו צו די לויצקער אין דער גאָרער וועלט, געוועקט און געמאָנט זייער מיטאַרבעט און הילף. ער האָט געאַרבעט גאַנצע טעג ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, געשריבן אויפרופן, געדרוקט זיי, אַליין געשריבן די אַדרעסן, אַליין אָפּגעשיקט. ער האָט איינגעפירט אַ בוכהאַל־טעריע, געעפנט קאָנטעס אין בענק און פּערזענלעך באַזוכט די נויטבאַדערפטיקע און די נייע עולים. ער איז געווען דער אָנפירער אויף אַלע פאַרזאַמלונגען און צוזאַמענקונפטן און מיט זיין אומדערמידלעכער טעטיקייט, שטענדיקן הומאָר און ליבעס־ווירדיקן שמייכל אינספּירירט צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

און די אַרבעט האָט אָנגעהויבן געבן גרעסערע רעזולטאַטן. ס׳האָבן אָנגעהויבן אַריינפליסן אין דער ג״ח־קאַסע אונטער־שטיצונגען פון אויסלאַנד.

די לויצקער אין דער וועלט האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט אונדזער אינסטיטוציע. די גרעסטע פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער הילפס־טעטיקייט האָט אַרויסגעוויזן דער ניו־יאָרקער לויצקער לאַנדסמאַנשאַפט־רעליף, ווו אַ ריי איבערגעגעבענע לאַנדסלייט, בראש מיט די חברים יצחק פינקעל און ניסן פירער, האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע איבערגעגעבנקייט און פאַראינטערעסירונג מיט אונדזער אַרבעט. אויף זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק די רעזולטאַטן פון אונדזער זעלבסטטעטיקייט און זיי האָבן אָנגעהויבן שיקן הילף פאַר דער ג״ח־קאַסע מיט אַ ברייטער האַנט.

די פריינד יצחק פינקעל, יואל פינקעל, ניסן פירער און ש. באַס מיט זייערע פרויען האָבן באַזוכט ישראל אין 1955 יאָר, אָנגעקניפּט אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער אָנפירונג פון דער ג״ח־קאַסע. זיי האָבן דאַן אויך צוגעזאָגט, און שפּעטער מקיים געווען, ווייטערדיקע באַדייטנדיקע הילף פאַר דער ג״ח־קאַסע אויפן נאָמען פון די לויצקער קדושים.

די ג״ח־קאַסע איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט. אין אויגוסט 1956 האָט די ג״ח־קאַסע שוין געהאַט געזאַמלט אין ישראל פון 201 תורמים דעם סכום פון 1500 פונט. פון אויסלאַנד איז צו יענער צייט איינגעפלאָסן אַ סכום פון 7685 פונט. די קאַסע האָט אַרויסגעגעבן 39 הלוואות אויף אַ סכום פון 5965 פונט.

אין לויף פון דער אַרבעט זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אַרום דער קאַסע אַלע טעטיקע געזעלשאַפטלעכע כוחות פון די לויצקער אין ישראל. אַזוי אַרום איז די ג״ח־קאַסע געוואָרן אויך אַ פאַקטישער צענטער פון די לויצקער אין ישראל.

די פאַרוואַלטונג און ראַט פון דער ג״ח־קאַסע האָבן געאַרבעט אינטענסיוו און נישט געקאַרגט קיין צייט, קיין מי און קיין אויסגאַבן, יעדן מאָנאַט זענען פאָרגעקומען רעגולערע זיצונגען, אויף וועלכע ס׳פלעגן קומען ח״ח פון ירושלים, חיפה, רחובות, ראשון־לציון א. א. וו.

אַ גרויסן פאַרלוסט האָט די קאַסע געהאַט אין מאַי 1957 מיטן פּלוצעמדיקן טויט פונעם אומפאַרגעסלעכן, פון אַלעמען באַליבטן, איבערגעגעבענעם טייערן חבר אברהם לאַנדסבערג ז״ל.

זיין טרייע אַרבעט, ברויזנדיקע ענערגיע, ליבע צו מענטשן און אויסערגעוויינלעכע איבערגעגעבנקייט פאַר דער וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער וועט פאַר אונדז תמיד בלייבן אַן אידעאַלער מוסטער פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער.

אַלס פאָרזיצער פון דער ג״ח־קאַסע איז דאַן אויסגעוויילט געוואָרן דער ח׳ י. שאַמפּאַניער און אַלס סעקרעטאַר דער ח׳ י. פרידמאַן.

די פאַקטישע פאַכמענישע אָנפירונג מיט דער קאַסע האָט איבערגענומען ח׳ שמואל וואַרקאָוויצקי. צו דער פאַרוואַלטונג

זענען צוקאָאָפּטירט געוואָרן די ח״ח סאָניע צוקערמאַן און דוד בענדערסקי.

די ג״ח־קאַסע האָט פאָרגעזעצט איר טעטיקייט און נאָך מער פאַרשטאַרקט און פאַרברייטערט אירע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד.

אין דער צייט איז געשטאָרבן אין אַמעריקע די איבערגעגעבענע חברטע טעמע באָס ז״ל. אויף צו פאַראייביקן איר אָנדענק איז ביי דער ג״ח־קאַסע געשאַפן געוואָרן אויף איר נאָמען אַ פאָנד פאַר סאָציאַלער הילף. אויף דעם פאָנד האָט דער ח׳ ש. באָס געשפּענדעט אַ סכום פון 1800 פונט. די ניו־יאָרקער חברים האָבן זיך פאַרפליכטעט צו דערגאַנצן דעם פאָנד אַלע יאָר מיט נייע באַשטייערונגען. דער פאָנד אויפן נאָמען פון טעמע באָס ז״ל איז געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון דער סאָציאַלער אַרבעט צווישן די לויצקער.

אין 1957 איז געפייערט געוואָרן אין ניו־יאָרק דער יובילי פון יואל פינקעל, וועלכער איז אַלט געוואָרן 70 יאָר. אויף דער פייערונג איז געשאַפן געוואָרן פאַר דער ג״ח־קאַסע אויפן נאָמען פון די לויצקער קדושים אַן אָנגעזעענער סכום פון 5000 דאָלאַר, וועלכער האָט באַדייטנדיק פאַרפעסטיקט די אייגענע קאַפּיטאַלן פון דער קאַסע.

צום סוף פון 1957 האָבן די אייגענע קאַפּיטאַלן פון דער ג״ח־קאַסע באַטראָפן 27,000 פונט. צו יענער צייט האָט מען אַרויסגעגעבן 107 הלוואות אויף אַ סומע פון 20,515 פונט.

די גרעסטע הילף פון אויסלאַנד האָט די ג״ח־קאַסע באַקומען פון דער ניו־יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפט, און אין איר האָבן זיך אויסגעטיילט די פאָנדן אויפן נאָמען פון יואל פינקעל, פערל מאַראַנץ און טעמע באָס ז״ל. דערנאָך זענען געגאַנגען די לאַנדסמאַנשאַפטן פון בראַזיל, באַלטימאָר, אַרגענטינע, אַלעבאַנו, פּיטסבורג און קאַנאַדע.

אין די יאָרן 1958—60 פירט די ג״ח־קאַסע אַ ברייטע טעטיקייט צווישן די לויצקער. ס׳זענען פאַר דער צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן הונדערטער הלוואות. די נייע עולים, וועלכע זענען אין דער צייט אָנגעקומען פון פּוילן האָבן געהאַט זיך אויף וועמען אָנצושפּאַרן. מ׳האָט זיי וואַרעם באַגעגנט, געהאָלפן מיט פאַרגרעסערטע הלוואות און אין פאַל פון נויטווענדיקייט — מיט אונטערשטיצונגען.

אין דער צייט איז דער ח׳ ישעיהו פרידמאַן, אַ זייער טעטיקער און טיכטיקער חבר סיי אין ג״ח־קאַסע, סיי אין אירגון יוצאי לוצק, אַרויסגעפאָרן קיין לאָנדאָן. אויף זיין אָרט איז אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ג״ח־קאַסע דער דאָקטאָר זאב קלימבורד, וועלכער איז געוואָרן אַן אַקטיווער און איבערגעגעבענער מיטגליד און העלפט דער קאַסע מיט וואָס נאָר ער קאָן.

די ביורא פון דער ג״ח־קאַסע האָט זיך איבערגעטראָגן צום ח׳ דוד בענדערסקי, וועלכער האָט אָפּגעגעבן דערויף אַ צימער ביי זיך אין הויז. ער איז דער פאָרשטייער פון דער ג״ח־קאַסע, וואָס איז שטענדיק אויפן פּלאַץ און צו וועלכן עס ווענדן זיך דירעקט אַלע לויצקער נויטבאַדערפטיקע. די קאַסע איז אָפן צוויי מאָל אין דער וואָך און ס׳אַרבעטן אין ביורא אַ בוכהאַלטער און אַ סעקרעטאַר.

די הלוואות ווערן, אין זייער גרעסטער טייל, געצאָלט רעגולער. דער פּראָצענט פון די פאַרלעגענע הלוואות איז פּראָפּאָרציאָנעל קלענער, ווי אין די תל־אביבער בענק.

דער פאָרזיצער פון ארגון יוצאי לוצק, דער אַדוו. אַלעקסאַנדער קאָטליאַר, האָט אין די יאָרן 1959/60 זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג פון דער ג״ח־קאַסע און פיל געטאָן ביים אָרגאַניזירן דאָס אויפמאָנען די פאַרלעגענע הלוואות.

די אייגענע קאַפּיטאַלן פון דער ג״ח־קאַסע האָבן איבערגעשטיגן די סומע פון 30.000 פונט.

די לעצטע צוויי יאָר זענען די קאַפּיטאַלן פון דער ג״ח־קאַסע נישט פאַרגרעסערט געוואָרן, ווייל דאָס געלט וואָס איז אין דער צייט געזאַמלט געוואָרן אין לאַנד און אין אויסלאַנד אין גאַנץ גרויסע סכומים, איז געגאַנגען אויף אַרויסגעבן דעם „ספר לוצק״, וועלכער איז דער מצבה־אָנדענק נאָך אונדזערע טייערע אומפאַרגעסלעכע לויצקער קדושים און נאָך דעם פאַרשוווּנדענעם יידישן לויצק.

פאַר דער ג״ח־קאַסע שטייען נאָך גרויסע אויפגאַבן און אויפטועו לטובת די לויצקער יידן. מיר האָפן און גלויבן אין איר וווּקס און אַנטוויקלונג, אַז זי וועט ווייטער באַדינען די לויצקער אין ישראל און מיט כבוד טראָגן דעם נאָמען פון די לויצקער קדושים.

לוצקאים
בישראל

לויצקער
אין
ישראל

א. וואַקסמאַן

אברהם לאַנדסבערג

אין די יאָרן 1914—16, בעת די צעווילדעוועטע רוסישע סאָלדאַטן זענען אָפּגעטראָטן פון דייטש־רוסישן פראָנט, האָבן זיי פּאָגראָמירט, ראַבירט און פאַרברענט גאַנצע שטעטלעך און דערפער איף ביידע זייטן פונעם טייך סטיר. קודם כל האָט עס געטראָפן די יידן, וועלכע זענען געטריבן געוואָרן פון אָרט צו אָרט. זיי האָבן טאַקע באַקומען דעם ניי־געשאַפענעם נאָמען: „בעזשענצעס" (פּליטים).

מיטן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1917 האָבן קיין לויצק אָנגעהויבן זיך אומקערן די אַנטלאָפענע און אויך די מאָביליזירטע יידן. איינער פון די ערשטע צוריקגעקומענע קיין לויצק איז געווען דער אונדז אַלעמען באַקאַנטער און טייערער אברהם לאַנדסבערג מיט זיין פרוי און פאַמיליע.

איך אַליין האָב אברהם לאַנדסבערגן באַקענט אין די מלחמה־יאָרן, ווען די פלאַמען פון מיין פאַרברענט שטעטעלע ראָזשישטש האָבן מיך פאַרטריבן אין דער שטאָט לויצק.

אין יענער צייט האָבן זיך געשאַפן קרייזן פאַר ציוניסטישער אַרבעט, ציוניסטישע פאָנדן, גרופּעס פאַר העברעישער קולטור־אַרבעט, פאַר נאַציאָנאַלער געזעלשאַפטלעכער גלות־אַרבעט און פאַר דער טעטיקייט אין די קהילות און שטאָט־פאַרוואַלטונגען. עס האָבן זיך אויך אָרגאַניזירט גרופּעס פאַר פילאַנטראָפּישער טעטיקייט. צווישן די אַקטיווע פּין אָט די איבערגעגעבענע יידן איז געווען אברהם לאַנדסבערג.

טאָג און נאַכט האָט א. לאַנדסבערג געטראַכט, ווי אַזוי צו ברענגען נוצן יידן. געטאָן האָט ער דאָס אויף פאַרשידענע אופנים. צי איז דאָס געווען דורך דערהאַלטן אָרעמע מענטשן ביים לעבן דורך דער חברה „בית־לחם", וואָס ער האָט געשאַפן, צי דורך שיקן עמעצן פון „לינת הצדק" נעכטיקן צו אַן אָרעמען חולה, אָדער באַזאָרגן רפואות פאַר אָרעמע קענדער. ער האָט אויך געשאַפן די גמילת־חסד קאַסע, וואָס האָט געהאָלפן מענטשן שטעלן זיך צוריק אויף די פיס.

אברהם לאַנדסבערג

א. לאַנדסבערג איז תמיד געווען אַריינגעטאָן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — סיי אַלס מיטגליד פון דער יידישער קהילה אין לויצק, סיי אַלס חבר אין די ציוניסטישע, קולטורעלע און פינאַנסיעלע אינסטיטוציעס. זיין טעטיקייט האָט ער תמיד אויסגעפירט מיט טאַקט, איידלקייט און מיט דער בעסטער באַציִונג פון בין אדם לחברו.

אויב ער איז געווען אַ גבאי אין דער גרויסער שול, איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט אַ שטאַרק געפיל פאַר חזנישער און אויך וועלטלעכער מוזיק. דאָס לעצטע האָט אים אויך באַוויגן צו שאַפן דעם הזמיר־כאָר אין לויצק.

איך גופא האָב אים קיינמאָל נישט געהערט שפילן, אָבער ס'איז געווען באַקאַנט, אַז ער האָט זייער פיין געשפּילט פידל, זיינע איידעלע פינגער זענען ווי באַשאַפן געווען דערצו.

פון די אַלע יאָרן, וואָס איך געדענק אים, איז ער געווען אַ באַאַמטער — אַן ערשטקלאַסיקער בוכהאַלטער און קאַסירער אין באַנק. ער האָט שטענדיק געשלעפּט דעם שווערן עול פרנסה, אָבער אָן פּרעטענזיעס, ער איז תמיד געווען אַ שמח בחלקו, שטענדיק מיט אַ ליבן שמייכל אויפן פנים.

עס איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה מיט אַלע אירע פּורענויות. א. לאַנדסבערג איז ווידער געוואָרן אַ „בעזשעניעץ". דורך וועלדער און פעלדער איז ער געלאָפן אין טיף־רוסלאַנד, געגאַנגען צופוס און געשלעפּט זיך מיט עשאַלאָנען. שוין ביים אָנהייב פון דער וואָגלעניש טרעפט אים אַ גרויס אומגליק — ער האָט פאַרלוירן דעם עלטסטן זון, וועלכן ער האָט אפילו נישט געקאָנט געפינען, כדי אים צו ברענגען צו קבר ישראל. ער איז ווייטער געלאָפן ביז סיביר כדי צו ראַטעווען זיך מיט די צוויי פאַרבליבענע קינדער. אָבער ער האָט פאַרלוירן אויך דעם צווייטן זון.

דערוויל האָט די מלחמה זיך געענדיקט. א. לאַנדסבערג איז געקומען צוריק פון רוסלאַנד, געזוכט זיין היים, און געפונען קברים. אין לויצק איז כמעט קיין מנין יידן נישט געווען. ער האָט קדיש געזאָגט, אַ מצבה געשטעלט אויפן גרויסן ברודער־קבר פון די לויצקער קדושים, אַ דערשיטערטער איז ער ווידער געלאָפן ווו די אויגן טראָגן. דורך פוילן איז ער אַוועק קיין דייטשלאַנד, געווען דאָרט אַ שטיקל צייט, און באַלד נאָכן אַנט־שטיין פון מדינת ישראל האָט ער פאַרפּאַקט די אָרעמע פּעקלעך און געקומען אַהער — צו זיין לעצטער סטאַנציע.

ווען איך האָב זיך דערוווּסט אַז א. לאַנדסבערג, איינער פון די בעסטע חברים און פריינד געפינט זיך אין ישראל, האָב איך קודם כל אים אַרויסגענומען פון דער „מעברה" און דורך דער אינטערווענץ פון העניע וואַקסמאַן באַקומען פאַר אים, ווי פאַר אַ „ציוני ותיק", אַ שיכון. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן פאַר אים אַ קאַסירער־פּאָסטן, כדי ער זאָל האָבן די ערשטע מעגלעכקייט פאַר אַ בכבודיקער עקזיסטענץ.

שפּעטער איז אים געלונגען אַראָפּצוברענגען קיין ישראל זיינע קינדער: דער זון (אַ ציין־דאָקטאָר) מיט דער שנור און אייניקל. ביסלעכווייז איז ער צוריק אַריין אין נאָרמאַלן לויף פון לעבן.

באַלד ביי דער ערשטער געלעגנהייט ווידמעט ער זיין פרייע צייט פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט: ער פאַרלייגט די גמילות־חסדים קאַסע פון די לויצקער יידן אין ישראל. אַדאַנק זיין פערזענלעכן איינפלוס און זיינע האַרציקע ווענדונגען צו די לויצקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע און אין אַנדערע ער־טער — הייבן זיי אָן צו שיקן פאָנדן פאַר דער לויצקער ג"ח־קאַסע. אַט דער דערפאָלג אין זיין אַרבעט האָט אים דערמוטיקט און ער איז געקומען צו זיך נאָך די שווערע איבערלעבונגען אין די מלחמה־יאָרן.

אָבער גראָד דאַן הייבן אָן קומען אויף אים יסורים און צרות איינע נאָך די אַנדערע. פלוצעם איז אים אָפּגעשטאָרבן זיין איבערגעגעבענע פרוי. ער בלייבט עלנט און אַליין אין דער ליידיקער דירה. ער ווערט דערשלאָגן און קאָן שוין מער צו זיך נישט קומען.

ער ווערט אַליין שווער קראַנק. די קינדער טוען אַלץ כדי אים צו ראַטעווען. ער אַליין, מיט זיין שטאַרקן חשק צום לעבן איז גובר די שוואַכקייט און קומט צו זיך. ער גייט איבער צו די קינדער און אייניקלעך כדי צו האָבן פון זיי אַ ביסל נחת אויף דער עלטער.

אָבער פלוצעם, ל"ג בעומר תשי"ח (19.5.57), איז געקומען די טרויעריקע ידיעה: אברהם לאַנדסבערג איז מער נישטאָ.

אַ נאַכט פריער האָט ער נאָך באַוויזן אָנצושרייבן אַ וואַרעמען בריוו צו די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט. ער האָט אָנגעקלעפּט אַ פּאָסט־מאַרקע און פאַרשריבן אין בוך פון דער קאַסע זיין לעצטע שורה: „הוצאות בול לאמריקה — 15 גרוש". ער האָט געלאָזן דעם בריוו אויפן טיש כדי אים אין דער פרי אַוועקצושיקן. אין דער פרי איז ער אויפגעשטאַנען, זיך אַרומגעוואַשן און געזאָגט, אַז ער פילט זיך נישט גוט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע און אויסגעגאַנגען בקדושה ובטהרה.

יהי זכרו ברוך!

א. הברו־אבטיחי

ר' בנימין גרושעווסקי

צו די אָנגעזעענסטע יידישע עסקנים און איבערגעגעבנסטע ציו־ניסטישע טוער, וואָס לויצק האָט אַרויסגעגעבן, געהער ר' בנימין גרושעווסקי, וועלכער געפינט זיך איצט אין תל־אביב. ער איז גע־ווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אָנהייבנדיק פון זיין פריער יוגנט אָן אין זיין געבורט־שטאָט פּרושאַני און שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין לויצק אין יאָר 1905.

בנימין גרושעווסקי

נאָך אין די צאַרישע צייטן, בעת די ציוניסטישע טעטיקייט, ווי יעדע אַנדערע, האָט געמוזט גע־פירט ווערן אונטער אַ מאַסקע און די עיקרדיקע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אין נאָמען פון אָדעסער וועד פון די חובבי ציון — איז ב. גרושעווסקי אַריינ־געצויגן געוואָרן אין דער טאָגטעגלעכער ציוניסטישער טעטי־קייט פון לויצק ביז ער איז געוואָרן איינער פון די באַפולמעכ־טיקטע פון אויבנדערמאָנטן וועד. אין דער זעלבער צייט האָט גרושעווסקי איינגעזאַפּט דעם חסידישן גייסט און זיך דערנענטערט צום סטאָלינער הויף — צום רבין ר' יוחנן בר' ישראל, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין לויצק. דער ציוניסטישער ענטוזיאַזם האָט זיך אין אים נאַטירלעך צונויפגעגאָסן מיט דער חסידישער התלהבות.

בעתן טוישן זיך פון דער מאַכט — פון די אוקראַינער, און שפּעטער פון די פּאָליאַקן — ווען עס האָט זיך אָרגאַניזירט די יידישע קהילה, און עס זענען געווילט געוואָרן אַ שטאָט־פאַר־וואַלטונג און אַנדערע אַלגעמיינע און יידישע אינסטיטוציעס — איז גרושעווסקי דערשינען אויף די קאַנדידאַטן־ליסטעס אין

נאָמען פון דער יידישער געזעלשאַפט און פון די ציוניסטן.

ב. גרושעווסקי האָט זיך באַטייליקט אין דעם שאַפן אַ גימ־נאַזיע פאַר יידישע קינדער, אין דעם גרינדן דעם חבר־מתוקן, וועלכער איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקער העברעישער שול. ער איז געווען צווישן די גרינדער פון דער געזעלשאַפט פאַר באַזעצן זיך אויף ערד אין ארץ־ישראל, צווישן די שפּעטער פון אַ יידישער פאָלקס־באַנק און פון אַ ציוניסטישער באַנק אין שטאָט.

בעת דער פּוילישער הערשאַפט האָט ער געקעמפט פאַר דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער ליסטע צו די וואַלן, און דערפאַר איז ער בעת די וואַלן געוואָרן אַרעסטירט. ער האָט פאַרשפּרייט די אַקציעס פון ארץ־ישראלדיקע געזעלשאַפטן און באַנקן און געהאָלפן די חלוצים, וועלכע זענען געקומען פון יענער זייט גרענעץ, אַז זיי זאָלן קאָנען עולה זיין קיין ארץ־ישראל. ב. גרו־שעווסקי איז אויך געווען צווישן די גרינדער פון געברויכס־קאָאָפּעראַטיוו און סעקרעטאַר פון ציוניסטישן שטאָט־קאָמיטעט.

נאָך דעם ווי ב. גרושעווסקי האָט באַגלייט צענדליקער משפחות און הונדערטער חלוצים קיין ארץ־ישראל איז ער אויך אַליין עולה. צוזאַמען מיט אַנדערע איז ער געווען אין דער ריי נאָך אַ סערטיפיקאַט. געקומען קיין ארץ־ישראל איז ער ערב פּסח תרצ״ג (1933).

קומענדיק אין לאַנד איז ב. גרושעווסקי ווייטער טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז ווייטער געבליבן אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט זיינע בני־עיר און גערופן זיי עולה צו זיין. מיט פרייד האָט ער באַגעגנט יעדן נייעם עולה און אים אַרויסגעוויזן די מעגלעכע הילף.

אין די פערציקער יאָרן ווען די לויצקער קהילה איז אומ־געקומען און אַ סך פון די לויצקער יידן זענען מגולגל געוואָרן אין רוסלאַנד — האָט ב. גרושעווסקי, אַלס מיטגליד פון קאָמי־טעט פון ארגון יוצאי וואָהלין בישראל, געזאָרגט פאַר שיקן זיי שפּייז און מלבושים־פּעקלעך אין גלייכצייטיק האָט ער זיך באַמיט צו באַקומען פאַר זיי דערלויבענישן עולה צו זיין אין לאַנד. נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַקומען אַריינפאַר־דערלויבענישן פאַר אַ ריי לויצקער יידן, און צווישן זיי — פאַרן רבין ר׳ יוחנן פּערלאָוו זצ״ל, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין טאָכטער געקומען אין לאַנד. די לויצקער עולים פון נאָכן חורבן ווייסן אַ סך צו דערציילן וועגן דער הילף פון גרושעווסקין און זיין פרוי, אין זייער איינאָרדענען זיך אין לאַנד, אין לעבן א.א.וו.

איצטער געפינט זיך צווישן אונדז ר׳ בנימין גרושעווסקי אין ער טראַכט נאָך אַלץ וועגן טוען גוטס פאַר חברים און פאַרן פאָלק און זיין מדינה.

ברוך קצנלבוגן (בר תקוה)

בית הרבי מלוצק

בין ארבעים אלף בתי־אב יהודיים שמנתה לוצק, העיר על גדות הסטיר אשר בפולין לפני חורבן אירופה, התנוסס בית אחד, יחיד במינו ובאופיו, שנשא את השם „בית־יהודי־טוב״ („אַ גוט־יידישע־שטוב״).

אכן, לא מן ההפקר זכה הבית לתואר כזה, שכן משפחת הרבי קצנלבוגן היתה נצר מגזע צדיקים בעלי־שם ומעשה — נכדי הבעש״ט, מחולל החסידות מזה, ונכדי „בעל־התניא״ יוצר חב״ד — מזה. אבות התנועה החסידית בעם — היו אבותיה.

עם שושלת היוחסין במשפחה זו, של האדמו״ר הזקן ובנו יחידו האדמו״ר הצעיר, הנמשכת זה דורות על דורות, עברו אליהם „בירושה״ אותן הסגולות התרומיות שבהן נתברכו אבו־תיהם. ביחוד הצטיין הבית הזה באהבת ישראל, באהבת האדם, באשר הוא אדם שנברא בצלם...

✶

הרבי ר׳ יוסף דוד, זכר צדיק לברכה, סבו של כותב הטורים האלה, בבואו ללוצק בנה בית משלו וכן בית כנסת גדול על ידו ברחוב קאראימסקי. עשרות חסידים, לומדים, „יושבים״ וסתם „יהודים מכל ימות השנה״, היו מבאי הבית הזה, אכלו את לחמו וישנו על ספסלי בית הכנסת...

סבא ואבא זצ״ל, אף הם היו מבלים את הימים לרבות הלילות בין כותלי בית המדרש, יושבים ועוסקים בתורה, כל אחד לפי דרכו. אבא ז״ל השקיע את מלוא חריפות מוחו ב„נגלה״, ואילו סבא ז״ל — עסק ב„נסתרות״... בזוהר ובספרי קבלה. אמרו עליו, כי ה„נסתר״ היה לו ל„נגלה״...

✶

בשנת 1914, עם פרוץ מלחמת העולם הראשונה, עזבו בני משפחת קצנלבוגן בעל כורחם את לוצק וברחו לרוסיה כפליטי־חרב. סבא ז״ל — לאודיסה, ואילו אבא ז״ל עם המשפחה נתגלגלו לצפון רוסיה ומשם, כעבור שנים מספר, אף הם באו לאודיסה.

ברם, רצה הגורל ושמם של סבא ואבי מורי ז״ל נשאר קשור עד היום קשר הדוק עם זכר העיר לוצק; בכל דרכי נדודיהם „לא שינו את שמם״ — בכל מקום שהופיעו, שמם הלך לפניהם: „הרבי מלוצק!״ כבחוץ לארץ כן גם בארץ.

✶

בשנת תרפ״ח עלה סבא מאודיסה לארץ־ישראל. התיישב בתל־אביב. ברחוב האר״י מס׳ 9 בנה את ביתו ובתוכו בית־כנסת, שבו התרכזו רבים מבין יוצאי לוצק, השייכים לחוגים אלה.

חסידיו־מעריציו יודעים לספר, כי בבניית ביתו עזרו לו הרבה „גדולי חכמי אודיסה", בני־עירו, שממנה עלה ארצה. הם התפעלו מאומץ לבו ומרוח החלוציות הפועמת בו, שכן עזב את בנו, יחידו, אשר אהב, אותו ואת ביתו, ועלה לארץ, על קידוש השם! על כן, עזרו לו בכל אשר ביקש.

מספרים, כי פעם אחת בא סבא ז"ל לפני חיים נחמן ביאליק ז"ל וסיפר לו, כי ר' מאיר דיזנגוף ז"ל נתן הוראה להקציב לבנים לבניין ביתו, אבל השאלה היא איך להעביר את החומר למקום הבנייה, באין לו תחבורה משלו. על כך אמר



בית הכנסת ע"ש הרבי מלוצק בתל־אביב

לו המשורר הלאומי הדגול: „אל דאגה, רבי ומורי, יהיה טוב!" ואכן למחרת היום באה שיירה גדולה של תלמידי הגימנסיה „הרצליה" וכל אחד מהם מכסת לבנים על שכמו...

ושוב מספרים אותם החסידים, כי בטקס הנחת אבן הפינה לבנין בית הכנסת הזה היו נוכחים אישים דגולים מהישוב וביניהם: אחד־העם, ביאליק, דיזנגוף ואחרים. סבא ז"ל נתבקש על ידם לאמר דברי תורה. על כך אמר מפרשת השבוע לאמור: „ועל טפכם אשר אמרתם לבז יהיו, הם יבואו וירשו את הארץ" והוסיף: „הדור הצעיר, על אף החסר הגדול אשר יש בו, הוא יזכה לבנות את הארץ."

הדברים מצאו מאוד חן בעיני הנוכחים, כי נהנו לשמוע דברי־ציונות מפי אדמו"ר זקן. והיה לזה הד רחב גם בישוב כולו. הרב הראשי מרן קוק זצ"ל קירב את סבי וכיבדהו. לפי דרישת הרב קוק זצ"ל באו בשנת תרצ"ה גם הורי לארץ־ישראל.

אהבת־ציון היתה גדולה גם אצל ההורים. זכורני, פעם אחת, לפני צאתם לארץ, אמר לאבא ז"ל אחד מחסידיו, מזקני העדה, לאמור: הרי אנו מאמינים בביאת המשיח, ומה טעם לעלות לארץ לפני ביאת הגואל? על כך ענה לו אבא ז"ל בחכמה: „במקום ללוות את המשיח לארץ, מוטב לצאת לקראתו"...

✶

בשנת תרצ"ה נפטר סבא זצ"ל זקן ושבע ימים וזכה שבנו יחידו ילווה אותו בדרכו האחרונה. קהל רב של חסידים־מעריצים ליווּ אותו למנוחת עולמים על הר הזיתים אשר בירושלים.

אבא ז"ל, אשר חונך וגדל על ברכי סבא, הלך בדרך אבותיו. רבים היו שהסתופפו בצלו, כולם כאחד כיבדוהו אף אהבוהו, על חכמתו הרבה וטוב לבו, שהיה בו ממידת החסד של אברהם אבינו...

במידות נעלות מלוא חפנים נחנה גם אמי מורתי, זכרונה לברכה, הרבנית של בית הרבי מלוצק, מרת אסתר־פייגה ע"ה, ומידת הכנסת־אורחים — כנגד כולן! הבית היה תמיד פתוח לרווחה, בחינת „כל דיכפין". בני ישיבות ירושלים, אלה המזדמנים עוד כיום לבית הזה, מספרים על הימים ההם, כאשר בחור־ישיבה היה צריך לנסוע לתל־אביב, לא היתה לו כל דאגה „איפה אלון?", כי ידע שישנה כתובת... ברחוב האר"י 9, אצל הרבי והרבנית מלוצק, הם ימצאו אוכל, לינה ובעיקר — יחס אבהי ואמהי חם ולבבי...

✶

בשנות תש"ג—תש"ד, בזה אחד זו, נפטרו הורי, הרבי והרבנית (כ' באדר ב', י"ז בתשרי) — האחרונים בשושלת האדמו"ר מלוצק. קהל רב של חסידים, מעריצים וידידים בא ללוות אותם למנוחת עולמים בהר הזיתים אשר בירושלים, על יד קברותיהם של סבא וסבתא ז"ל.

הרב לוי הלוי גרוסמן, ידידו הנאמן של אבי מורי ז"ל, אמר בדברי הספדו בין השאר: „ישנם שני סוגים של חלוצים במסורת היהודית ושניהם מנוגדים ושונים בתכלית לפי תוכנם ומהותם: יש חלוץ, שאינו רוצה להקים לאחיו שם בישראל. ע"י זה הוא נחלץ מהמחנה ונקרא בלשון המקרא: ,בית חלוץ הנעל'. ויש חלוץ ,העובר לפני המחנה', המוסר את נפשו ואת כל אשר לו על קידוש השם, האומה והארץ, כבני גד וראובן, שאף־על־פי שהתבססו במקום מגוריהם, בעבר־הירדן, והיה להם מקנה רב ורכוש גדול, בכל זאת הפקירו את נשיהם וטפם ויצאו בראש המחנה ללחום את מלחמת השם ולכבוש את הארץ בשביל אחיהם. המנוח, היה מהסוג השני של החלוץ. כדרך אבותיו עזב בניכר, בגו־גלותא, את בניו ואת בתו היחידה, אשר נפשו היתה קשורה בנפשם, ועלה לארץ הקודש!"

בספר „אנשי־שם" (לקסיקון־תורני־עולמי), שיצא בארץ בשנת ת"ש — נתפרסמו פרטים על אבי מורי ז"ל בלווית תמונתו.

✶

אחרי פטירתו של הרבי מלוצק, רבי אברהם זצ"ל, קיבלו עליהם קבוצת ידידיו־מעריציו, מנאמני בית הרבי מלוצק, ובראשם הרב הגאון ר' לוי הלוי גרוסמן והרב הגאון ר' מרדכי שרייבמן — לשמור על הגחלת „הלוצקאית" שלא תכבה.

ואכן, הבית הוסיף להיות במשך כל השנים מקום תפילה ותורה על שם הרבי מלוצק, זכר צדיק לברכה.

בשנת 1947, הצליח הבן הצעיר של האדמו"ר מלוצק, כותב הטורים האלה, להגיע לארץ, כשדרכו לציון עוברת במחנות הסגר, בערבות סיביר ומדבריות קזכסטאן במשך עשר שנים ומעלה — כאסיר ציון.

לצערו הרב, לא מצא את אבותיו בחיים, אלא הספיק עוד להשתטח על קברותיהם בהר הזיתים אשר בירושלים.

הבן התיישב בבית הוריו והוא שומר על הירושה הרוחנית שנשארה לו מאבותיו — בית כנסת על שם הרבי מלוצק זצ"ל.

וכך קיימת במדינת ישראל, בעיר תל־אביב רבתי, ברחוב האר"י 9 מצבה חיה לזכר העיר לוצק.

שלום רוזנפלד / ישראל

שלמה בן־יוסף — איש לוצק

זכתה לוצק, עיר ואם בישראל, ומבין בניה יצא היהודי הראשון אשר הועלה לגרדום על־ידי הבריטים בארץ־ישראל ונעשה בכך סמל לדור לוחם.

זכתה לוצק, עיר ואם בישראל, ואחד ממבניה — איש־עמל אשר משחר נעוריו העביד עצמו בפרך למען פרנס את משפחתו המרודה, איש־חלומות אשר גם בעניו הקשה לא חדל אף לו׳ע מלהאמין בעתיד מזהיר למען עמו, איש־פעולה אשר עבר באהבה רבה את כל דרך־היסורים של צעיר ציוני בגולה, מעפיל לארץ־ישראל וחלוץ בגליל העליון — זכתה לוצק ואחד מבניה היה למבשרו הראשון של המרד במלכות זרה.

20 שנה חלפו מאז הידק התליין את החבל על צווארו של שלום טבצ׳ניק (שלמה בן־יוסף) בכלא עכו.

בימים ההם מפולג היה העם — לעתים עד כדי שנאה הדדית עזה — בהערכת הארועים הפוליטיים והבטחוניים שעל רקעם התרחשה כל פרשת שלמה בן־יוסף, החל ב„הרפתקה" הרומנטית־הנועזת בהרי ראש־פינה וכלה באפופיאת הגבורה בצל הגרדום.

היום, כשכולנו עומדים מעל ומעבר לשנאות האמתיות וה־מדומות של הימים ההם, היום כשיש לכולנו הפרספקטיבה ההיסטורית הנכונה לראיית מאורעות העבר, משתכחים מלב דברי פולמוס חריפים והתנצחויות קטנוניות ומבעד למסך העבר מז־דקרת דמותו הזוהרת של הנער היהודי מלוצק שהלך למות בעד האידיאלים שלו בגבורה רבה ושירה על שפתיו.

★

הזוכרים אתם עוד את רחוב פילסודסקי בלוצק, רחוב הדלות היהודית? הזוכרים אתם עוד את הצריפים הדלים, את בתי העץ השחוחים והמעוקמים מזוקן?

שם, באחד הבתים האלה ברחוב פילסודסקי 54, נולד ב־7 במאי 1913 שלום לאביו יעקב יוסף ולאמו רחל טבצ׳ניק. לשוא נחפש בקורות חייו הקצרים של שלום הרפתקאות מיוחדות או מאורעות בלתי רגילים. מבחינה זו היה הוא נציג טיפוסי של דלת־העם היהודית, אחד מרבבות ומאות האלפים הצעירים היהודים, השתקנים והמצניעים־לכת, שחיי העוני לא עיקמו את נפשם ולא הנמיכו את קומתם הלאומית.

אביו של שלום טבצ׳ניק, ר׳ יעקב יוסף, התפרנס בדוחק מעבודתו הקשה כשומר לילה בטחנת הקמח. היה יהודי ירא שמים, צנוע, שקיבל את יסוריו באהבה. אשתו רחל, אשה פקחית ושקדנית — בת אותו דור שלעיניו עברו זוועות מלחמה ופוגרו־מים, קשורה היתה בכל נימי נפשה למסורת ישראל ולעם ישראל וה„אידישקייט" היתה המטרה העליונה של חייה.

הנבוא לספר את הביוגרפיה של שלמה בן יוסף?

לא, עד לאותו מעשה נועז בראש־פנה — כאשר יצא יחד עם שני צעירים אחרים מפלוגת הגיוס של בית״ר, אברהם שיין ושלום ז׳ורבין, להתקיף אוטובוס ערבי, כתגובה על רצח ברברי של ששה יהודים בכביש עכו—צפת — לא היתה לשלום טבצ׳ניק שום „ביוגרפיה" שתבדילו לטובה או לרעה מרבבות צעירים ציוניים אחרים בלוצק או בערי ווהלין האחרות. „חדר מתוקן", השכלה חילונית דלה, תנועת נוער ציונית (חבר בבית״ר), הכשרה, צפיה של שנים ל„סרטיפיקט", לילות של חלומות בהקיץ על ארץ־ישראל ב„קן" ולבסוף ההעפלה לארץ־ישראל.

אך גם אם לא נבדל מאלפים אחרים, הרי בכל זאת אי אפשר שלא לציין את קו האופי היסודי שייחד כל כך את שלום טבצ׳ניק: הנאמנות שלו, ושלמות־הנפש שלא הותירה כל אפש־רות, כל פתח, למשהו לא־אמיתי, למשהו מזוייף באמונתו.

אמרתי: גם בכך לא היה אולי שונה ואחר מאלפים רבים בתנועתו שלו ובתנועות־נוער ציוניות אחרות — בחממה הנפלאה הזאת של חולמים, לוחמים, חלוצים, מעפילים ומורדים בגולת פולין של הימים ההם. ואף על פי כן, אצלו בלטו תכונות־אופי אלו במידה כזו שהיו לחלק אינטגראלי מאישיותו. באותה טבעיות „מובנת מאליה" טיאטא מדי ערב את רצפת קן בית״ר בעירו, שאב מים או חטב עצים בהכשרה בשומסק, עבד עבודת פרך ברוז׳ישץ, קוז׳ין או לכוביץ, נטש את אמו הזקנה כדי להעפיל ארצה, התנדב לעבודת המחצבה המפרכת בראש־פנה — כפי שצעד אחר כך אל תא הגרדום בעכו.

מעולם, מעולם לא התחמק ולא השתמט מכל תפקיד, מכל פעולה, מכל עבודה — אפילו הבלתי נעימה ביותר, אפילו הקשה ביותר.

